STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01946

FUN PERETSES OYTSER

Isaac Leib Peretz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון
פרצעס אוצר

(פרץ-אנטאָלאָגיע)

צו י. ל. פרצעס 100סטן געבוירנטאָג

צונויפגעשטעלט און פאַרטייַטשט

פון

זלמן יעפרויקין

אַרויסגעגעבן פון דעם

בילדונגס-קאָמיטעט פון אַרבעטער-רינג

ניו-יאָרק, 1952

A PERETZ TREASURY

Compiled, with annotations
and biographical sketch

By ZALMAN YEFROIKIN

Copyright 1952
By the
EDUCATIONAL DEPARTMENT
of the
WORKMEN'S CIRCLE
New York, N. Y.

Printed in the United States of America

166



י. ל. פרץ

אינהאַלט:

	זײַט
י. ל. פּרץ	6
פֿון מײַנע זכרונות	24
שלום־בית	39
מענדל ברײַנעס	45
דער תּענית	54
די לבֿנה פֿאַרציילט	58
צוויי ברידער	60
דאָס געבעט	65
מיין נישט	66
שׂרה בת טובֿים	67
דער אוצר	78
ברידער	84
ניסים אויפֿן ים	85
דער באָס	95
די נאַכט־וועכטער	115
לשנה טובֿה	116
אויב נישט נאָך העכער	117
דער נזיר און דער פּראָם	123
דרײַ מתּנות	124
בײַם גוסס צוקאָפּנס	138
טרייסט	146
צווישן צוויי בערג	147
משיחס צײַטן	167
דער אייביקער פֿרידן אין ערגעץ־לאַנד	177

	זײַט
די היטערין פֿון אייביקן פֿרידן	186
די פֿרומע קאַץ	190
באָנטשע שווײַג	194
דרײַ נייטאָרינס	204
מאָניש	205
די גאָלדענע קייט	223
האַלט ס׳מויל	236
פֿון יחזקאל	237
פֿון פּרצעס געדאַנקען־וועלט	
האָפֿענונג און שרעק	239
מיר ייִדן	241
מײַן פֿאָלק	244
וואָס איז ייִדישקייט?	246
צו די וואָס גייען אַוועק	247
אין פֿאָלק ייִדן, זײַן שפּראַך איז — ייִדיש	248
קונסט און טראַדיציע	250
צום נבֿיא	252
וואָס ווילן מיר?	252
כּלל און פּרט	253
וועגן געשיכטע	254
גאָט און מענטש	255
אַ ניגון	257
פּרץ־פֿונקען	259

*
**

די זאַמלונג „פֿון פּרצעס אוצר" איז אַרויסגעגעבן לכּבֿוד י. ל. פּרצעס 100סטן געבוירנטאָג.

זי האָט אין זינען קודם-כּל דעם תּלמיד פֿון דער ייִדישער שול און די יוגנט וואָס וויל זיך באַקענען מיט פּרצעס שריפֿטן אין אָריגינאַל און ניט דורך איבערזעצונגען.

דעריבער האָט דער צונויפֿשטעלער פֿון דער זאַמלונג צוגע-פּאַסט די טעקסטן צו די קענטענישן און אויפֿנעם-פֿעיִקייטן פֿון דער היגער ייִדישער יוגנט און אויך צוגעגעבן אַ שלל דערקלערונגען פֿון שווערע ווערטער, אידיאָמען און באַגריפֿן. כּדי צו פֿאַרגרינגערן דאָס לייענען קומען די דערקלערונגען גלײַך אויף יעדער זײַטל.

מיר האָבן אַרײַנגענומען אין דער זאַמלונג אַלץ וואָס, לויט אונדזער מיינונג, רעפּרעזענטירט י. ל. פּרצן ווי אַ שרײַבער און דענקער. זי אַנטהאַלט רעאַליסטישע, פֿאָלקסטימלעכע, חסידישע און אויך סימבאָלישע שאַפֿונגען פֿון י. ל. פּרץ.

צום סוף גיבן מיר אַ תּמצית פֿון י. ל. פּרצעס געדאַנקען, אַרויס-גענומען פֿון זײַנע עסייען און פֿאַרבונדן לויט טעמעס און עס קומען אויך צו פֿונקען פֿון י. .ל. פּרצעס אידייען, וואָס זײַנען ציטאַטן פֿון זײַנע בעלעטריסטישע און פּובליציסטישע שאַפֿונגען.

מיר רעכענען אַז די איצטיקע זאַמלונג וועט אויך זײַן נוצלעך יעדן איינעם וואָס האָט ניט די מעגלעכקייט צו לייענען גאַנץ פּרץ.

דער צונויפֿשטעלער וויל אויסדריקן אַ דאַנק די חבֿרים-לע-רערס: ח. ש. קאַזדאַן און ת. בערנשטיין פֿאַר זייערע ווערטפֿולע אָנווײַזונגען.

אַ גאָר באַזונדערער דאַנק קומט יודל מאַרק, וועלכער האָט זאָרגעוודיק דורכגעקוקט דעם גאַנצן מאַנוסקריפּט מיט אַלע הערות.

די באַפֿרידיקונג אַז י. ל. פּרץ וועט דורך דער זאַמלונג ווערן נעענטער און אייגענער דער ייִדישער יוגנט — וועט זײַן אונדזער אַלעמענס באַלוינונג.

צום סוף דריקן מיר אויס אונדזער דאַנק נ. כּאַנין, דעם בילדונגס-דירעקטאָר פֿון אַרבעטער-רינג און דעם בילדונגס-קאָמיטעט פֿאַרן אַרויסגעבן די זאַמלונג.

ז ל מ ן י ע פֿ ר ו י ק י ן

י. ל. פּרץ

(1915—1852)

א.

יצחק לייבוש פּרץ איז געבוירן געוואָרן אין פּוילן — אין דער שטאָט זאַמאָשטש, דעם 18טן מאַי, 1852.

י. ל. פּרץ שטאַמט פֿון אַ משפּחה וואָס איז געווען רײַך מיט למדנים און רבנים. זײַן פֿאָטער, ר׳ יודל, איז געווען אַ סוחר און אַ גרויסער למדן. ער איז געווען אַ מענטש מיט אייגענע מיינונגען און פֿירונגען. ער האָט פֿאַר יענער צײַט געהאַט „מאָדנע״, ליבע־ראַלע אײַנפֿאַלן: דער רבי זאָל אויף אַ שעה צײַט אַרויסלאָזן די חדר־ייִנגלעך זיך שפּילן אויף דער פֿרישער לופֿט און ניט האַלטן זיי אַ גאַנצן טאָג פֿאַרשטיקט אין חדר און אַז אַ מלמד דאַרף ניט שלאָגן זײַנע תּלמידים.

ווען עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מען וועט פּוילישע ייִדן נעמען אין דער רוסישער מיליטער, האָט ער געראָטן ניט צו גיין און ניט צו שרעקן זיך, ווײַל „אַ וועלט זעצט מען ניט אײַן אין תּפֿיסה״.

פּרצעס מוטער, אַזוי ווי דער פֿאָטער, האָט געשטאַמט פֿון גרויסן יחוס. זי איז געווען אַ פֿרומע און זעלטן גוטהאַרציקע. מען האָט זי גערופֿן די צדקת: „באַרגט אויף זיך און אויפֿן הויזגעזינט און גיט צדקה״.

זי האָט אָבער פֿײַנט געהאַט, אַז מען זאָל זײַן פֿרום אויף יענעמס חשבון: איין מאָל איז צו זיי געקומען אַן אורח אויף שבת און ער האָט פֿאַרנוצט צו פֿיל וואַסער בײַם וואַשן זיך צום עסן. דערציילט פּרץ: „בײַ אונדז טראָגט וואַסער דאָס קליינע, קראַנקע אײַזיקל וואָס איז מפֿרנס מיט וואַסער־טראָגן אַ ווײַב מיט אַכט קינדער, און נעמען נעמט ער בײַ אונדז ניט פֿון דער קאַן, נאָר פֿאַר דער וואָך . . . מאַכט די מאַמע וואָס שטייט מיר צוקאָפּנס שטיל צו זיך, נאָר איך הער: — „פֿרום אויף אײַזיקלס חשבון״.

פּרצעס עלטערן זײַנען ניט געווען רײַך, אָבער זיי פֿלעגן זיך שטענדיק זאָרגן פֿאַר אָרעמע און אומגליקלעכע.

ביידע — דער טאַטע און די מאַמע — האָבן איבערגעלאָזט טיפֿע שפּורן אין פּרצעס נשמה־לעבן. „דעם טאַטנס „אַ וועלט זעצט מען ניט איין" און דער מאַמעס „פֿרום אויף איזיקלס חשבון" די צוויי זאָמען, די צוויי קערנדלעך — דערציילט פּרץ — וואָס מען האָט מיר אין דער יונגער נשמה אַרײַנגעוואָרפֿן, זײַנען קיין מאָל ניט פֿאַרלוירן געגאַנגען, שטענדיק שטיל און באַהאַלטן געשפּראָצט און אין אַלע מײַנע זאַכן אויסגעשפּראָצט."

דאָס געפֿיל פֿון גוטסקייט, פֿון מענטשן־ליבע און דאָס שטרעבן צו מאָראַלישער גאַנצקייט פֿאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין פּרצעס שאַפֿן.

פֿון קינדווײַז אָן האָט פּרץ זיך אויסגעצייכנט מיט זײַנע פֿעי־קייטן — מיט זײַן שאַרפֿן שׂכל און טעמפּעראַמענט. אַלע אַרומיקע האָבן געהאַלטן אַז ער וואַקסט אַן עילוי. צו דרײַ יאָר, ווען ער האָט נאָך ניט געקענט גוט אַרויסברענגען אַלע קלאַנגען, האָט ער שוין געקענט לייענען עבֿרי און אָנגעהויבן לערנען חומש, און צו זעקס יאָר — גמרא. (זען: „נעפּלדיקע קינדער־יאָרן", זײַטל 24).

אָבער פּרץ האָט געהאַט ניט נאָר אַ „פֿלינקן קאָפּ", ווי עס טרעפֿט זיך מיט אַן עילוי, נאָר אויך, „אַ האַרץ מיט געמיט", ווי ער באַשרײַבט זיך אַליין. ער איז פֿון ייִנגלווײַז געווען פֿול מיט ליב־שאַפֿט און סימפּאַטיע צו אַנדערע מענטשן.

ער כאַפּט אַמאָל, בעת אַ שׂימחה אין שטוב, אַראָפּ פֿון טאַץ אַ שטיק לעקעך פֿאַר אַן אָרעם, בלאַס מיידל. ער קריגט פֿאַר דעם אַ פּאַטש פֿון טאַטן. ער נעמט צו דעם פּאַטש, אָבער ער דערציילט ניט פֿאַר וועמען ער האָט דאָס שטיקל לעקעך גענומען. ער איז געווען שטאָלץ, אָבער מער ווי אַלץ — גוטהאַרציק. ער „עסט אין דער פֿרי קיין אָנבײַסן ניט. ער טרינקט נאָר קאַווע און טראָגט אַוועק די בייגל מיט פּוטער פֿאַר אַן אָרעם ייִנגל, אַ יתום, וואָס וואַלגערט זיך אין בית־מדרש אַרום".

ייִנגלווײַז איז פּרץ געווען אַ גרויסער שטיפֿער. מען נעמט בײַ אים אָפּ צו די שטיוול ער זאָל ניט קענען אַרומלויפֿן. „מיר מאַכט ניט אויס, זאָגט ער, לויף איך אַרום אין די שטעקשיך אין הויף. ווערט ענג, וואַרף איך מיט פֿוס־באַוועגונגען די שטעקשיך אויפֿן דאַך אַרויף און כאַפּ מיר דורך אונדזער גאַניק אַרויף אויפֿן דאַך פֿון צווייסטאָקיקן הויז אויף אַראָפּצונעמען זיי" און אָט „פֿאַלט אים גאָר איין צו באַווײַזן גבֿורה און אָנכאַפּן אַ געלן גרויסן הונט בײַם עק און ער גיט זיך אַ רוק אָפּ און אַ שפּרונג אַרויף מיר אויפֿן אַקסל . . . איך האָב ביז הײַנט אַ צייכן."

מער פֿון אַלץ האָט ער ליב געהאַט צו הערן מעשׂיות. „אינ־סטינקטיוו האָב איך ליב מעשׂהלעך.” „וואו מען זייט מיך ניט — אויב עס ווערט נאָר עפּעס דערציילט — וואַקס איך אויף און זיץ ווי אַ גולם מיט אַן אָפֿן מויל. עלטערע וואונדערן זיך: אַן עילוישער קאָפּ . . . חבֿרים: אַ יונג ווי קוועקזילבער און לייגט אַוועק פֿאַר מעשׂהלעך אַ בלאַט גמרא, אַ גליטש אין טײַך! איך אַליין פֿאַרשטיי עס אויך ניט, נאָר עס ציט מיך.”

פּרץ האָט, אַזוי ווי אַלע יידישע קינדער אַמאָל, זיך געלערנט בײַ מלמדים אין חדר. זײַן „ליבעראַלער” פֿאָטער האָט אים אויך געלאָזט לערנען רוסיש, דײַטש און העברעיש. בײַם לערנען פֿלעגט ער זיך אָפֿט פֿאַרקלערן און זיך פֿאַרטיפֿן אין זײַן אייגענער וועלט פֿון פֿאַנטאַזיעס. דאָך, אַ דאַנק זײַן גוטן קאָפּ, האָט ער געקענט מער פֿון אַלעמען. ער האָט מער זיך געלערנט אַליין, זיך געלערנט פֿון זײַן פֿאָטער, חבֿרים און פֿרײַנד ווי פֿון מלמדים און לערערס.

ער האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון דעם וואָס דער מלמד ר׳ פּנחסל האָט אים געזאָגט: „דער עיקר איז דאָס לערנען פֿאַר זיך, דאָס שאַרפֿן זיך אַליין דעם מוח . . . צום רבין דאַרף מען קומען מיט ספֿקות, מיט שאלות.”

ער האָט ליב געהאַט אײַנצוזאַפּן אין זיך אַלץ — אָט אַזוי, ווי אַ שוואָם. ער באַנוגנט זיך ניט מיט לערנען די ספֿרים וואָס אַלע האָבן אין יענער צײַט געלערנט. ער קריכט אַרויף אין בית־המדרש אויף דער העכסטער ביכער־פּאָליצע וואו עס שטייען ספֿרים וואָס קיינער רירט זיך צו זיי ניט צו, און זאַפּט זיי אײַן. צו פֿערצן יאָר לייענט ער די ווערק פֿון דעם גרעסטן ייִדישן פֿילאָסאָף אין מיטל־עלטער — פֿון דעם רמבם.

צו פֿערצן יאָר איז פּרץ אַרומגעגאַנגען „מיט וועלט־טראַגישע חלומות און געדאַנקען. וואָס פֿאַר אַ תּכלית האָט דער מענטש? די וועלט? פֿון וואַנען נעמען זיך און צו וואָס די יסורים און דער צער?” ער זוכט אַן ענטפֿער אויף די פֿראַגעס אין פֿאַרשיידענע ספֿרים.

דורך אַ צופֿאַל קריגט פּרץ אַ צוטריט צו אַ גרויסער ביבליאָטעק פֿון פּוילישע, דײַטשישע און פֿראַנצייזישע ביכער. ער וואַרפֿט זיך אַרויף לייענען די ביכער אַזוי ווי זיי קומען אים אין האַנט אַרײַן, אָן אַ סיסטעם, אָן אַן אָרדענונג. אַ נײַע וועלט עפֿנט זיך פֿאַר אים: „גאָט, ווי גרויס די וועלט איז, ווי פֿאַרשיידנאַרטיק! און וויפֿל שׂכל, וויפֿל גײַסט!” ער זוכט אין דער נײַער וועלט אַן ענטפֿער אויף די פֿראַגעס וואָס לאָזן אים ניט רוען. אָבער אין זאַמאָשטש

האָט ער ניט מיט וועמען כאָטש אַראָפּריידן זיך פון הארצן. ווייל ער שטילערהייט אַוועק פון טאַטע־מאַמעס היים זיך לערנען אין דער גרויסער וועלט און אפשר וועט ער דאָרטן געפינען פאַר וועמען אויסצוגיסן דאָס הארץ. אָבער די טרערן פון דער גוטער מאַמען צעשטערן אַלץ (זען: „דער ביבליאָטעק־שליסל", זייטל 33). ער בלייבט אין דער היים.

ב.

פרץ איז שוין אַכצן יאָר אַלט. דער פאָטער באַשטימט אַז עס איז ניט קיין תכלית זיין זון זאָל זיצן איבער ביכער. מאַכט ער, ווי עס האָט זיך געפירט אין יענע צייטן, דעם זון חתונה. די כּלה איז געווען די טאָכטער פון אַ באַלעבאַטישן ייִדן, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט זיין געלערנטקייט. עס ווערט אַ פריינדשאַפט צווישן שווער און איידעם און זיי נעמען ביידע צוזאַמען שרייבן העברעיִשע לידער. פרץ דאַרף אָבער זוכן פרנסה. באַזעצט ער זיך אין שטעטל צווזמער ביי דער ווייסל און עפנט אַ ביר־ברוועריי. עס גייט אים אָבער ניט. עס איז אויך ניטאָ קיין ליבע צווישן אים און זיין פרוי, כאָטש ער האָט מיט איר געהאַט צוויי קינדער.

צו 24 יאָר בלייבט פרץ אָן פרנסה און אָן אַ משפּחה. ער קומט קיין וואַרשע. ער גיט דאָרטן העברעיִשע לעקציעס און ווערט אַ העברעיִשער דיכטער.

מיט אַ יאָר שפּעטער פאַרליבט ער זיך און האָט חתונה צום צווייטן מאָל מיט זיין פרוי העלענאַ, מיט וועלכער ער האָט געפירט אַ גליקלעך פאַמיליע־לעבן, כאָטש זיי האָבן ניט געהאַט קיין קינדער. ער קערט זיך אום קיין זאַמאָשטש, גיט אַ ווײַלע שפּעטער אָפּ עקזאַמען אויף אַדוואָקאַט. אין דער נייער פּראָפעסיע זיינער גייט עס אים זייער גוט. ער שרייבט ווייטער. ביסלעכווייז ווערט ער אַ ייִדישער שרייבער. ער האָט געפילט אַז ווען ער שרייבט אויף העברעיִש, שרייבט ער נאָר פאַר איינצלנע, פאַר אינטעליגענטן. ער האָט געוואָלט דינען דעם גאַנצן פאָלק, אַלע ייִדן זאָלן קענען הנאה האָבן און זיך לערנען פון זיינע ווערק.

ייִדיש, זאָגט ער: „איז אַ שפּראַך פון פּשוטן ייִדן, די שפּראַך וואָס וועט זיין אָן אייביקער עדות אויף דעם פאַרגאָסענעם ייִדישן בלוט, אויף אַלע בייזקייטן קעגן ייִדן, אַלע רציחות און חורבונות אויף די וואָגלענישן פון לאַנד צו לאַנד . . . ייִדיש האָט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס געוויין פון אונדזערע עלטערן, דאָס ווייגעשריי פון דורות . . . די דימענטן וואָס ייִדיש פאַרמאָגט — דאָס זיינען די אויס־געטריקנטע, די פאַרגליווערטע ייִדישע טרערן."

„פּרץ — שרײַבט זײַנער אַ פֿרײַנד — האָט ליב געהאַט זײַן פֿאָלק, דער עיקר די אָרעמע און נידעריקע שיכטן פֿון פֿאָלק . . . ער האָט געהאַלטן אַז מען קען קײן זאַך ניט אויפֿטאָן מיט די וואָס זײַנען פֿאַרטאָן אין תּלמוד און מיט די רײַכערע שיכטן. אַלע האָפֿענונגען דאַרף מען לייגן אויף די אָרעמערע, די אַרבעטנדיקע. אָט דאָס אָרעמע, אומגליקלעכע פֿאָלק, וואָס איז פֿול מיט אידעאַליזם, דאַרף מען בילדן . . . מען דאַרף עס טאָן אויף זײער שפּראַך, אויף מאַמע-לשון. איך וועל שאַפֿן — האָט ער געזאָגט זײַן פֿרײַנד — אַ ייִדישע ליטעראַטור, רעדן און שרײַבן צום פֿאָלק אויף זײַן שפּראַך."

דורך ייִדיש האָט ער געוואָלט דינען זײַן פֿאָלק, אָבער ייִדיש איז אויך די שפּראַך פֿון ייִדישע דורות, אין ייִדיש איז אויסגעדריקט די נשמה פֿון פֿאָלק, דעם פֿאָלקס לײַדן און פֿריידן.

שוין אין זאַמאָשטש נעמט י. ל. פּרץ אַרבעטן פֿאַרן פֿאָלק. ער עפֿנט דאָרטן אָוונטקורסן פֿאַר אַרבעטער, וואו מען לערנט שרײַבן און רעכענען, ער האַלט פֿאַר זײ לעקציעס איבער ייִדישער געשיכטע.

ג.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור קומט פּרץ צום ערשטן מאָל אַרויס מיט זײַן פּאָעמע „מאָניש" (1888). אין דער פּאָעמע באַשרײַבט י. ל. פּרץ טײלווײַז זיך אַליין, זײַנע אײגענע איבערלעבונגען און געפֿילן און זײַן באַפֿרײַען זיך פֿון פֿרום-פֿאַרצײַטיקן שטײגער, דעם באַגער פֿון אַ סך יונגע מענטשן אין יענער צײַט נאָך די שײנקײטן פֿון לעבן, פֿון דער מאָדערנער וועלט. די פּאָעמע האָט אים באַקאַנט געמאַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין יענער צײַט, אין 1889, באַקענט זיך פּרץ מיט דעם ייִדישן שרײַבער יעקבֿ דינעזאָן (דער מחבר פֿון „יאָסעלע" און אַנדערע ראָמאַנען). זײ שליסן אַ שטאַרקע פֿרײַנדשאַפֿט וואָס האַלט אָן דאָס גאַנצע לעבן.

אין זאַמאָשטש איז אַ סך מענטשן ניט געפֿעלן געוואָרן וואָס פּרץ אינטערעסירט זיך צו פֿיל מיט געבן בילדונג די אַרבעטער. מען מסרט אים אַז ער איז אַ סאָציאַליסט. עס מסרט אים זײַנער אַ פּוילישער קאָנקורענט און די צאַרישע רעגירונג נעמט בײַ אים צו דאָס רעכט צו זײַן אַן אַדוואָקאַט. פֿאַרלאָזט ער זאַמאָשטש און באַזעצט זיך אויף שטענדיק אין וואַרשע.

פּרץ איז שוין 37 יאָר אַלט און דאַרף איצט, אין וואַרשע, ווידער אָנהײבן פֿון דאָס נײַ. מאַכט זיך אַז, אַן ערך אין יענער צײַט, האָט אַ רײַכער ייִד באַשלאָסן אויסצופֿאָרשן דאָס ייִדישע לעבן אין פּוילישע

שטעט און שטעטלעך, אויסצוגעפינען מיט וואָס יידן פאַרנעמען זיך, צו באַווייזן די אַנטיסעמיטן אַז זייער גערשריי, אַז אַלע יידן זיינען רייך, איז ניט קיין בארעכטיקטער, איז אַ פאַלשער. י. ל. פרץ ווערט פאַרבעטן אין דער אויספאָרשונג זיך צו באַטייליקן. אַזוי קריגט ער אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אַ רייזע איבער פוילן און זיך צו באַקענען מיט פאַרשיידענע יידישע מענטשן און מיט דעם ווי יידן לעבן. ער „זאַפט אַלץ אין זיך איין" און באַשרייבט זיינע איינדרוקן און באַגעגענישן אין: „בילדער פון אַ פראָווינץ-רייזע". ער באַשרייבט ניט דאָס געוויינטלעכע, דאָס טאָג-טעגלעכע, נאָר דאָס מאָדנע, דאָס אויסטערלישע. ער דערציילט וועגן מענטשן וואָס זעען אויס ווי שאָטנס און לעבן אָן קיין שום האָפענונגען.

ער דערציילט וועגן אַן אָרעם יינגל וואָס האָט נאָר צוויי פאַרלאַנגען: פון זיין טאַטן אויף דער ערד וויל ער אַ שטשיפּיאָרעק* און פון פאָטער אין הימל — די לבנה זאָל גרעסער ווערן: עס איז דאָך ניט קיין יושר זי זאָל זיין קלענער פון דער זון.

ער באַשרייבט אַן אָרעמע אַלמנה וואָס קעמפט מיטן הונגער. אָבער דער עולם פון שטעטל האַלט אַז עס איז ניטאָ וועגן וואָס זי צו באַדויערן, וואָרעם: „וואָס דאַרף אַ יידענע? וואָס פעלט איר? תכריכים האָט זי שוין . . ."

ווען פרץ קומט צוריק קיין וואַרשע פון דער רייזע איבער דער פראָווינץ גיט ער זיך ווידער אָפּ מיט קולטור-אַרבעט צווישן די יידישע פאָלקס-מאַסן. ער ווערט נאָענט צו דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. אין סאָציאַליזם זעט ער די האָפענונג פון די יידישע מאַסן זיך צו באַפרייען פון זייער נויט, פון זייערע צרות.

מיט דער הילף פון זיינע פריינד קריגט ער אַ שטעל אין דער יידישער קהילה פון וואַרשע. ער ווערט דער „רעכנמייסטער" פון דער קהילה, אַ באַשיידענע שטעל מיט אַ קליינעם געהאַלט. ער פאַרבלייבט אויף דער שטעל ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

ד.

אין יאָר 1894 גיט ער אַרויס מיט דער הילף פון מעצענאַטן צוויי בענד פון „די יידישע ביבליאָטעק" — זאַמלביכער פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פראַגעס.

פרץ דרוקט דאָרטן זיינע אייגענע זאַכן, שאַפונגען פון אַנדערע יידישע שרייבערס און אויך פון נייע יונגע יידישע טאַלאַנטן. דאָרטן דרוקט זיך דער יעמאָלט נאָך גאָר יונגער אַבֿרהם רייזען, דער

* אַ גרינן ציבעלע.

אָנהייבער יהואש. פּרץ האַלט זיך בײַ דעם צוזאָג וואָס ער האָט אַמאָל זיך געגעבן צו „שאַפֿן אַ ייִדישע ליטעראַטור". ער דער־מוטיקט יונגע ייִדישע שרײַבערס. איינער אַזאַ שרײַבער איז געווען שלום אַש. פּרצעס אַדרעס ווערט, מיט דער צײַט, דער אַדרעס פֿון יעדן אָנהייבער, פֿון יעדן ייִדישן שרײַבער. וואו פּרץ באַמערקט נאָר אַ נײַעם ייִדישן טאַלאַנט, גיט ער אים צו חשק און מוט ווײַטער צו שרײַבן, צו אַרבעטן איבער זיך. ער העלפֿט פּאַטערלעך יעדן איינעם און פֿאַרדינט זיך מיט רעכט דעם טיטל — דער פֿאָטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין די זאַמלביכער „די ייִדישע ביבליאָטעק" שרײַבט פּרץ אַז מען דאַרף בילדן די ייִדישע פֿאָלקס-מאַסן, זיי געבן קענטעניש װעגן דער וועלט. ער דרוקט דאָרטן פּאָפּולער וויסנשאַפֿטלעכע אַרטיקלען, ער לערנט די ייִדישע בעל-מלאָכות בײַ וועלכער אַרבעט־סיסטעם זיי זאָלן זיך האַלטן און רופֿט זיי צו פֿאַראייניקן זיך, כּדי זיי זאָלן קענען בעסער פֿאַרדינען און האָבן אויך פֿרײַע צײַט פֿאַר אַליין-בילדונג.

אין די זאַמלביכער זוכט ער אויך צו שאַפֿן ליבע און געטרײַ־שאַפֿט צו דער ייִדישער שפּראַך און זי צו באַרײַכערן מען זאָל קענען אויף איר שרײַבן אי קינסטלערישע אי וויסנשאַפֿטלעכע זאַכן. (זען: „מיר ייִדן", זײַטל 241).

אין זײַנע דערציילונגען פֿון יענער צײַט באַשרײַבט פּרץ די ייִדישע אָרעמקייט, די דערשלאָגענע ייִדישע מענטשן וואָס האָבן ניט קיין געפֿיל פֿון שטאָלץ, בײַ וועמען עס לעבט ניט קיין שום פּראָ־טעסט קעגן דעם שלעכטס פֿון לעבן. באַזונדערס באַקאַנט זײַנען געוואָרן די דערציילונגען „דאָס שטרײַמל", „דער משולח", און „באָנטשע שווײַג", וואָס זײַן איינציקער חלום איז „אַ פֿרישע בולקע מיט פֿרישער פּוטער".

י. ל. פּרץ רינגלט זיך אויף אַרום מיט יונגע מענטשן וואָס העלפֿן אים ברענגען בילדונג אין פֿאָלק. איינער פֿון זיי איז געווען דער שפּעטער באַרימטער דראַמאַטורג און דערציילער, דוד פּינסקי.

ער פּלאַנעוועט מיט זייער הילף אַרויסצוגעבן אַ ייִדישע צײַ־טונג. אָבער די צאַרישע רעגירונג וויל עס ניט דערלויבן. זי וויל אויך ניט דערלויבן אַ צײַטשריפֿט אין ייִדיש, וואָס זאָל אַרויסקומען יעדן חודש אָדער יעדע וואָך. פֿאַלט י. ל. פּרץ מיט זײַנע פֿרײַנד אויף דעם געדאַנק אַרויסצוגעבן ערבֿ יעדן יום-טובֿ אַ זאַמלהעפֿט אונטער פֿאַרשיידענע נעמען. אַזוי הייבן אָן אַרויסצוגיין „פּרצעס יום-טובֿ־בלעטלעך". זיבעצן אַזוינע העפֿטן זײַנען אַרויס פֿון אַפּריל 1894

ביז אָנהייב 1896. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווײַל עס איז ניט געווען קיין געלט מיט וואָס זיי אַרויסצוגעבן.

ה.

די ייִדישע פֿאָלקס-מאַסן, באַזונדערס די ייִדישע אַרבעטער, האָבן מיט גרויס פֿרייד אויפֿגענומען די „יום-טובֿ-בלעטלעך". אין זיי האָבן זיך געדרוקט לידער און דערציילונגען. זייער ציל איז אויך געווען צו פֿאַרשפּרייטן בילדונג און סאָציאַליסטישע אידייען (אמת, פֿאַרשטעלטערהייט, אַז די צאַרישע צענזור זאָל זיך ניט כאַפּן) צווישן דער ייִדישער יוגנט און די ייִדישע אַרבעטער-מאַסן. אַזוי אַרום האָבן זיי מיטגעהאָלפֿן עס זאָל אויפֿקומען אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג בײַ די ייִדישע אַרבעטער אין מיזרח-אייראָפּע. די ייִדישע אַרבעטער-באַוועגונג איז יעמאָלט געווען אַן אונטערערדישע, אַ ניט-לעגאַלע. די „בלעטלעך" זײַנען געוואָרן דער לעגאַלער אָרגאַן פֿון אַט דער ניט-לעגאַלער באַוועגונג. אין דעם ייִדישן אַרבעטער האָט י. ל. פּרץ געפֿונען דעם לייענער „וואָס ער האָט געזוכט — אַ לייענער, וואָס אים האָט אַזוי ווי פּרצן אַליין, געצויגן צו דער גרויסער וועלט, צו אירע נײַע באַוועגונגען, צו אירע מאָדערנע אידייען . . ." (ש. ניגער).

י. ל. פּרצן האָט אין יענער צײַט זייער שטאַרק געצויגן צו די ייִדישע אַרבעטער. פּרץ — סײַ אין זײַן שרײַבן, סײַ אין זײַן לעבן — האָט זיך קיין מאָל ניט צופֿרידנגעשטעלט מיט דעם טאָג-טעגלעכן, מיט דעם וואָכעדיקן. ער האָט תמיד געזוכט דאָס דער-הויבענע, אים האָט געצויגן אַלץ אין לעבן וואָס שטרעבט צו הע-כערע צילן, וואָס איז באַפֿליגלט מיט גרויסע אידעאַלן. ער האָט ליב געהאַט די וואָס „כאַפּן זיך אַראָפּ פֿון דעם גרויסן וועג, אויף וועלכן עס גייען אַלע מענטשן און זוכן אין אַ זײַט נײַע וועגן". ער האָט אויך געזאָגט: „שיין איז דאָס געהאַקטע".

אין איינעם פֿון זײַנע ערשטע לידער האָט ער געשריבן:

„קליינע מענטשן, דראָבנע מענטשן,
זייער שילטן, זייער בענטשן,
זייער לויבן, זייער שרײַען,
זייער פֿלאַמען, זייער שפּײַען,
זייער בעטן מיט געוויין
און דאָס קריצן מיט די ציין —
אַלץ איז דרויב,
לײַכטער שטויב . . ."

די ייִדישע אַרבעטער-באַוועגונג אין יענער צײַט איז געווען די באַוועגונג, וועלכע האָט סײַ אין ייִדישן לעבן, סײַ אין אַלגעמיינעם לעבן, זיך געלאָזט גיין אויף נײַע וועגן. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער וואָכעדיקער ערד, פֿון דער וועלט מיט קליינע דראַבנע עבֿירהלעך און קליינע, דראַבנע מיצווהלעך. אין דער אַרבעטער-באַוועגונג האָט פּרץ געזען דאָס שטרעבן צו אַ העכער, צו אַ באַפֿליגלט לעבן. ער האָט דאָרטן געפֿונען העלדישקייט, אידעאַליזם. ער האָט דאָרטן געפֿונען די „אייביקע קינדער, וואָס ווען זיי דערזעען פֿון אין זײַט אַ גאָל-דענע קרוין און פֿון דער צווייטער ברענענדיקע קוילן — כאַפּן זיי זיך צו די לעצטע" („נאָך גראָסערם לוויה", באַנד 1 פֿון „י. ל. פּרץ — אַלע ווערק").

האָט ער דאָך געגרופֿן:

„אויפֿגעהויבן מוז ווערן די פֿאָן פֿון ייִדישן רענעסאַנס, פֿון משיח — און וועלט-מישפּט און וועלט-באַפֿרײַאונג — פֿון דער קינפֿ-טיקער פֿרײַער מענטשהייט".

אין דעם האָט ער געזען „די מיסיע פֿון אייביקן פֿאָלק, פֿון וועלטפֿאָלק". און ער האָט געזען פֿאַר זײַנע אויגן ווי דער ייִדישער אַרבעטער איז געווען דער, וואָס האָט אָט די פֿאָן אויפֿגעהויבן.

ער האָט אין דעם ייִדישן אַרבעטער געזען דאָס אויפֿקומען פֿון אַ פֿרײַען, שטאָלצן מענטשן, דעם טרעגער פֿון אַ נאַציאָנאַלן און אויך פֿון אַ קולטורעלן רענעסאַנס.

„ייִדיש — זאָגט ער — וואָלט „קיין ייִדישע שפּראַך ניט גע-וואָרן. עס באַווײַזט זיך דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט און שאַפֿט זיך זײַן אינסטרומענט פֿאַרן קאַמף פֿאַר זײַן לעבן, זײַן אַרבעטער-קולטור אויף ייִדיש".

און ווײַטער:

דער אַרבעטער „וויל און מוז זיך אויסלעבן אויף ייִדיש. און עס באַווײַזט זיך דאָס ייִדישע בוך אין דער ייִדישער שפּראַך . . ."

איז טאַקע קיין וואונדער ניט וואָס י. ל. פּרצן איז געווען אַזוי נאָענט די ייִדישע אַרבעטער-באַוועגונג. און עס האָט אים ניט גע-שראָקן וואָס מען האָט געשריִען אַז ער „פֿירט אַראָפּ די ייִדישע יוגנט פֿון גלײַכן וועג".

נאָך דעם ווי עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די „יום-טובֿ-בלעט-לעך", האָט פּרץ זיך ניט וואו צו דרוקן. עס גייען אַוועק אַ פּאָר יאָר, אין וועלכע ער שרײַבט ווייניק. פֿאַר די וואָס האָבן געהאַט געלט אים צו העלפֿן אַרויסגעבן די „בלעטלעך" — איז פּרץ געווען צו ראַדיקאַל זיי זאָלן אים וועלן העלפֿן. אין יענער צײַט דרוקט ער

זיך אין אַמעריקאַנער אויסגאַבעס ווי די „צוקונפֿט" און אַנדערע. ער שטייט ווידער אין פֿאַרבינדונג מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער טרעט אַרויס אויף אומלעגאַלע פֿאַרזאַמלונגען. ספּעציעל נאָענט פֿילט ער זיך צו דער יִדישער אַרבעטער־פּאַרטיי „בונד", וואָס האָט זיך יעמאָלט געהאַט אָרגאַניזירט (אין יאָר 1897). און טאַקע אויף אַן אומלעגאַלער פֿאַרזאַמלונג אַרעסטירט אים די צאַרישע פּאָליציי (אין יאָר 1899). ער זיצט אַפּ אין טורמע דרײַ חדשים.

גראָד ווען פּרץ באַפֿרײַט זיך פֿון טורמע, נעמט אַרויסגיין אין פּעטערבורג דאָס וואָכנבלאַט „דער יוד" און פּרץ ווערט פֿאַרבעטן צו דרוקן דאָרטן זײַנע דערציילונגען. ער שרײַבט אין דער צײַטשריפֿט זייער אָפֿט און דרוקט דאָרטן אָפּ אַ ריי בעסטע דערציילונגען זײַנע.

ז.

אין יאָר 1901 האָט י. ל. פּרץ דערלעבט פֿרייד. אין דעם יאָר האָט די יִדישע וועלט געפֿײַערט דעם 25סטן יובל פֿון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט אין העברעיִש און אין יִדיש און זײַן 50סטן געבוירנטאָג (מיט אַ יאָר פֿריִער). אין דער פֿײַערונג באַטייליקן זיך פֿאַרשיידענע שיכטן פֿון דער יִדישער באַפֿעלקערונג. זי ווערט אַן אַלגעמיינער פֿאָלקס־יום־טובֿ. מען טראָגט אים צו אַ שיינע מתּנה. צום ערשטן מאָל גייען אַרויס זײַנע געזאַמלטע שריפֿטן אויף יִדיש און העברעיִש. זײַן גרעסטע פֿרייד איז אָבער געווען, וואָס זינט דער צײַט ווען ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן, זײַנען אין דער יִדישער ליטעראַטור צוגעקומען אַ סך יונגע שרײַבערס מיט גרויסע טאַלאַנטן, ווײַל פּרץ האָט דאָך געאַרבעט ניט פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר דער גאַנצער יִדישער ליטעראַטור. ער האָט דאָך געוואָלט אַז זי זאָל זיך צעוואַקסן און אַנטוויקלען. צוליב דעם וואָס ער האָט געהאָלפֿן יעדן יונגן שרײַבער און אים דערמוטיקט, וואָס ער האָט געזוכט רײַך צו מאַכן די יִדישע ליטעראַטור, איז ער דאָך באַקאַנט געוואָרן ווי דער פֿאָטער פֿון דער יִדישער ליטעראַטור.

אין 1903 דערלויבט ענדלעך די צאַרישע רעגירונג אַרויסצוגעבן אַ יִדישע צײַטונג. אַזאַ צײַטונג, „דער פֿרײַנד", נעמט אַרויסגיין אין פּעטערבורג (שפּעטער לענינגראַד) און פּרץ ווערט אירער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.

באַזונדערס באַרימט האָט זיך פּרץ געמאַכט מיט צוויי סעריעס דערציילונגען: „חסידיש" און „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן". אין זיי דערגרייכט זײַן קינסטלערישקייט אַ באַזונדערס גרויסע הייך.

פּרץ האָט געזוכט אויפֿצוהייבן זיך, און אויך זײַן לייענער, אי־

בער דער וואַכעדיקייט. „פּרץ האָט זיך קיין מאָל ניט באַנוגנט מיטן שטאָף פֿונעם טאָג־טעגלעכן לעבן; מיט זײַן וואַכעדיקן גײַסט אוודאי ניט. אינעם מענטשנס גוף איז פֿאַר אים געווען דער עיקר די נשמה, אין דער נשמה — די נשמה יתרה״ (ש. ניגער). „ער האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין דעם מין מענטשן, וואָס זײַנען ניט קיין גוטע, ניט קיין שלעכטע, ניט קיין רשעים, ניט קיין צדיקים״ (ש. ניגער). זײַן חלום איז געווען מענטשן וואָס וועלן געבוירן ווערן מיט פֿליגלען (משיחס צײַטן). אין „חסידיש״ און אין „די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן״ ווײַזט ער אונדז מענטשן פֿון גרויסער גײַסטיקער העלדישקייט. ער גיט אונדז פּשוטע ייִדישע מענטשן, וואָס זײַנען רײַך מיט גײַסטיקער גבֿורה — הייליקע נשמות. ער געפֿינט זיי אין חסידיזם, וואָס איז געווען אַ פֿאָלקס־באַוועגונג, וואָס האָט געלערנט, אַז דינען גאָט קען מען דורך האַרץ און געפֿיל (זען: „צווישן צוויי בערג״, זײַטל 147), אַז העכער איז ניט דער וואָס קען מער לערנען תּורה, נאָר דער וואָס פֿילט זיך נעענטער צו גאָט. אין „חסידיש״ גיט אונדז פּרץ ניט אַזוי די רעאַלע וועלט פֿון חסידות, ניט די וואָר, נאָר דעם חלום וואָס ער האָט אַליין אויסגעוועבט. ער גיט די אידיי פֿון חסידיזם, אירע גרויסע פּערזענלעכקייטן, ווען ער אידעאַליזירט ווי מענטשן וואָס הייבן זיך אַרויס פֿון דער גרויער ווירקלעכקייט. ער גיט זיי ווי אידעאַלן פֿאַר דער צוקונפֿט, פֿאַרן ייִדישן אויפֿפֿירן זיך.

פּרץ האָט אַזוי ווי ר׳ שלמה אין זײַן דראַמע „די גאָלדענע קייט״ געבענקט נאָך אויסלייזונג, נאָכן אייביקן שבת.

אין די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן״ ווידער גיט אונדז פּרץ גײַסטיקע העלדן, גענומען פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־מעשׂה. אָבער, ווי עס באַמערקט ריכטיק ש. ניגער: „ער האָט זיך פֿאַרקוקט אויף די געשטאַלטן פֿון אַמאָל נישט כּדי זיך צו אים אומצוקערן, נאָר כּדי צו געפֿינען אין אים . . . אַ קוואַל פֿון גלויבן, מוט און באַגײַסטערונג פֿאַר די קומעדיקע דורות. הינטער זײַן אי־דעאַליזירונג פֿון דעם עבֿר האָט געלויכטן אַן אידעאַל פֿון דער צו־קונפֿט, דער אידעאַל פֿון דעם מענטשן, וואָס דאָס העכערע אין אים איז גובֿר דאָס נידעריקערע, דער אידעאַל פֿונעם הויכן און געהוי־בענעם כאַראַקטער, פֿונעם הייליקן עקשן, וואָס איז גרייט זיך מוסר נפֿש צו זײַן אָבי ניט צו פֿאַרשווערבן, וואָס בײַ אים איז הייליק.״

י. ל. פּרץ, דער אומרואיקער, דער אייביק זוכנדיקער, האָט גע־זוכט און אויך געפֿונען דאָס אייביקע, דאָס הערלעכע אין דער ייִדישער געשיכטע. און ווען ער געפֿינט עס ניט אין דעם הײַנט, זוכט ער עס אין דעם אַמאָל. זײַנע חסידישע און אויך פֿאָלקסטים־

לעכע דערציילונגען הייבט ער אָן שרײַבן נאָך אין די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט. אין אָט די דערציילונגען האָט די נאַציאָנאַלע העראָיִק געפֿונען דעם שטאַרקסטן אויסדרוק. אין זיי קומט צום אויסדרוק י. ל. פּרצעס בענקשאַפֿט נאָך אַ גאַנצן מענטשן, נאָך אַ האַרמאָנישער פּערזענלעכקייט.

זײַנען טאַקע „חסידיש" און „די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן" געוואָרן „אַ קוואַל פֿון גלויבן, מוט און באַגײַסטערונג" פֿאַר די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן אין פּרצעס צײַטן. זיי זײַנען עס אויך פֿאַר אונדז הײַנט, און וועלן עס זײַן פֿאַר די ווײַטערדיקע ייִדישע דורות אַזוי ווי אַלע גרויסע גײַסטיקע אוצרות וואָס ייִדן האָבן געשאַפֿן. און פּונקט ווי „באַנטשע שווײַג" און די רעאַליסטישע דערציילונגען פֿון פּרצן האָבן געהאָלפֿן דעם ייִדישן אַרבעטער, די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן, זיך אויפֿצוהייבן פֿון זייער געפֿאַלנקייט צו דערוועקן אין זיי זייער מענטשלעכע חשיבֿות, פּונקט אַזוי — און אפֿשר נאָך מער — האָבן „חסידיש" און די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן" דערהויבן דעם ייִדישן גײַסט, דעם ייִדישן מוט.

ז.

עס קומט דאָס יאָר 1905 — דאָס יאָר פֿון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס גאַנצע לאַנד איז אין אַ רעוואָלט קעגן דעם צאַר. י. ל. פּרץ ווערט ווידער טעטיק אין פּאָליטישן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. ער טרעט אַרויס אויף אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען. ער גרינדעט קורסן פֿאַר אַרבעטער זיך צו לערנען. ער שרײַבט אין די ייִדישע סאָציאַליסטישע צײַטונגען וואָס גייען יעמאָלט אַרויס אין רוסלאַנד.

די רעוואָלוציע פֿאַרלירט. עס קומט אַ רעאַקציע. דאָס פֿאָלק פֿאַרלירט די צײַטווײַליק געוואונענע פֿרײַהײַטן. די רעוואָלוציאָנערן מוזן ווידער אָנפֿירן זייער טעטיקייט פֿון באַהאַלטעניש. י. ל. פּרץ גיט זיך אַ סך אָפּ מיט ייִדישער קולטור־אַרבעט. ער האַלט לעקציעס וועגן ייִדיש און דער ייִדישער קולטור אין וואַרשע און אַנדערע שטעט פֿון רוסלאַנד. ער רופֿט אומעטום אַרויס באַגײַסטערונג פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך און דער ייִדישער קולטור.

י. ל. פּרצעס אַ לעקציע איז געווען אַ יום־טובֿ. ניט נאָר זײַנען געווען אינטערעסאַנט די געדאַנקען זײַנע, נאָר אויך דער אופֿן ווי ער פֿלעגט זיי אַרויסזאָגן. ער איז געווען איינער פֿון די בעסטע רעדנערס בײַ ייִדן. ער האָט תּמיד געוועקט זײַן פֿאָלק צו אַ נײַ לעבן.

אין יאָר 1908 קומט פֿאָר אין טשערנאָוויץ (יעמאָלט עסטרייַך) אַ קאָנפֿערענץ וועגן דער ייִדישער שפּראַך און קולטור. אויף דער קאָנפֿערענץ קומען זיך צונויף די אָנגעזעענסטע ייִדישע שרייַבערס און קולטור-טוערס פֿון דער גאַנצער וועלט און זיי פּראָקלאַמירן ייִדיש ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון ייִדישן פֿאָלק. י. ל. פּרץ איז געווען איינער פֿון די איניציאַטאָרן פֿון אָט דער קאָנפֿערענץ און זייַן רעדע וואָס ער האָט אויף איר געהאַלטן וועגן ייִדיש רופֿט אַרויס די גרעסטע באַגייַסטערונג (זען: זייַטל 248).

ח.

י. ל. פּרץ האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן ניט איין מאָל איבער-געזאָגט: „איך בין געשטאַנען, שטיי און רעכן ביזן לעצטן אָטעמצוג צו שטיין אין די רייען פֿון די קעמפֿערס פֿאַרן פֿאַרשריטלעכן, ראַדי-קאַל-פֿאַרשריטלעכן ייִדישן געדאַנק". אָבער ער איז קיין מאָל ניט געווען קיין פּאַרטיי-מענטש, אַ מיטגליד פֿון אַ פּאַרטיי. ער האָט געזאָגט: „יאָ אָדער ניין — אומבאַדינגט און באַשטימט ענטפֿערט מען אין קלייַזל פֿון איבערטראַכטערס און גאָרנישט איבערלעבערס" (זען אויך: „כּלל און פּרט", זייַטל 253).

פֿאַר י. ל. פּרצן איז דאָס פֿאָלק געווען העכער ווי די איינצלנע טיילן זייַנע. ער וויל דינען דעם גאַנצן פֿאָלק. די פֿאַרשיידענע טיילן זייַנען פֿאַר אים ניט מער ווי גלידער פֿון איין פֿאָלק. און ווי איז דעם פֿאָלק, זאָגט ער, ווען דער פּרט שטעלט זיך אויפֿן אָרט פֿון כּלל, ווען איין גליד, איין פּאַרטיי, וויל באַהערשן דעם גאַנצן אָרגאַניזם, דאָס גאַנצע פֿאָלק (זען: „כּלל און פּרט", זייַטל 253).

אין דעם לעצטן פּעריאָד פֿון י. ל. פּרצעס לעבן און שאַפֿן האָבן אים אַלץ מער באַאומרואיקט די פּראָבלעמען פֿון ייִדישקייט, וואָס דאַרף זייַן דער אינהאַלט פֿון אַ ייִדישער וועלט-אָנשויאונג און דאָס אָרט וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק דאַרף פֿאַרנעמען אויף דער וועלט, וואָס עס איז זייַן היסטאָרישער גורל.

פֿאַר י. ל. פּרצן איז פֿאָלק ניט איין דור. יעדער דור איז ניט מער ווי אַ רינג אין אַ לאַנגער קייט פֿון דורות, אַן אויג אין אַ גע-שיכטלעכער נעץ און מען מוז זייַן פֿאַרבונדן „מיט אַלע אויגן" פֿון אָט דער נעץ. יעדער דור מוז זיך אַרייַנגלידערן אין דער גאַנצער קייט „וואָס ציט זיך פֿון אַבֿרהם אָבֿינו ביזן הייַנטיקן טאָג". אַזוי האָט י. ל. פּרץ געשריבן נאָך אין יאָר 1891, אין דער צייַט, ווען זייַנע סימפּאַטיעס זייַנען געווען מער מיט דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג (זען: „מיר ייִדן", זייַטל 241).

יִדישע שעפֿערישקייט און יִדיש לעבן דאַרף, לויט י. ל. פּרצן, פֿריִער פֿון אַלץ זײַן אײַנגעוואָרצלט אין דער טראַדיציע, ווײַל „די טראַדיציע באַשטימט די נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט" (זען: „קונסט און טראַדיציע", זײַטל 250). עס איז ניט מעגלעך קיין יִדישע אויפֿ־לעבונג, ס'איז ניט מעגלעך אויפֿצוהאַלטן די יִדישע אייגנאַרט אָן טראַדיציע פּונקט אַזוי „ווי אַ בוים קען ניט בליִען אָן וואָרצלען אין דער ערד."

אָבער די טראַדיציע טאָר נישט בלײַבן פֿאַרגליווערט. „יִדיש־קייט איז נישט קיין שטייענדיק וואַסער, קיין זומפּ. מים חיים רופֿט מען זי, די תּורה."

י. ל. פּרץ מאָנט: „אין ערגעץ נישט פֿאַרשטיינערט, אין ער־געץ נישט פֿאַרגליווערט ווערן." מען טאָר טאַקע „קיין איינציקן עכט יִדישן מאָמענט נישט אויסמעקן", אָבער יִדישקייט איז אַ דינאַמישער כּוח, ער אַנטוויקלט זיך און ענדערט זיך. „וואָרצלען אָן שטאַם, צווײַגן אָן בליטן זײַנען קיין בוים נישט, נאָר אָן איבעריק איבערבלײַבעניש פֿון אַ געוועזענעם בוים."

י. ל. פּרץ הייסט קוקן אויף דער וועלט מיט יִדישע אויגן. „די וועלט מיט יִדישע אויגן געזען איז . . . אַ מאָראַליש פֿאַראַנט־וואָרטלעכע וועלט." „אויף משיחן וואַרט אַ ייִד, ער זאָל קומען אויסלייזן די וועלט פֿון שרעק און פּײַן, פֿון קאַטאַקליזמען צווישן אָרעם און רײַך . . . אַלץ זאָל זײַן פֿאַר אַלע."

נישט פֿאַר זיך אַליין וואַרט דער ייִד אויף משיחן, נאָר פֿאַר דער גאַנצער וועלט! „פֿון דער מענטשלעכער טראַגעדיע מוז באַ־פֿרײַט ווערן די וועלט."

י. ל. פּרץ איז געווען דער סימבאָל פֿון יִדישן רענעסאַנס — פֿון דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן יִדישן רענעסאַנס, פֿון דעם רענע־סאַנס אין דער יִדישער ליטעראַטור, יִדישער קולטור. קיינער האָט די אידייען פֿון אָט דעם רענעסאַנס ניט אויסגעדריקט אַזוי קלאָר ווי י. ל. פּרץ, קיינער האָט פֿאַר אים ניט געקעמפֿט אַזוי מוטיק ווי י. ל. פּרץ.

י. ל. פּרץ האָט גערופֿן: „מיר ווילן דער ייִד זאָל זיך פֿילן ווי אַ מענטש, ער זאָל אָנטייל נעמען אין אַלעם, וואָס מענטשלעך איז, מענטשלעך לעבן און שטאַרבן און — ב אַ ל י י ד י ק ט זאָל ער זיך פֿילן באַליידיקט ווי אַ מענטש."

„אַלע וועגן פֿירן צום מענטש, נאָר יעדער פֿאָלק האָט זײַן וועג."

דאָס איז געווען אַ רוף צו יִדישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויפֿלעבונג.

מיינט דאָס זיך אָפּטיילן פֿון דער וועלט? זיכער ניט!

„מען זאָל אַרויס פֿון געטאָ, נאָר מיט אייגענעם גייסט, מיט אַן אייגן גייסטיק פֿאַרמעגן און טױשן, נעמען און געבן — נישט בעטלען.״ „מען דאַרף אַרויס פֿון געטאָ און זען די וועלט — נאָר מיט ייִדישע אויגן...״

נאָך אין 1891 שרײַבט פּרץ: „מיר האָבן אונדזערע אידייען, אונדזערע באַגריפֿן, אונדזער וויץ, אונדזער וועלט-באַנעם און אַנט-וויקלען זיי — דאָס דאַרף זײַן די אויפֿגאַבע״ פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ.

„נישט דערפֿאַר האָבן מיר טויזנטער יאָרן געליטן מיר זאָלן אונדזער ציוויליזאַציע פֿאַרגעסן. מיר ווילן און דאַרפֿן זי ווײַטער פֿירן, כּדי זיך מיט דער מענטשהייט אויף גלײַכע רעכט צו פֿאַר-אייניקן. מיר ווילן אויך האָבן אַ חלק אין שותּפֿות, מיר ווילן אויך זײַן אין דער פֿירמע.״

אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן הערט פּרץ ניט אויף צו רופֿן צו ייִדישער קולטור-שעפֿערישקייט.

„נישט נאָר קאָנסומירן ווילן מיר, מיר ווילן אויך פּראָדוצירן! מיר ווילן קיין קולטור-פּאַראַזיטן נישט זײַן. מיר ווילן נישט שטיין אונטער פֿרעמדע פֿענצטער פֿון פֿרעמדע ליכטיקע שטיבער, יעדע שטוב מוז האָבן איר לאָמפּ, איר ליכט.״

„די ייִדישע אויפֿלעבונג איז דאָס שטרעבן אַרויסצוגראָבן פֿון אונדזער נשמה אַלע די אוצרות מיט וואָס מיר קאָנען און ועלן נאָך באַרײַכערן די מענטשהייט.״

און פּרץ רופֿט די ייִדישע אינטעליגענץ, די ייִדישע מאַסן צו גלייבן אין זייערע אייגענע כּוחות, אויפֿצוהאַלטן דאָס אייגענע חשיבֿות:

„מיר גלייבן אין זיך, אין אונדזער צוקונפֿט, אין אונדזער זיג. מיר קאָנען דעריבער נישט זײַן נישט „מיר״ — מיר ווילן זײַן נישט מער, נישט ווייניקער ווי ייִדן.״

באַזונדערס שאַרף טרעט ער אַרויס קעגן דער ייִדישער אַסימי-לאַציע.

„פֿאַרלייקענען דעם אייגענעם פּרצוף-פּנים און פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר אַן אַנדערן; נאָכטאָן, נאָכקרימען אַן אַנדערן איז אַ מידה מגונה, (מידע מעגונע), אַ מיאוסע מידה, וועונשה בצידה (וועאוינשאַ בע-צידע) — יעדע מידה מגונה ווערט באַשטראָפֿט.״

„אונדזער „מזל״ איז שוין אַזוי... לעבן און שטאַרבן בײַ די ערגסטע באַדינגונגען און נישט אַראָפּ פֿון וועג.״

פרץ האָט אויך גערופֿן צו גלייבן אין דעם מענטשן, צו גלייבן אין דער מענטשהייט:

„ווײַל מיר זײַנען אין גלות . . . דעריבער האָפֿן מיר צו דער מענטשהייט. דעריבער איז מענטשלעכקייט אונדזער הייליקסטער אידעאַל, דעריבער איז אונדזער עגאָאיזם (אייגן־ליבע) די ריינסטע מענטשן־ליבע! ווײַל מיר פֿילן, אַז כּל־זמן די מענטשן־ליבע וועט ניט גובֿר זײַן . . . וועט אונדז נישט גוט זײַן.״

„ווי אונטערדרדיקטע ייִדן, ווי אַן אונטערדריקטע מינדערהייט מוזן מיר זײַן סאָלידאַר מיט אַלע אונטערדריקטע מינדערהייטן און פֿעלקער־שאַפֿטן.״

און אין ייִדיש האָט פּרץ געזען דעם שטאַרקסטן אינסטרומענט פֿאַר דער ייִדישער אויפֿלעבונג, פֿאַר דעם ייִדישן רענעסאַנס:

„ווען דאָס פֿאָלק זאָל אויפֿגעבן די שפּראַך פֿון פּראָסט מאַמע־לשון, וועט דאָס זײַן מיט אַנדערע ווערטער דער באַנקראָט אונ־דזערער.״

„ייִדיש איז אונדזער איינציקער וועג צום מענטש, צום מענטש־לעכן גאָט, צום איבערמענטש, אויב איר ווילט.״

„מיר שטייען ווי אַ מויער פֿאַר ייִדיש! מוסר נפֿש זײַנען מיר זיך פֿאַר ייִדיש; אַזוי קענען דער אַלטער ווי קענען אַלע נײַע שפּראַך־פֿאָרמען.״

„אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפֿן, אונדזער נשמה וועקן און קולטורעל זיך פֿאַר־אייניקן צווישן אַלע לענדער און אין אַלע צײַטן.״

י. ל. פּרץ האָט געגלויבט אין ייִדישן גײַסטיקן רענעסאַנס. צו דעם האָט ער גערופֿן, פֿאַר דעם האָט ער געאַרבעט זײַן גאַנץ לעבן: ער האָט געוועקט מוט און גלויבן אין די הערצער פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן, גלויבן אין דעם אַז עס וועט פֿון נעפּל פֿון דער ייִדישער ווירקלעכקייט „זיך אויסשיילן די פֿרישע זון פֿון אַ נײַעם גערעכטן מאָרגן! פֿון העכסטן טורעם וועט פּלוצלונג אויסשלאָגן די שעה פֿון אויסלייזונג, דער לעצטער טאָג!״

מיט דעם גלויבן וואָס ער האָט געטראָגן מיט זײַן וואָרט, מיט יעדער געשריבענער שורה זײַנער און מיט זײַנע מעשׂים — האָט ער מיטגעהאָלפֿן ניט נאָר דעם קולטורעלן, נאָר אויך דעם נאַציאָ־נאַלן און סאָציאַלן רענעסאַנס פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן.

ט.

עס איז געקומען דאָס יאָר 1914 — דאָס יאָר פֿון דער ערשטער

וועלט-מלחמה, ווען פֿלאַמען פֿײַער האָבן אַרומגענומען כּמעט די גאַנצע וועלט, ווען די חיה האָט זיך צעשפּילט אין דעם מענטשן. די חיה האָט אין דער ערשטער ריי אויסגעלאָזן, ווי עס טרעפֿט אָפֿט, איר רציחה אויף דעם ייִדן. די רוסישע אַרמייען זײַנען געלאָפֿן פֿון די פֿראָנטן. האָט די צאַרישע רעגירונג אויסגעלאָזט איר כּעס אויף די ייִדן. מען האָט גענומען טויזנטער און טויזנטער ייִדן טרײַבן פֿון די שטעט און שטעטלעך וואָס זײַנען געלעגן לעבן מלחמה-פֿראָנט. טויזנטער ייִדישע פּליטים קומען אָן קיין וואַרשע. זיי קומען אָן דער-שראָקענע, דערשלאָגענע אויפֿן הויף פֿון דער וואַרשעווער קהילה-פֿאַרוואַלטונג, וואו פּרץ אַרבעט. ער זעט פֿאַר זיך דעם גאַנצן צער פֿון ייִדישן פֿאָלק. זײַן האַרץ בלוטיקט פֿון ווייטאָג. ער וואַרפֿט זיך אַרײַן מיט אַלע כּוחות אין דער הילף-אַרבעט. ווי אַ פֿאָטער זאָרגט ער זיך פֿאַר די קינדער, באַזונדערס פֿאַר די יתומים, וואָס זײַנען גע-בליבן אָן עלטערן. ער עפֿנט פֿאַר זיי קינדער-היימען, קינדער-שולן. אַזוי אַרום ווערט ער אויך דער פֿאָטער פֿון דער נײַער ייִדישער שול.

ער נעמט שרײַבן מעשׂהלעך און לידער פֿאַר ייִדישע קינדער. ער טוט זיך אין דעם אַרײַן. „ערשט פֿאַר עטלעכע טעג — דערציילט זײַן פֿרײַנד און תּלמיד ה. ד. נאָמבערג — האָב איך אים געהערט פֿאַרלייענען די דאַזיקע קליינע לידעלעך . . . ווי לעבעדיק זײַנען אויגן האָבן דערבײַ געפֿינקלט, ווי קינדיש דער גרויסער און באַ-יאָרטער פּרץ איז דערבײַ געווען!”

און איין מאָל, אין אַ פֿרימאָרגן-שעה, ווען די ערשטע שטראַלן פֿון דער פֿרילינג-זון האָבן זיך אַרײַנגעשלאָגן אין זײַן אַרבעט-צימער און ער איז געזעסן בײַ זײַן אַרבעט-טיש — האָט זײַן האַרץ געפּלאַצט און ער איז געשטאָרבן! (שבת, דעם דריטן טאָג חול המועד פּסח, דעם 3טן אַפּריל, 1915.)

אויף דעם טיש האָט מען געפֿונען אַ בלאַט פּאַפּיר מיט צוויי שורות:

שטילער, שטילער
דאַנקען וויל ער,

פֿון אַ נײַ ליד וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן פֿאַר ייִדישע קינדער, צוויי שורות פֿון אַ ניט-פֿאַרענדיקט ליד.

י. ל. פּרץ איז פּלוצלונג געשטאָרבן, אומגעריכטערהייט איז ער פֿאַרשוואונדן „אַזוי ווי עס ווערט פֿאַרלאָשן פּלוצלונג אַ מעטעאָר. דער טויט פֿון דעם וואונדערבאַרן מענטשן און גרויסן דיכטער איז אַזוי ענלעך (געווען) אויף זײַן לעבן און שאַפֿן” (ה. ד. נאָמבערג).

אַ שטילער טרויער איז באַפֿאַלן די ייִדן איבער דער וועלט, אין אַלע לענדער וואו ייִדן האָבן געלעבט.

וואַרשע האָט קיין מאָל פֿריִער ניט געזען אַזאַ גרויסע לוויה. פֿון י. ל. פּרצעס וואוינונג ביז דעם בית־עולם האָט מען דעם אָרון מיט דעם ניפֿטר געטראָגן אויף די הענט. די טרויער־פּראָצעסיע האָט אין געדיכטע רייען זיך געצויגן אַ שעה און אַ האַלב. צוליב דעם וואָס די לוויה איז פֿאָרגעקומען יום־טוב, האָט מען, לויט דעם ייִדישן דין, קיין רעדעס ניט געהאַלטן. לויט דעם פֿאַרשטאָרבענעמס וואונטש האָט מען קיין בלומענקרענץ אויפֿן קבֿר ניט געלייגט. ה. ד. נאָמבערג האָט אויף מאָרגן געשריבן אין דער צײַטונג „הײַנט": די לוויה איז געווען „גראַנדיעז אָבער אָן פֿײַערלעכקייט, אָן רעדעס, אָן בלומען, אָן קרענץ און אויפֿשריפֿטן און אָן אָרדענונג. 100 טויזנט מענטשן זײַנען געגאַנגען נאָך דער לוויה, 100 טויזנט טרויערנדיקע."

„נאָר אַ מינוט, צי צוויי, איידער די פּראָסטע קבֿורה איז פֿאָר־געקומען, איז די אונטערגייענדיקע זון אַרוים פֿון אונטער די וואָלקנס — אַ גרויסע, קײַלעכיקע, רויטע אַזוי ווי אַן אויג, וואָס קוקט איבער אַלע לענדער און דורות, און האָט פֿאַרשפּרייט אַ מאָדנעם טרויעריק האַרציקן אָפּגלאַנץ אַרום."

„און דאָס איז געווען דער איינציק פֿײַערלעכער מאָמענט אין דער טרויעריק פּראָסטער צערעמאָניע."

„די זון איז ווידער פֿאַרגאַנגען, און ווידער איז געווען קיל און שווידעריק . . ."

י. ל. פּרץ איז געשטאָרבן . . . אָבער ער האָט ווײַטער געלעבט און לעבט אין די הערצער און נשמות פֿון צענדלינגער טויזנטער ייִדן. ער איז נאָך הײַנט פֿאַר אונדז אַ קוואַל פֿון דערמוטיקונג, פֿון דער־הויבונג. זײַנע אידייען — אויסגעדריקט דורך זײַנע לידער, דער־ציילונגען און עסייען — לעבן נאָך הײַנט. צו זיי, ווי צו יעדער גרוי־סער אידיי, וועלן שטרעבן די קומעדיקע דורות. זיי וועלן פֿאַרבלײַבן אַן אייביקער לײַכטטורעם פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלק, וואָס וועט באַ־לײַכטן זײַן ווײַטערדיקן וועג און אים צוגעבן מוט און האָפֿענונג אין די צײַטן וואָס וועלן נאָך קומען.

זלמן יעפּרויקין

פֿון פּרצעס אוצר

פֿון מײַנע זכרונות

נעפּלדיקע קינדער־יאָרן

א.

צו דרײַ יאָר — אָנגעהויבן (גלײַך מיט אַלע חבֿרים) חומש. געלערנט „ויקרא”. זאָגן פֿלעג איך: „ויטרא”, נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין „ק”; קיין „ג” אויך נישט...

שבת נאָך דער סעודה האָט געזאָלט זײַן בײַם זיידן אין שטוב די שׂימחה. בשעת סעודה נעמט מיך דער זיידע (אַ קליין ייִדל, מיט אַ ציטעריק קעפּל, ווי איך בין געוואָרן, פֿאַר עלטער), זעצט מיך אַרויף אויפֿן טיש, אין דער מיט. די מאַמע דערשרעקט זיך און כאַפּט געשווינד אַוועק פֿון אונטער מיר אַ גאָפּל. אַרום טיש זיצט די גאַנצע משפּחה: אַ זון, צוויי טעכטער, צוויי איידעמס און אַן אַלמנה, מײַנע אַן עלטער־מומע, אַחוץ זיידן מיט דער באָבען. צו וואָס מען האָט מיך אַרויפֿגעזעצט, ווייס איך נישט. מיר געפֿעלט עס. אַ וואַזע שטייט אויפֿן טיש, פּרואוו איך, צי וועל איך זי אַרומנעמען מיט די הענט. נעמט אָבער די באָבע די וואַזע צו און פֿרעגט מיך, צי איך וועל קענען שפּעטער די דרשה?

זכרונות (זיכרוינעס) — memoirs

נעפּלדיקע — ניט קלאָרע.

ויקרא (וואַיִקראָ) — דער נאָמען פֿון דעם דריטן חומש.

סעודה (סודע) — מאָלצײַט, עסן.

בשעת (בעשאַס) — אין דער צײַט פֿון, אָדער ווען.

איידעם — son-in-law

אַלמנה (אַלמאָנע) — widow

דרשה (דראָשע) — רעדע, speech

—טענען! (קענען) — ענטפֿער איך און וויל שוין אַראָפּ פֿון טיש; לאַנג אויף איין אָרט זיצן קען איך נישט. פֿאַרהאַלט מיך אַ פֿעטער און פֿרעגט:

— און אויסלייגן „ויטראַ" (ער מאַכט מיר נאָך) קענסטו?

וויים איך נישט, וואָס אויסלייגן איז. פֿרעג איך:

—ס'טײַטש?

— ווי אַזוי ש ר ײַ ב ט מען ויקראַ?

מיין איך, ער מאַכט חוזק.

— „ויטראַ" — ענטפֿער איך פֿאַרדראָסיק — שרײַבט מען נישט, „ויטראַ" איז אַ פּסוק און אַ פּרשה אין דער הייליקער תּורה.

מען האָט מיר קוים אויסגעטײַטש, וואָס מען מיינט, און איך דערזע פּלוצלונג פֿאַר די אויגן שוועבן אין דער לופֿטן די פּרשה, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, און רוף אָן איין אות נאָכן צווייטן.

דער מאַמען ווערן די אויגן פֿײַכט (נישט צו גלייבן, ווי איך האָב אַלץ געזען), עפּעס האָבן בײַ איר אָנגעהויבן צו פּינטלען די אויגן, און זי הייבט זיך אויף און גייט אין אַ ווינקל אַרײַן צום אויוון.

מיך נעמט דער זיידע פֿון טיש אַראָפּ צו זיך אויפֿן שויס, און גיט מיר אַ קניפּ אין בעקל. איך זיץ אָבער נישט לאַנג, — בייניקע פּיס געהאַט, איז מיר נישט באַקוועם, — און גיי איבער צום טאַטן, וואָס קושט מיך.

מער פֿון זיידן וויים איך נישט, געדענק איך נישט. געהייסן, וויים איך, האָט ער שלמה. געווען אַמאָל אַ דאַנציקער סוחר. פֿאַר-

---

אויסלייגן — to spell

מאַכן חוזק (כויזעק) — אָפּלאַכן, to make mockery of

פּסוק (פּאָסעק) — אַ זאַץ, אַ פֿערז פֿון תּנך.

פּרשה (פּאַרשע) — איין קאַפּיטל פֿון חומש. אויך אַ גאַנצע סדרה (סעדרע) — די תּורה, אַלע פֿינף חומשים, ווערט צעטיילט אין 54 טיילן, וואָס יעדער טייל הייסט סדרה. יעדן שבת לייענט מען פֿאַר אין שול אַ סדרה פֿון דער וואָך.

שוועבן — פֿאַרבײַגיין, פֿליִען; to float in the air, to hover

אות (אָס) — letter

פֿײַכט — נאַס.

פּינטלען — to blink, to twinkle

שויס — lap

דאַנציקער סוחר (סויכער) — אַ סוחר וואָס פֿירט געשעפֿטן מיט דער גרויסער האַנדל-שטאָט דאַנציק, אין דײַטשלאַנד.

ציילט האָט מען, אַז איין מאָל איז ער אַהיים געקומען, ווי מען זאָגט, מיטן בײַטשל... געווען איז עס פּרײַטיק, געגאַנגען אין באָד אַרײַן, דערנאָך צו קבלת-שבת. „אָפּגעפּראַוועט" דעם שבת, ווי אַלע מאָל, און ערשט מוצאי-שבת נאָך הבדלה צוזאַמענגערופֿן אַלע בעלי-חובֿות זײַנע און געזאָגט: „רבותי, איך בין געקומען אָן אַ גראָשן, נעמט אײַך צו אַלץ, וואָס איז שטוב!"

— חנהלע, דערלאַנג! — האָט ער זיך געווענדט צו דער באָבען.

און די באָבע חנהלע האָט אויסגעטון די צירונג און געלייגט אויפֿן טיש. געעפֿנט די שאַנק מיט זילבער און גאָלד... קיינער אָבער האָט נישט גערירט.

די באָבע האָט איר קראָם געהאַט, האָט מען פֿון קראָם גע-לעבט, איינציקווײַז די חובֿות באַצאָלט, מיט פּראָצענט. און קינ-דער אויסגעגעבן.

ב.

צו זעקס יאָר האָב איך אָנגעהויבן גמרא.

דער גמרא-מלמד — אַ קליין, מאָגער ייִדל, גערופֿן האָט מען אים דעריבער: בערישל. אַ בייז ייִדל, שלאָגן אָבער קאָן ער נישט. אַז ער קומט אין כּעס אַרײַן, הייבן אים אָן די הענט צו ציטערן.

געקומען מיטן בײַטשל — געקומען מיט גאָרנישט, אָן געלט; ער האָט פֿאַרלאָרן זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן. בײַטש מיינט: whip
אַ פֿורמאַן (driver) ווען ער פֿאַרלירט אין וועג זײַן פֿערד און וואָגן, בלײַבט ער נאָר בײַ זײַן בײַטש, ד"ה, בײַ גאָרנישט.

קבלת (קאַבאָלעס) **שבת** — די צערעמאָניע פֿון אויפֿנעמען דעם שבת. service on Friday evening to inaugurate the Sabbath

מוצאי (מאָצע) **שבת** — שבת צו נאַכט, שבת אָוונט.

הבדלה (האַוודאָלע) — די תּפֿילה, דאָס געבעט, איבער ווײַן, אָדער אַן אַנדער געטראַנק, וואָס באַצייכנט אַז דער שבת אָדער דער יום-טובֿ איז שוין אָוועק און די וואָכעדיקע טעג הייבן זיך אָן.

בעלי-חובֿות (באַלײ-כויוועס) — creditors

רבותי (ראַבויסײַ) — gentlemen

צירונג — jewelry

שאַנק — chest of drawers

קינדער אויסגעבן — קינדער חתונה (כאַסענע) מאַכן.

גמרא (גמאָרע) — דער טייל פֿון תּלמוד, וואָס איז אַ קאָמענטאַר צו משנה (מישנע), דעם עלטערן און קירצערן טייל.

גמרא מלמד (מעלאַמעד) — דער לערער פֿון גמרא.

— הענע! — רופֿט ער דעמאָלט צו דער רביצין — כאַפּ די קאָטשערע און שפּאַלט דעם עם־האָרץ דעם קאָפּ!

הענע רירט זיך נישט. זיצט בײַם אויוון, פּליקט פּעדערן אָדער שטריקט אַ זאָק. גייט עס וועגן מיר, ענטפֿערט זי:

— הערסט, ריר לײַבושלען נישט אָן... איך וועל פֿאַרציילן ריוועלען...

ריוועלע איז מײַן מאַמע. און די רביצין איז געווען אַן אײַנקױפֿערין פֿון ציבעלעס, גרינס... און פֿלעגט טראָגן צו אונדז אויך, און ליב געהאַט די מאַמען און מיך, אַפּנים, דער מאַמען צוליב...

— אַ ייִדענע — פֿלעגט זי זאָגן — אַ צדקת... קאַרגט אויף זיך און אויפֿן הויזגעזינט — און גיט צדקה, אָבער צדקה! און ער, דער גזלן, וויל שלאָגן איר לײַבושלען!

— נו, נו — ברומט דער רבי — זאָג איר וואָס פֿאַר אַ תּכשיט זי האָט...

זי פֿלעגט זאָגן... נאָר קאַפּויער.

דער טאַטע מײַנער האָט אויך נישט געהייסן שלאָגן. איז דעמאָלט נאָך אַ קעסטקינד געווען, אין דער היים געזעסן.

אַז עס איז אַרוים אַ קלאַנג, אַז מען וועט נעמען צום מיליטער, און מען האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן, האָט ער געראָטן: נישט שרעקן זיך און נישט גיין. קיינער זאָל נישט גיין...

— מען וועט שמײַסן!

— אַ וועלט שמײַסט מען נישט!

— שמידן אין קייטן!

קאָטשערע — oven-fork

עם־האָרץ (אמאָרעץ) — an ignorant, illiterate person

צדקת (צאַדייקעס) — אַ פֿרומע, גערעכטע פֿרוי; pious woman

קאַרג — stingy

הויזגעזינט — פֿאַמיליע.

צדקה (צדאָקע) — charity

תּכשיט (טאַכשעט) — דאָ: אַ צאַצקעדיקער ייִנגל; jewel

קעסט־קינד — איינער וואָס איז אויף קעסט. אַן איידעם פֿלעגט נאָך דער חתונה אַ געוויסע צאָל יאָרן לעבן בײַ דעם ווײַבס פֿאָטער. דאָס רופֿט זיך: זײַן אויף קעסט.

שמײַסן — to lash

שמידן אין קייטן — to chain

— נישטאָ אַזוי פֿיל קייטן!
— אײַנזועצן אין תּפֿיסה!
— אַכיבֿע מאַכן די וועלט פֿאַר אַ תּפֿיסה!
ער אַליין האָט מיך אין לעבן צוויי מאָל געפּאַטשט.

ג.

פֿון געבוירנהייט אָן האָב איך פֿײַנט געהאַט זיסע זאַכן. אין מויל אַרײַן נישט גענומען. „איך וויל, מען זאָל מיך האַלטן פֿאַר קלוג", האָט מען זיך גערייצט מיט מיר. די באָבע פֿלעגט באַקן גוטע זאַכן: ווײַסן לעקעך, האָניק-לעקעך, טאָרטן, פּרעגלען אײַנ-געמאַכטס. פֿאַר זיך, פֿאַר די קינדער . . . פֿאַר קראַנקע אין הקדש.

— אַלע אייניקלעך פֿאַרדאַרבן זיך פֿון צײַט צו צײַט די מעגע-לעך. מען באַקומט און מען גנבֿעט אַ ביסל צו; איך איינער — אַן אויסנאַם.

מאַכט זיך מײַן יינגערן ברודערס ברית.

קומען אָרעמע-לײַט אויף לעקעך און בראָנפֿן, פֿאַרזאַמלען זיי זיך אין מיטלשטוב. רעכטס — די מאַמע, די קימפּעטאָרין. אין דער שטוב לינקס — די באַלעבאַטישע געסט.

איז געווען בײַ אונדז אַ סאַרווער, ער זאָל מיר מוחל זײַן, אַ „כּלבֿ-שבכּלבֿים". אַזוי האָבן אים אַלע גערופֿן. געווען איז ער, איך זע אים פֿאַר מײַנע אויגן, אַן אויסטערליש הויכער, אַ דאַרער און אַ ווײַסער, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. געווען איז ער אַן אַלמן.

תּפֿיסה (טפֿיסע) — prison
אַכיבֿע — סײַדן.
זיך גערייצט — teased
טאָרטן — tarts
פּרעגלען — to fry
אײַנגעמאַכטס — preserves
הקדש (העקדעש) — poorhouse; אַ שפּיטאָל פֿאַר אָרעמע מענטשן.
פֿאַרדאַרבן זיך די מעגעלעך — to upset the stomach
קימפּעטאָרין — a woman in child-bed
סאַרווער — waiter
מוחל (מויכל) זײַן — to forgive
כּלבֿ-שבכּלבֿים (קעלעוו-שעבעקלאָווים) — דער גרעסטער הונט.
אויסטערליש — extraordinary
אַלמן (אַלמען) — widower

עטלעכע ווײַבער געהאַט און קיין איינציק קינד. אַז די לעצטע איז געשטאָרבן, האָט ער זיך שוין מיאש געווען פֿון לעבן און געמאַכט זיך תּכריכים. בײַנאַכט, — האָט מען פֿאַרציילט, — שפּאַצירט ער אַרום אין די תּכריכים אין הויף... שרעקט איבער לײַט. אָרע-מע-לײַט האָט ער פֿײַנט געהאַט שׂנאת מוות.

טראָגט דער רשע פֿון דער מאַמעס שטוב אַרויס, הויך איבערן קאָפּ, אַ טאַץ מיט לעקעך צו די באַלעבאַטים אַרײַן, איבער דער מיטלשטוב. און איך זע, ווי אַ קראַנק מיידל קוקט מיט פֿאַרברענטע אויגן צו דער טאַץ אַרויף. פֿלינק בין איך געווען, שפּרינג איך אונ-טער, כאַפּ אַ שטיק לעקעך און דערלאַנג דעם בלאַסן מיידל... דער טאַטע, — איך האָב נישט געוואוסט דערפֿון, — איז געשטאַנען אין טיר פֿון דער מאַמעס שטוב. דעם שפּרונג אין דער הייך האָט ער געזען, וואָס איך האָב מיטן לעקעך אין דער נידער געטון — נישט. גייט ער צו און דערלאַנגט מיר אין באַק. צו מאָרגנס, מיר זיצן אַלע בײַם טיש, פֿאַרקלאָגט ער מיך פֿאַר דער מאַמען:

— דער קאָמעדיאַנט עסט מכלומרשט נישט קיין זיסע זאַכן און — כאַפּט לעקעך פֿון טאַץ!

קומט אַרײַן די דינסט מיט דער יויך, — געהערט האָט זי, אַפֿנים, הינטער דער טיר, — און פֿאַרציילט, וואָס איך האָב מיטן לעקעך געטון. זי האָט געזען.

די מאַמע האָט די ברעמען אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן. זי האָט שטענדיק געהיט איר געמיט פֿאַר פֿרעמדע און אַפֿילו פֿאַר היימישע אויגן. דער טאַטע איז בלאַס געוואָרן, די אויגן ווערן אים פֿײַכטלעך. און ער הייבט זיך אויף און גייט אין צווייטן צימער אַרײַן. פֿיל איך מיך שולדיק, וואָס איך האָב באַלד נישט פֿאַר-ציילט, וויל נאָכגיין און איבערבעטן, — און קאָן נישט.

מיאש (מעיאָעש) **געווען** — דאָ: פֿאַרלאָרן דעם אינטערעס.
תּכריכים (טאַכריכים) — טויטן-קליידער, shrouds
שׂנאת מוות (סינאַס-מאָוועס) — ווי מען האָט פֿײַנט דעם טויט.
רשע (ראָשע) — שלעכטער מענטש.
טאַץ — tray
פֿלינק — גיך.
מכלומרשט (מעקלוימערשט) — pretending
יויך — soup
ברעמען — eyelashes
געמיט — mood

ד.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך געלייזט, ווען איך בין שוין אַ „יִנגל", נישט קיין „קינד" געווען — אַ „בחור" (אַ יאָר 14 אוודאי). אָבער שוין דעמאָלט אַ „חוקר" געווען, און בין אַרומגעגאַנגען מיט וועלט־טראַגישע חלומות און געדאַנקען! וואָס פֿאַר אַ תּכלית האָט דער מענטש? די וועלט? פֿון וואַנען נעמען זיך און צו וואָס די יסורים, דער צער? — נאָר אַ געמיט האָב איך געהאַט אַ שוואַרצס.

איין מאָל פֿרײַטיק בין איך פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג. איך געדענק שוין ניט, וואו איך בין געווען. געקומען אין בית־המדרש אַרײַן צו קבלת שבת בין איך גלײַך פֿון שפּאַציר, אין דער וואָכעדיקער קאַפּאָטע און וואָכעדיקן היטל, און נישט־געפּוצטע שטיוול, אָנגעקלעפּטע מיט ליים פֿון הינטער דער שטאָט. דעם טאַטנס פּנים האָט אויפֿגעפֿלאַמט. ער האָט זיך דאָך אײַנגעהאַלטן פֿאַרן עולם. נאָר בײַם קידוש קען ער קיין אויג ניט אָפּרײַסן פֿון מײַן פֿאַרחושכטן פּנים און גיט פּלוצלונג אַ שטעל אָוועק דעם כּוס און דערלאַנגט מיר אין באַק מיט דער באַפֿרײַטער האַנט.

— שיינע שבתים מאַכט ער מיר! — און גייט אַרויס אויף אַ ווײַלע. די מאַמע ברומט:

— גלײַך אַ קינד האָט נישט זײַנע ווייטיקן...

אַז מײַן ווייטיק איז געווען גאָר נישט קינדיש, איז איר נישט אײַנגעפֿאַלן...

אין גאַנצן צוויי מאָל געשלאָגן.

געלייזט — דאָ: געקראָגן געשלאָגן.
חוקר (כויקער) — פֿילאָסאָף.
תּכלית (טאַכלעס) — purpose
יסורים (יִסורים) — ווייטאָגן, sufferings, pains
צער (צאַאר) — האַרצווייטאָג.
בית־המדרש (בעסמעדרעש) — synagogue
אויפֿגעפֿלאַמט — געוואָרן רויט פֿון כּעס.
עולם (אוילאָם) — דאָ: מענטשן.
קידוש (קידעש) — די ברכה (בראָכע — grace) דאָס געבעט, וואָס מען זאָגט שבת און יום־טובֿ איבער ווײַן אָדער חלה.
פֿאַרחושכט (פֿאַרכוישעכט) — פֿאַרפֿינצטערט.
כּוס (קאָס) — ווײַן־בעכער ; cup

ח.

אַ פֿרעמדן אַרויפֿלייגן אויף מיר אַ האַנט וואָלט ער געוויס נישט געלאָזט. פֿון דעם ווייסט ר׳ בערישל און די רביצין, וואָס זיצט שטענדיק בײַם אויוון, טוט עפּעס, פֿאַרקוקט אין די תּלמידים און פֿאַרהערט אינעם לערנען.

איבער דער רביצין, אויפֿן געזימס פֿון אויוון, ליגט שטענדיק אויסגעצויגן די קאַץ, אַ גרויסע, אַ פֿוילע...

טרעפֿט זיך אָבער, אַז די רביצין דרעמלט אײַן בײַם שטריקן אַ זאָק, אפֿשר אײַנגעוויגט פֿון גמרא־ניגון, און פֿאַרלירט די קנויל. גיט שוין די קאַץ, וואָס האָט דערויף געלאָקערט, אַ שפּרונג אַראָפּ פֿון געזימס צו דער קנויל און הייבט זיך אָן מיט דער קנויל צו שפּילן, ווי מיט אַ מויז, און פֿאַריאָגט זי ביז אונטערן בעט...

מיר פּלאַצן אויס מיט געלעכטער... די רביצין כאַפּט זיך אויף, דער רבי ווערט בייז...

פֿאַר אַזאַ געלעכטער (איך פּלעג לאַכן צום שטאַרקסטן) האָט ער מיך שוין איין מאָל געוואָלט ערנסט שלאָגן. איז אָבער פּונקט אַרײַנגעקומען דער טאַטע...

די סצענע בײַט זיך מיט אַ מאָל.

— אָ, ר׳ יודל! וואָס מאַכט איר, ר׳ יודל? זעצט אײַך, ר׳ יודל...

די רביצין פֿרעגט וואָס ריוועלע מאַכט. און דער טאַטע ווענדט זיך גלײַך צו מיר און פֿרעגט:

— וואָס שוויצסטו אַזוי, לייבל?

— וואָס הייסט? — פֿאַרכאַפּט דער רבי, אויס מורא, איך זאָל נישט פֿאַרציילן. — ווי הייסט, די תּורה הקדושה, ברוך השם, וואַרעמט... און אַ זומער־טאָג...

געזימס — cornice

שטריקן — to knit

גמרא־ניגון (געמאָרע־ניגן) — דער טאָן, די מעלאָדיע מיט וועלכער מען לערנט די גמרא.

קנויל — a ball of thread

לאָקערן — to lie in wait

מורא (מוירע) — שרעק.

תּורה הקדושה (טוירע האַקדוישע) — די הייליקע תּורה.

ברוך השם (באָרעך־האַשעם) — געלויבט איז גאָט.

באַקומט דער טאַטע אַן אײַנפֿאַל און זאָגט צום רבין:

— ווייסט איר וואָס, ר׳ בערישל? לאָזט יעדן טאָג אַרויס די קינדער פֿאַר דער טיר אויף אַ שעה!

גלײַך אַ דונער וואָלט אין בערישלען אַרײַנגעשלאָגן...

גלאָצט ער אויס אַ פּאָר אויגן און הייבט אָן שטאַמלען:

— וואָס רעדט איר? ווי הייסט? זיי זאָלן זיך שפּילן אין ליים?

מען האָט געזאָלט אַרויספּציען אַ נײַעם שטאָק, האָט מען אָפּגעלייגט ליים פֿאַרן הויז.

— פֿאַרוואָס נישט? — ענטפֿערט דער טאַטע צוריק.

גיט זיך ר׳ בערישל האַלב אונטער:

— מילא, בנוגע צו אײַער לייבושלען... אַז איר ווילט...

— איך אויך! איך אויך! — רופֿט זיך אָן מײַן גליד־שוועס־טערקינד, יחזקאל...

— פֿאַר ר׳ מרדכין בין איך אײַך ערבֿ! — רופֿט זיך אָן דער טאַטע. יחזקאלס פֿאָטער האָט געהייסן מרדכי.

מיר צוויי באַקומען רשות און גייען טאָג־טעגלעך אַרויס אויף אַ שעה פֿאַר דער טיר, צום באַרג, צום ליים, זיך געשפּילט, געגראָבן (ערגעץ אַ לאָפּעטע באַקומען), טאָלן, גריבער געמאַכט, אַ פֿעסטונג געבויט.

און די אַרבעט איז אונדז שפּעטער צו ניץ געקומען אַ מצווה

אײַנפֿאַל — idea

גלאָצן — to open wide

שטאַמלען — to stammer

ליים — lime

שטאָק — floor

מילא (מײלע) — נו, זאָל שוין זײַן.

בנוגע (בענויגייע) — וואָס שייך, וואָס האָט צו טאָן מיט . . .

גליד־שוועסטערקינד — second cousin

ערבֿ (אָרעוו) — גאַראַנטיר.

רשות (רעשוס) — דערלויבעניש.

לאָפּעטע — shovel

טאָלן — valleys

גרוב, גריבער — pit, hole

פֿעסטונג — fortress

מצווה (מיצווע) — good deed

צו טון. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט מען אײַנגעלייגט די זאַ־מאָשטשער פֿעסטונג. די מויערן האָט מען צעשאָסן און געדונגען אַרבעטער אַראָפּצושיטן די וואַלן. האָבן זיך אויך עטלעכע ייִדן צו דער אַרבעט געשטעלט. אַלטע, צעבראָכענע ייִדן, וואָס האָבן שוין צו עפּעס אַנדערש נישט געטויגט. נאָענט צום חדר איז עס געווען, פֿלעגן מיר אויף אַ שעה לויפֿן אויפֿן וואַל אַרויף און אַרבעטן פֿאַר די אַלטע לײַט.

דער ביבליאָטעק־שליסל

א.

עס פֿאַלט צו די נאַכט... איך גיי אַרוים אויפֿן שאָסיי, גיי עטוואָס ווײַטער אָפּ פֿון שטאָט און דערזע (גלײַך צום ערשטן מאָל!) — ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ הינטערן גאָרטן — פּורפּור־פֿלאַם פֿון צווישן די צווײַגן... און קעגנאיבער שײַנט אויף אַ בלאָס־גע־צייכנטע לבֿנה; קומט העכער, העכער, ווערט בולטער...

איך שטיי אָנגעשפּאַרט אָן עפּעס אַ צוים און קוק, און וואונדער מיך, פֿאַר וואָס זע איך עס אַזוי צום ערשטן מאָל... יעדן טאָג גייט דאָך אונטער די זון, יעדן אָוונט גייט אויף די לבֿנה...

און זי ציט זיך אַרויף, אַרויף...

רירט מיך פּלוצלונג עמעץ בײַם אַקסל אָן...

מיכל פֿידלער — בײַם פּלויט פֿון זײַן הײַזל בין איך עס גע־שטאַנען. ער איז צו מיר אַרויסגעקומען, אַ שטילער, שטיל־שלײַכנ־דיקער, מיט טרויעריקע וואַסער־אויגן, אין איין האַנט — אַ ספֿרל, אין דער צווייטער — אַ לאַמטערל...

— „מען זאָגט, דו ביסט אַן עילוי. קענסט דאָ פּשט?"

וואַל — rampart, bulwark

שאָסיי — highway

פּורפּור — purple

בולטער (בוילעטער) — קלאָרער.

צוים, פּלויט — fence

שלײַכן — זיך רוקן.

עילוי (אילוי) — וואונדערקינד ; prodigy, genius

פּשט (פּשאַט) — meaning

און ער ווײַזט מיר אַן אָרט אין אַ קבלה־ספֿרל... איך לייען דורך, פֿאַרשטיי און פֿאַרטײַטש...

— „ביסט דאָך טאַקע אַן עילוי... נו, וואַרט" — און ער פֿאַר־שווינדט צוריק אין הײַזל אַרײַן...

ער קומט צוריק אַרויס מיטן לאַמטערן, נאָר אין דער אַנדערער האַנט, אויפֿן אָרט פֿון ספֿרל — אַ גרויסער, שווערער פֿאַרראָסטער שליסל — —

דער שליסל צו זײַן פֿאַרמאַכטער ביבליאָטעק אין שטאָט...

— דו ביסט עס ווערט...

מיט דער האַנט, וואָס ציטערט שלאַבעריק, דערלאַנגט ער מיר דעם שליסל. די שטים — הויל, אַן טאָן, הײַנט וואָלט איך געזאָגט — אַן פֿאַרב. איך הייב צו אים די אויגן אויף, וויל עפּעס זאָגן, דאָס מויל איז מיר צוגעשנירט; בײַם שײַן פֿון לאַמטערן זע איך אַ פּנים געל, וואַקסן־געל, אָפּגעלאָזט...

איך נעם דעם שליסל און גיי מיט אים אָפּ שווײַגנדיק. דער שליסל וועט עפֿענען מיר אַ נײַע ביכערוועלט.

ב.

זע איך מיך ווי איך גיי אין אַ שוואַרץ היטל, אין אַ פּאַלטאָ און ווײַס פֿאַרלייגטע שטיוול איבער דער ברוקירטער גאַס צום גרי־נעם שלאָס (עס איז פֿרילינג־צײַט) און בלײַב שטיין בײַם קווער־געסל פֿ אַ ר ן שלאָס, אין ווינקל, וואו דאָס הויז שטייט; דאָס הויז מיט דער פֿאַרמאַכטער ביבליאָטעק אויפֿן בוידעם. איך טרעט אַריבער די שוועל איבער גוואַלד. עטלעכע טראָפּן שוויים פּערלען זיך איבערן שטערן; דאָס הויז איז מיר פֿרעמד; דאָ וואוינען נישט קיין ייִדן. דאָס הויז איז אַ נײַס, דעמאָלט דאָס נײַסטע, און האָט

קבלה (קאַבאָלע) — די ייִדישע מיסטיק, mysticism

פֿאַרראָסט — rusted

שלאַבעריק — weak, loose

הויל — hollow

צוגעשנירט — פֿאַרמאַכט, laced

פּאַלטאָ — top-coat

ברוקירטער — paved

שלאָס — castle

קווער־געסל — cross-street

בוידעם — attic

ליכטיקע טרעפּ, דעמאָלט די איינציקע ליכטיקע טרעפּ אין שטאָט. איך שטײַג באַהאַרצט: אַ גוטער סימן — אַ ליכטיקער וועג! און איך שטײַג אין ליכט. איין שטאָק, אַ צווייטער — די פּלאַטפּאָרם צום בוידעם; דאָ לעשט זיך מיר דער טאָג אויס... איך ווער אַ ביסל אומרואיק. אָבער נישט פֿאַראַן: צוריק! די האַנט ציטערט אַ ביסל, דאָך דערטאַפּט זי די טיר; אין טיר — די שליסל־לאָך. פֿריִער אַרײַנקוקן. איך נייג צו אַן אויג: אַ חושך. קעגנאיבער אַ פֿאַרלאָדנט פֿענצטער פֿון אינעווייניק. אָבער דורכן לאָדן־שפּאַלט רײַסט זיך אַרײַן אַ זײַל פֿון ציטעריקן זונען־שטויב און שפּאַרט צו ביז צו אַ הויפֿן ביכער אויף דער פּאָדלאָגע.

און איך דריי איבער דעם שליסל! אַ קריץ אין אַלטן שלאָס, דאָס האַרץ — אַ ציטער, דאָך — די טיר שוין אָפֿן, דער לאָדן — האַסטיק אויפֿגעריסן — איך בין אין דער פֿאַרמאַכטער ביבליאָטעק.

אַזוי פֿיל ביכער! אַרום אויף אַלע פֿיר ווענט, צעוואָרפֿענע אונטער די פֿיס אויף דעם דיל.

איך וועל אַלץ לייענען און כּסדר!

ג.

„אַלץ" האָב איך נישט געלייענט; דרײַ שפּראַכן געווען: דאָס מערסט פּויליש; דערנאָך אַ ביסל דײַטש; געווען אַ קליין ביסל פֿראַנצייזיש אויך.

פֿראַנצייזיש קען איך גאַרנישט. לייענען אַפֿילו נישט. דײַטש, בײַ וועלכן, ווי איך רעכן, עס וועט מיר בײַשטיין דער זכות פֿון עטלעכע לעקציעס בײַם לערער שטערן, לייג איך דאָך אָפּ אויף שפּעטער. צו גרויס איז מײַן דאַרשט צו „קענטעניש", איך זאָל מיך זעצן סילאַביזירן! איך הייב אָן בײַ פּויליש, און האַלט וואָרט. און לייען כּסדר; פֿון דער רעכטער האַנט בײַם אַרײַנגאַנג. און די

באַהאַרצט — bold, courageous

חושך (כוישעך) — פֿינצטערניש.

פֿאַרלאָדנט — with closed shutters

שפּאַרט צו — קומט צו.

פּאָדלאָגע — floor

האַסטיק — גיך.

זכות (זכום) — merit; ס'וועט מיר בײַשטיין דער זכות — it will help me

סילאַביזירן — לייענען גאָר פּאַמעלעך.

ביכער זײַנען אויסגעשטעלט אָן אַ סדר. אַ תּהו־ובֿהו פֿון ביכער. ראָמאַנען און ווינסשאַפֿטלעכע זאַכן. אויסגעמישט און צעוואָרפֿן — די פֿילבענדיקע ראָמאַנען; איבערהויפּט די איבערזעצונג פֿון פֿראַנצייזיש.

אָבער איך לייען! איך זוך קיין ספּור המעשׂה נישט. איך לייען נישט קיין נאַטור־באַשרײַבונגען, זיי דערמאָנען מיך אָן גאָר־נישט, וועקן אין מיר קיין בילדער נישט! איך האָב אַזוי ווייניק באַקאַנטשאַפֿט מיט נאַטור. לייענענדיק, פֿלעכטן זיך אין מיר אַלערליי מעשׂיות; איך קען מיך און וויל מיך נישט אַרויספּלאָנטערן. אין דער ביבליאָטעק איז אַ יאַריד! פֿול מענטשן אין מאַרק; אַ געווימל פֿון מענטשן! פֿון אַלערליי שטאַנדן, אַלערליי געשעפֿטן! אין גרופּעס שטייען זיי, און רעדן צווישן זיך, יעדע גרופּע האָט איר עסק... און איך שפּאַציר אַרום איבערן מאַרק, גיי פֿון גרופּע צו גרופּע, הער אונטער, כאַפּ אָפּגעריסענע שטיקער פֿון געשפּרעכן און שטוים מיך אָן וועגן וואָס עס גייט.

פֿאַלט מיר אָבער אין אַ קורצער צײַט אַרום אין דער האַנט אַרײַן נאַפּאָלעאָנס קאָדעקס אין איבערזעצונג. איך לייען און — פֿאַרשטיי, אַ פֿרייד; נישט טיף, אפֿשר נישט ריכטיק און — גאַף! איך קום אויך צו פֿיזיק. רבונו של עולם! נישט די קאָלדרע וואַרעמט מיך, נאָר מײַן לײַב די קאָלדרע! מען קען מאַכן שניי! דונערן! אָן מאַטעמאַטישער צוגרייטונג, היפּער איך איבער צי־פֿערן און אַלגעבראַיִשע צייכנס, און פֿאַל אַרײַן אין אַ ים פֿון ראָמאַנישע און ראָמאַנטישע דיאַלאָגן, און שווים ווידער אַרום אין

תּהו־ובֿהו (טויהו־וואָוואויהו) — chaos
ראָמאַנען — novels
ספּור־המעשׂה (סיפּור־האַמײַסע) — story, plot
אַרויספּלאָנטערן — באַפֿרײַען זיך פֿון דעם.
יאַריד — uproar, county-fair
געווימל — אַ דרייען זיך, אַן אומרואיק געזעמל (crowd)
שטאַנדן — classes of people
עסק (אייסעק) — affair, business
גאַפֿן — to gape in astonishment
רבונו של עולם (ריבוינע־שעל־אוילאָם) — האַר פֿון דער וועלט, גאָט; Lord of the universe
קאָלדרע — bedcover
היפּער איבער — skip

אַ „נאַטור־וויסנשאַפֿט”... די באַשרײַבונגען פֿון קערפּער און גלי־דער, אַזוי פֿון געוויקסן ווי פֿון חיות, נעמען מיך נישט, זײַנען פֿאַר מיר טויט! ווידער דאָס זעלבע: זיי דערמאָנען מיך אָן גאָרנישט, וועקן אין מיר גאָרנישט!

פֿאַר דאָס די באַשרײַבונג פֿון לעבנסאַרטן, פֿון געוויקס און חיה, יעדע אַנטפּלעקונג פֿון אינסטינקט און פֿאַרשטאַנד, געוואוינ־הייטן, דאָס צופּאַסן זיך מיט ליניע און פֿאַרב צום מיליע... נעסטן בויען, קינדער דערציִען, זאַמלען שפּײַז אויף ווינטער, פֿאַרזאַמלונגען פֿון געפֿליגלטע אונטערן בלויען הימל, דער קאַמף פֿאַר לעבן און ליבע, — דאָס אַלץ כּישופֿט...

גאָט, ווי גרויס די וועלט איז, ווי פֿאַרשיידנאַרטיק, און וויפֿל שׂכל, וויפֿל גײַסט...

ג.

מיט וועמען רעדט מען דערפֿון? פֿאַר וועמען גיסט מען זיך אויס דאָס האַרץ? אין וועמענס אויערן אַרײַנגיסן דאָס קלאָגן אויף די חורבֿות אין געהירן און אין האַרץ? מיט די אַרומיקע? איך פּרוּוו רעדן מיט מיר אַליין און קען נישט...

ראַטעווען קען מיך איין ש. ח. ער האָט געענדיקט די ראַבי־נער־שול אין זשיטאָמיר. געקומען צו אונדז ווי אַ לערער פֿון רע־ליגיע . . . לערנט פֿון אַ רוסיש ביכל אַרויס די „ביבלישע גע־שיכטע”. האַלט זיך ווײַט פֿון קהל; רעדט נאָר רוסיש.

נעמט ער מיך אויף, הערט מיך אויס, פֿינטלענדיק מיט די אויגן, הערט מײַנע ספֿקות און פּײַן, און ענטפֿערט:

— ניטשעוואָ!! (מאַכט נישט אויס!)

איך מוז ווערן אַ לײַט, אַוועק שטודירן! קיין זשיטאָמיר,

---

species, ways of life — **לעבנסאַרטן**

display — **אַנטפּלעקונג**

environment — **מיליע**

enchants — (קישעפֿט) **כּישופֿט**

ruins — (כורוועס) **חורבֿות**

brains — **געהירן**

community, public — (קאָהאָל) **קהל**

doubts — (ספּייקעס) **ספֿקות**

קיין ווילנע... אַלע ספקות וועלן אַפּפאַלן, אַלץ וועט ווערן קלאָר, אַלץ וועט ווערן גלײַך...

ער וועט מיר העלפֿן!

נעמט ש. ח. און פֿאַרזעצט אויף הוצאות זײַן גאָלדן קײטל. ווערט באַשטימט אַ פֿאַרטאָג צום שטילן אַוועקפֿאָרן. עס ווערט באַשטעלט אַ פֿור. איך פּאַק מיך בסוד סודות. לייג מיך פֿרי מכּלו־מרשט שלאָפֿן, מיטן פּעקל אונטערן קישן, איך וועל קיין אויג נישט צוטון. אַ פֿײַף פֿון גאַס וועט זײַן דער צייכן... איך לעש אויס דאָס לעמפּל, געזעגן זיך מיט אַלע און אַלעם אין דער פֿינצטערער שטוב; אויפֿן האַרץ נישט אַזוי לײַכט... אָבער איך מוז... איך ליג און דערהער אַ שטילן שאָרך פֿון צווייטן צימער. איך האָרך. שטיל עפֿנט זיך די טיר. שטיל, באַרוועס קומט אַרײַן די מאַמע. איך זע זי קוים בײַם שוואַכן שײַן פֿון דער לבֿנה אין פֿענצטער. זי שוועבט שטיל צו צום בעט, זעצט זיך קעגנאיבער, קוקט מיר מיט ווייטיק אין פּנים אַרײַן... איך קען די אויגן נישט שליסן, איך מוז זי זען, און זען ווי פֿון די אויגן אירע רינען שטיל, שטיל די טרערן... זי געזעגנט זיך מיט מיר... ווער האָט אויסגעזאָגט מײַן סוד?

אָבער זי וואַכט בײַ מיר, אירע טרערן וואַכן; איך פֿאָר נישט...

איך גיב מיך אונטער. איך זע נישט קיין אַנדער אויסוועג. אַ קרבן פֿון דער מאַמעס טרערן! ש. ח.׳ס גאָלדן קייטל איז פֿאַר־פֿאַלן געוואָרן בײַם מלווה . . . די פֿור איז צוריק אָפּגעפֿאָרן אין פֿאַרשטאָט אַרײַן...

הוצאות (הויצאָעס) — אויסגאַבעס, expenses

פֿור — buggy

בסוד־סודות (בעסאָד־סוידעס) — very secretly

מכּלומרשט (מעקלוימערשט) — pretending

שאָרך — rustle

קרבן (קאָרבן) — victim

מלווה (מאַלווע) — money-lender

שלום בית

חיים איז אַ טרעגער.

אַז ער גייט דורך די גאַס, אײַנגעהויקערט אונטערן קאַסטן סחורה, זעט מען אים נישט אַרויס; עס דאַכט זיך, אַז דער קאַסטן גייט אַליין אויף צוויי פֿיס. דאָס שווערע אָטעמען הערט זיך דאָך פֿון ווײַטנס.

דאָך — אָט לייגט ער אָפּ די לאַסט, באַקומט זײַנע עטלעכע גראָשן, ער גלײַכט זיך אויס, אָטעמט שטאַרק אָפּ, בינדט אָפּ די פּאָלעס, ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פֿון פּנים, גייט גלײַך צום ברו־נעם, טוט אַ פּאָר שלוק וואַסער און לויפֿט אין אַ הויף אַרײַן.

ער שטעלט זיך לעבן אַ וואַנט, הייבט אויף דעם ריזנקאָפּ אַזוי, אַז דער שפּיץ באָרד מיטן נאָז קומען אויס אויף איין שטח.

ער רופֿט:

— חנה!

פֿון אונטערן דאַך עפֿנט זיך אַ קליין פֿענצטערל, און אַ קליין ווײַבעריש קעפּל אין אַ ווײַסן ציפּיק ענטפֿערט:

— חיים?

דאָס פּאָרפֿאָלק קוקט זיך גאַנץ צופֿרידן אָן; חיים וואַרפֿט אַרויף זײַן פֿאַרדינסט, אײַנגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר. חנה כאַפּט עס אין דער לופֿט. עס איז איר נישט דאָס ערשטע מאָל.

שלום־בית (שאָלעם־באַיִם) — domestic happiness
טרעגער — porter
אײַנגעהויקערט — hunched
סחורה (סכוירע) — goods
לאַסט — load, burden
פּאָלעס — עקן פֿון ראָק (coat)
ברונעם — fountain, well
שלוק — gulps
הויף — courtyard
ריזנקאָפּ — gigantic head
שפּיץ — edge, tip
שטח (שעטאַך) — דאָ: plane, level
ציפּיק — bonnet

— אַ בריה, — מאַכט חיים, און האָט גאָר קיין חשק נישט אוועקצוגיין.

— גיי, גיי, חיים! — שמייכלט זי, — איך קאָן מיך נישט רירן פֿון קראַנקן קינד... איך האָב צוגעשטעלט דאָס וויגעלע צום קוי־מען... מיט דער האַנט שוים איך און מיטן פֿוס וויג איך...

— וואָס מאַכט עס נעבעך?

— בעסער.

— געלויבט איז גאָט! און הענע?

— ביַי דער נייטאָרין!

— יאָסל?

— אין חדר.

חיים לאָזט צוריק אַראָפּ די באָרד, גייט אַוועק, און חנה קוקט אים נאָך, ביז ער ווערט איר פֿאַרשוואונדן.

דאָנערשטיק און פֿריַיטיק דויערט עס לענגער.

— וויפֿל האָסטו דאָ אין פּאַפּירל? — פֿרעגט חנה.

— צוויי און צוואַנציק גראָשן.

— איך האָב מורא, עס איז ווייניק.

— וואָס דאַרפֿסטו דען, חנה?

— פֿאַר אַ זעקסער שמירעכץ פֿאַרן קינד, פֿאַר עטלעכע גראָשן ליכט, חלה האָב איך שוין... פֿליש אויך, אָנדערטהאַלבן פֿונט... נו — בראָנפֿן אויף קידוש . . .

און זי רעכנט אויס, וואָס זי דאַרף נאָך אַלץ אויף שבת. סוף־כּל־סוף בליַיבט, אַז מען קאָן קידוש מאַכן איבער חלה, און אַז אָן אַ סך זאַכן איז זיך גאַנץ לײַכט צו באַגיין.

בריה (בעריע) — skillful person
חשק (כיישעק) — desire
וויגעלע — cradle
קוימען — oven, chimney
שוימען — to skim the foam
נייטאָרין — seamstress
שמירעכץ — salve
בראָנפֿן — brandy, whisky
סוף־כּל־סוף (סאָף־קאָל־סאָף) — at the end
קידוש (קידעש) — די ברכה (grace) וואָס מען זאָגט שבת אָדער יום־טובֿ איבער וויַין, אָדער חלה; blessing over a cup of wine

דער עיקר איז — בענטשליכט, אויך די זאַלבּ פֿאַרן קינד!

און פֿון דעסטוועגן, אַז גאָט העלפֿט, די קינדער זײַנען געזונט, די מעשענע לײַכטער — נישט פֿאַרזעצט, בפּרט, אויב עס איז דאָ נאָך אַ קוגל, האָט דאָס פֿאַרפֿאָלק גאָר אַ פֿריילעכן שבת.

וואָרעם חנה איז אַ בריה צום קוגל!

שטענדיק פֿעלט איר עפּעס; דאָ מעל, דאָ אייער, דאָ פֿעטס, און צום סוף קומט אַרויס אַ פֿעטער, אַ זיסער, אַ מחיהדיקער קוגל. ער צעגייט פּשוט אין אַלע אבֿרים.

— דאָס קאָכט דער מלאך, — זאָגט חנה, — און שמייכלט פֿאַר נחת.

— יאָ, אַ מלאך, אוודאי אַ מלאך, — לאַכט חיים, — דו מיינסט אַז דו ביסט אַ קליינער מלאך, אַז דו האַלטסט אויס פֿון מיר און פֿון די קינדער, וויפֿל מאָל טוען זיי דיר אָן צרות. איך ווער אַ מאָל בייז... נו, איך הער עפּעס אַ קללה פֿון דיר, ווי אַנדערע בײַ די ווײַבער?

— און דו האָסט אַ סך נחת פֿון מיר? דו און די קינדער גייען נאַקעט און באָרוועס... צו וואָס טויג איך? נישט צו קידוש, נישט צו הבֿדלה, איך קען אַפֿילו נישט רעכט קיין זמירות זינגען.

— ביסט פֿאָרט אַ גוטער טאַטע, און אַ גוטער מאַן, — האַלט

דער עיקר (איקער) — די הויפּטזאַך.
בענטשליכט — Sabbath candles
מעשענע לײַכטער — brass candlesticks
פֿאַרזעצן — to pawn
בפּרט (ביפּראַט) — especially
מחיהדיקער (מעכאַיעדיקער) — delicious
צעגייט אין אַלע אבֿרים (אייוורים) — זייער, זייער געשמאַק.
פּשוט (פּאַשעט) — simply
נחת (נאַכעס) — joy
צרות (צאָרעס) — trouble
קללה (קלאָלע) — curse
הבֿדלה (האַוודאָלע) — די תּפֿילה, דאָס געבעט, איבער ווײַן, אָדער אָן אַנדער געטראַנק, וואָס באַצייכנט אַז דער שבת אָדער יום־טובֿ איז שוין אַוועק און די וואָכעדיקע טעג הייבן זיך אָן.
זמירות (זמירעס) — שבת־לידער.

זיך חנה ביַי איריקן, — אַזאַ יאָר אויף מיר, און אויף כּל ישׂראל. איך זאָל מיך נאָר עלטערן מיט דיר, רבונו־של־עולם.

און דאָס פֿאַרפֿאַלק קוקט זיך אין די אויגן אַריַין אַזוי גוט, אַזוי וואַרעם, און אַזוי מיטן גאַנצן האַרץ, אַז עס דאַכט זיך, זיי זיַינען ערשט פֿון אונטער דער חופּה אַפּער...

עס ווערט נאָך פֿריילעכער ביַים טיש...

נאָר נאָכן שלאָף גייט חיים אין קליינעם שולכל אַריַין הערן תּורה.

דאָרט לערנט אַ מלמד מיטן פּראָסטן עולם. עס איז היים. די פּנימער זיַינען נאָך פֿאַרשלאָפֿן. איינער כאַפּט נאָך אַ דרעמל, דער צווייטער לאָזט אַרויס אַ הויכן גענעץ, נאָר ווען עס קומט צום רעכטן אָרט, מען שמועסט פֿון יענער וועלט, פֿון גיהנום, וואו מען שמיַיסט די רשעים מיט אײַזערנע ריטער; פֿון ליכטיקן גן־עדן, וואו די צדיקים זיצן מיט גאָלדענע קרוינען און לערנען תּורה — דעמאָלט ווערן אַלע אויפֿגעלעבט; די מיַילער אָפֿן, די פּנימער רויט... מען הערט זיך איַין אָן אָטעם, וואָס עס וועט זיַין אויף יענער וועלט.

חיים שטייט געוויינטלעך ביַים אויוון. ער האָט טרערן אין די אויגן. עס ציטערן אים די הענט און פּיס. ער איז אין גאַנצן אויף יענער וועלט.

אַזאַ יאָר אויף... — אַזאַ גוט יאָר.

כּל ישׂראל (קאָל ייִסראָעל) — אַלע ייִדן.

רבונו־של־עולם (ריבוינע־שעל־אוילאָם) — דער האַר פֿון דער וועלט, גאָט.

חופּה — wedding canopy

אַפּער — אַרויס.

מלמד (מעלאַמעד) — teacher, אַ לערער אין חדר.

פּראָסטער עולם (אוילאָם) — common folk

כאַפּן אַ דרעמל — to nap

גענעץ — yawn

גיהנום (געהענעם) — hell

שמיַיסן — to flog

רשעים (ריישאָים) — שלעכטע, wicked, sinners

אײַזערנע ריטער — iron rods

גן־עדן (גאַנײדן) — Paradise

צדיק (צאַדיק), **צדיקים** (צאַדיקים) — Saint (s), righteous

ער ליידט צוזאַמען מיט די רשעים. באָדט זיך אין הייסער סמאָלע. אַלץ לעבט ער דורך. און עס באַדעקט אים דער קאַלטער שווייס. פֿאַר דאָס האָט ער שפּעטער נחת גלייך מיט אַלע צדיקים. דאָס ליכטיקע גן־עדן, די מלאָכים, דער לויתן, דער שור־הבר, און אַלע גוטע זאַכן שטעלן זיך אים פֿאַר אַזוי לעבעדיק און אַזוי בולט, אַז ווען דער מלמד ענדיקט, גיט אַ קוש און פֿאַרמאַכט דאָס ספֿר, כאַפּט ער זיך אויף ווי פֿון אַ חלום. טאַקע ווי פֿון יענער וועלט.

— אַך, — כאַפּט ער שווער דעם אָטעם, וואָס ער האָט איינגעהאַלטן ביי דער גאַנצער צייט, — רבונו־של־עולם! כאַטש אַ שטיקל, כאַטש אַ פּיצל, כאַטש אַ בראָקעניו עולם־הבא... פֿאַר מיר, פֿאַר מיין ווייב און פֿאַר אַלע מיינע קינדערלעך!

און דעמאָלט ווערט ער טרויעריק; ער פֿרעגט זיך: אימשטיינס געזאָגט פֿון וואָס, פֿאַרוואָס?..

איין מאָל איז ער נאָכן לערנען צוגעגאַנגען צום מלמד:

— רבי, — זאָגט ער, און זיין קול ציטערט, — גיט מיר אַן עצה, איך זאָל זוכה זיין צו האָבן עולם־הבא.

— לערן, מיין קינד, תּורה, — הערט ער אַ תּשובֿה.

— איך קאָן נישט.

— לערן משניות...

— איך קאָן נישט!

— זאָג תּהילים.

— איך האָב קיין צייט נישט!

סמאָלע — pitch

לויתן (לעוויאַסן) — לעגענדאַרער זייער גרויסער פֿיש, Leviathan

שור־הבר (שאָר־האַבאָר) — לעגענדאַרער זייער גרויסער אָקס.

בולט (בוילעט) — קלאָר, vividly

ספֿר (סייפֿער) — הייליק בוך.

בראָקעניו — crumb

עולם־הבא — יענע וועלט, Paradise

אימשטיינס געזאָגט — וועגן וואָס איז דאָ צו ריידן.

עצה (אייצע) — advice

זוכה (זויכע) **זיין** — ווערט זיין, to be worthy

תּשובֿה (טשואווע) — ענטפֿער.

משניות (מישנאַיעס) — דער ערשטער קירצערער טייל פֿון תּלמוד.

תּהילים (טהילים) — Psalms

— דאָוון ערנסט!
— איך פֿאַרשטיי נישט וואָס איך דאָוון!
דער מלמד קוקט אים אָן מיט רחמנות.
— וואָס ביסטו? — פֿרעגט ער.
— אַ טרעגער.
— נו, זײַ אַ משמש תּלמידי־חכמים.
— וואָס הייסט?
— טראָג, למשל, אַלע פֿאַרנאַכט אין בית־המדרש אַרײַן אַ פּאָר קאַנען וואַסער, די לומדים זאָלן האָבן צו טרינקען.
חיים ווערט דערפֿרייט.
— רבי, — האָט ער ווײַטער געפֿרעגט, — און מײַן ווײַב?
— אַז דער מאַן זיצט אויף אַ שטול אין גן־עדן איז דאָס ווײַב זײַן פֿוסבענקעלע.
אַז חיים איז אַהיים געקומען הבֿדלה מאַכן, איז חנה געזעסן און געזאָגט „גאָט פֿון אַבֿרהם". אַז ער האָט זי דערזען, האָט אים עפּעס אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ.
— ניין, חנה, — פֿאַלט ער צו איר צו, — איך וויל נישט דו זאָלסט זײַן מײַן פֿוסבענקעלע... איך וועל מיך אַראָפּבייגן צו דיר, איך וועל דיך אויפֿהייבן און זעצן דיך לעבן מיר. מיר וועלן צוזאַמען זיצן אויף איין שטול, ווי אַצינד... עס איז אונדז אַזוי גוט צוזאַמען... הערסט, חנה, דו מוזסט זיצן מיט מיר אויף איין שטול. דער רבונו־של־עולם וועט מוזן באַשטיין.

רחמנות (ראַכמאָנעס) — pity

משמש (מעשאַמעס) זײַן — באַדינען.

תּלמידי־חכמים (טאַלמידיי־כאַכאָמים) — געלערנטע אין דער תּורה.

למשל (לעמאָשל) — for instance

לומדים (לאָמדים) — געלערנטע אין דער תּורה.

פֿוסבענקעלע — footstool

גאָט פֿון אַבֿרהם (אַווראָהאָם) — די ערשטע ווערטער פֿון דעם געבעט וואָס פֿרויען זאָגן שבת פֿאַרנאַכט, ווען דער שבת גייט אַוועק און עס קומט די וואָך.

באַשטיין — צושטימען, to yield, to consent

מענדל ברײַנעס

מענדל ברײַנעס (קיין פֿאַמיליע־נאָמען איז נאָך דעמאָלט נישט געווען), איז געווען אַ שיינער ייִד; קיין גרויסער למדן נישט, נאָר — תהילים פֿאַרן דאַווענען, עין־יעקבֿ נאָכן דאַווענען, און בײַנאַכט — אַ פּרק משניות. ער פֿלעגט גאַנץ אָפֿט אַהיים נעמען אַן אורח, יעדן פֿרימאָרגן אַרײַנוואַרפֿן אין מאיר בעל־הנס, און דערצו פֿלעגט ער גלאַט זײַן אַ מתעסק במצוות: אַ מגיד איז געקומען, מען דאַרף אַרומגיין צוזאַמענעמען פֿאַר אַרעמע־לײַט, אויף מצות, אויף האָלץ און קאַרטאָפֿל, נעמט ער דעם גראָבן שטעקן מיט דער מעשענער גאַלקע און גייט מיטן רבֿ, אָדער אַזוי מיט אַ שיינעם באַלעבאָס. ער האַלט פֿאַר אַ מצווה אַליין צו טראָגן די פּושקע, כאָטש הינטן גייט נאָך דער שמש.

ווינטער האָט ער קיין מינוט צײַט נישט געהאַט; תהילים זאָגן, דאַווענען, עין־יעקבֿ לערנען, אָנבײַסן, אַ נדבֿה מאַכן, מינחה־מעריבֿ, אַ פּרק משניות און וועטשערע — און קריעת־שמע לייענען,

---

למדן (לאַמדן) — געלערנטער.

תהילים — psalms

עין־יעקבֿ (איען־יאַקעוו) — דער נאָמען פֿון אַ בוך וואָס האָט אַגדות, לעגענדעס, מעשׂיות פֿון תּלמוד.

פּרק (פּיירעק) — קאַפּיטל, chapter

משנה (מישנע), **משניות** (מישנאַיעס) — דער ערשטער קירצערער טייל פֿון תּלמוד.

אורח (אוירעך) — פֿרעמדער, גאַסט.

מאיר בעל־הנס — די פּושקע (box) אין וועלכער מען זאַמלט געלט פֿאַר פֿרומע ייִדן אין ארץ־ישׂראל. אַזאַ פּושקע פֿלעגט זיך געפֿינען אין יעדער ייִדישער שטוב.

מתעסק זײַן במצוות (מיסאַסעק זײַן ביימיצוועס) — זיך פֿאַרנעמען מיט מצוות (good deeds)

מגיד (מאַגיד) — preacher

מעשענע גאַלקע — brass ball of a cane

שמש (שאַמעס) — sexton

נדבֿה (נעדאָווע) — donation

מינחה (מינכע) — דאָס צווייטע מאָל דאַווענען אין פֿאַרלויף פֿון טאָג.

מעריבֿ (מאַריוו) — דאָס דריטע מאָל דאַווענען אין פֿאַרלויף פֿון טאָג, ווען עס איז שוין אָוונט.

שלאָפֿן, חצות, ווײַטער שלאָפֿן . . . עס איז אים פֿון טאָג קיין מאָל קיין רעשט נישט געבליבן. דערפֿאַר זומערצײַט פֿלעגט אים בלײַבן אַ נאָך־ווארעמעס, אַ גרויסער נאָך־ווארעמעס. ער פֿלעגט אים א ו י ך פֿאַרברענגען אין בית־המדרש, נאָר רעדן שוין פֿון וועלטזאַכן, פֿון נײַע המצאות, פֿון פּאָליטיק . . .

מענדל ברײַנעס איז נישט קלוג געווען. אין חדר פֿלעגט מען אים רופֿן מענדל שוטה; אַז ער האָט חתונה געהאַט, פֿלעגט ער שוין הייסן: „מענדל תּם”. ערשט דערנאָך, אַז ער איז אַראָפּ פֿון קעסט, געוואָרן אַ באַלעבאָס פֿאַר זיך, און ברײַנע, זײַן ווײַב, האָט זיך געמאַכט אַ שפּײַז־געוועלב און געלייזט „שטיקער גאָלד”, — האָט מען אים געקרוינט אויף „מענדל ברײַנעס”. און ווײַל מענדל ברײַנעס איז קיינעם אין וועג אַרײַן נישט געגאַנגען, קיינעם אַ שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, און בית־המדרש און קהל האָט געהאַט פֿון אים, האָט קיינער נישט דערמאָנט וואָס אַ מאָל איז געווען, האָט קיינער הויך נישט געלאַכט, אַז ער פֿלעגט צווישן אַלע פֿינף ווערטער זאָגן: אָבער וואָר, איך בין קיין נאַר נישט? אָ־יאָ, איך בין קלוג?

עס איז געווען נאָך דעם סעוואַסטאָפּאָלער קריג; דאָס גאַנצע בית־המדרש האָט נאָך געקלונגען מיט ענגלישע המצאות. די מעשׂיות

קריעת־שמע (קרישמע) — אַ תּפֿילה (טפֿילע) פֿאַרן אײַנשלאָפֿן. prayer before falling asleep

חצות (כצאָס) — midnight prayers

המצאות (האַמצאָעס) — נײַע אײַנפֿאַלן, new ideas

שוטה (שויטע) — נאַר.

תּם (טאָם) — simpleton

קעסט — אַן אײדעם (son-in-law) פֿלעגט נאָך דער חתונה אַ געוויסע צאָל יאָרן לעבן בײַ דער ווײַבס פֿאָטער, דאָס רופֿט זיך לעבן אויף קעסט.

שפּײַז־געוועלב — grocery

געלייזט — אַרײַנגענומען, פֿאַרדינט.

קרוינען — דאָ: אַ נאָמען געבן.

קהל (קאָהל) — Jewish community

וואָר — אמת.

סעוואַסטאָפּאָלער קריג — די מלחמה צווישן רוסלאַנד קעגן טערקײַ, ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך אין די יאָרן 1854—1856.

האָבן דערציילט אויסגעדינטע זעלנערס, וואָס האָבן עס אַליין געזען, מיט אייגענע אויגן.

פֿון דעמאָלט אָן האָט מענדל בריינעס געהאַלטן עולם ומלואה פֿון ענגלאַנד, און וואָס ער האָט עפּעס געזען, און זיין שׂכל האָט נישט געקענט משׂיג זיין, איז אַלץ געווען פֿון ענגלאַנד. אַז דער זייגער קומט אַרויס פֿון ענגלאַנד, פֿון דעם איז נישט געווען וואָס צו קלערן, נאָר די ערשטע ספּרונזשינע האָט אויך געמוזט מאַכן אַן ענגלישער שמיד! און ער האָט גערעדט מיט גרויס התלהבֿות פֿון ענגלאַנד, פֿון אירע חכמים, פֿון אירע שמידן.

— זיי מוזן דאָרט זיין שיינע חכמים!

מענדל בריינעס וואָלט געוואָלט לעבן אין ענגלאַנד, נאָר שטאַרבן, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אין ארץ־ישׂראל. מחיה האָט ער זיך געווען, אַז ער איז געוואויר געוואָרן פֿון אַ זי־כערן מענטשן, אַז ארץ־ישׂראל איז ווייטער ווי ענגלאַנד.

— גוט, טראַכט ער. און קלערט שוין פֿון דעמאָלט אָן אויפֿן רעכטן אמת צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, וואָרעם „דער וועג מוז דאָך גיין דורך ענגלאַנד!"

ער וואָלט שוין לאַנג פֿאַרקויפֿט דאָס געוועלבל מיטן כּלי־בית און געפֿאָרן, ווען נישט ברײַנע.

ברײַנע האָט גאַנץ ערלעך געהאַלטן איר מענדעלען. זי האָט זיך געוואונטשן צו זיין פֿוסבענקעלע אין גן־עדן; זי האָט אים

אויסגעדינטע זעלנערס — veterans

עולם ומלואה (אוילאָם אומלויע) — דאָ: גאָר שטאַרק.

שׂכל (סייכל) — פֿאַרשטאַנד, קאָפּ.

משׂיג (מאַסיג) **זײַן** — באַנעמען, to comprehend

ספּרונזשינע — spring

התלהבֿות (היסלײַוועס) — ענטוזיאַזם, enthusiasm

חכמים (כאַכאָמים) — קלוגע לײַט.

מחיה (מעכאַיע) **זײַן זיך** — זײַן זייער גליקלעך, צופֿרידן.

געוואויר ווערן — אַרויסגעפֿינען.

כּלי־בית (קליי־באַיִס) — שטובזאַכן.

ערלעך האַלטן — to be devoted

פֿוסבענקעלע — footstool

גן־עדן (גאַן־איידן) — heaven

געקעכלט און געשטאָפּט, געאַרבעט ווי אַן אייזל, מפרנס צו זײַן, צו שוכן און צו קליידן מענדעלען מיט די פֿינף קינדער: דרײַ מייד־לעך און צוויי ייִנגלעך. איר גאַנצער עולם הזה איז געווען, אַז זי האָט געזען פֿון געוועלב אַרויס איר מענדעלען גיין מיט דער צדקה־פּושקע אין דער לינקער און מיטן שטעקן אין דער רעכטער האַנט!

זי איז געווען גליקלעך, אַז זי פֿלעגט שבת און יום־טובֿ גיין מיט אים דאַוונען צוזאַמען; און אַז זיי האָבן זיך צעשיידט בײַ די צווייערליי טרעפּ, פֿלעגט זי בלײַבן שטיין אויפֿן ערשטן שטאַפּל און איבערדרייען זיך און זען ווי איר מענדעלע הייבט די פֿיסלעך אויף די מענערשע טרעפּ. נאָכן דאַוונען האָט זי אים אָפּגעוואַרט בײַ דער שוועל, און אַז זי האָט אים דערזען, און זי האָט דערהערט זײַן „גוט שבת", איז זי רויט געוואָרן, גלײַך ווי זי וואָלט ערשט פֿון אונטער דער חופּה אַפּער. פֿון דעסטוועגן האָט זי געוואוסט, אַז מענדעלע איז נישט קלוג אין די „וועלט־נאַרישקייטן", אַז ער איז נאָר אַ חכם אין די קליינע אותיות, אַ מוח אין בית־המדרש, אָבער אַזוי, אין עולם־הזה־זאַכן, גאָר לאָ!.. דאָס איז שוין איר זאַך!

— ניין, מענדעלע, — זאָגט זי אים געלאַסן, — מען פֿאָרט נישט אַזוי. אפֿשר שפּעטער, אַז מיר וועלן חתונה מאַכן אַלע קינדער,

---

קעכלען — געבן דאָס בעסטע עסן.
שטאָפּן — to fill, to stuff
אייזל — donkey
מפרנס (מעפּאַרנעס) זײַן — to support
שוכן — באַזאָרגן מיט שיך.
עולם־הזה (אוילעם האַזע) — די איצטיקע וועלט, worldly pleasure
צדקה (צדאָקע) פּושקע — charity box
שטאַפּל — step
שוועל — threshold
חופּה — bridal canopy
אַפּער — אַרויס.
אותיות (אויסיעס) — בוכשטאַבן letters; דאָ: אין די רעליגיעזע ספֿרים.
זײַן אַ מוח (מויאַך) — האָבן שׂכל, האָבן אַ קאָפּ.
גאָר לאָ (לוי) — גאָרנישט, ניין.
געלאַסן — רואיק, שטיל.
חתונה (כאַסענע) מאַכן — to marry

אָפּגעבן קעסט, דערלעבן כאָטש אַן אייניקל, און אפשר אַן אור־אייניקל, דעמאָלט, זעסטו מהיכי תּיתי.

און מענדל האָט געוואוסט, אַז ברײַנע איז אין וועלטזאַכן אַ „ווילדע חכמה״ און האָט געוואַרט! וואָרעם נאָך ירושלים און ענגלאַנד, איז אים ברײַנע געווען פֿאַרבאַקן אין האַרץ.

ער האָט דערווײַל נישט אַלע קינדער חתונה געמאַכט, און ער קומט אײַן מאָל אַהיים זייער טרויעריק:

— זעסטו, ברײַנע, — מאַכט ער; ער ווײַזט איר אַ גראָע האָר אין דער באָרד.

ברײַנע טרייסט אים:

— רייד נישט קיין נאַרישקייטן, מענדעלע, דו ביסט נישט קלאָר אין אַזעלכע זאַכן... מײַן טאַטע, עליו השלום, איז גראָ געוואָרן צו 50 יאָר, און דיר צו לענגערע יאָר...

— אונדז צו לענגערע יאָר, — פֿאַרבעסערט מענדל.

— און אונדז צו לענגערע יאָר האָט ער נאָך געלעבט אוודאי אַ יאָר דרײַסיק!

— הײַנט אָבער שוואַכע דורות, נישט די פֿאַרצײַטיקע כּוחות!

— זאָגט מענדעלע און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

ברײַנע האָט אים אויסגערעדט דאָס עגמת־נפֿש און אים אָנגעהויבן בעסער צו קעכלען: נעמט בײַם קצבֿ נאָך אַ האַלב פֿונט פֿלייש צום וואַרעמעס...

— אײַ, ברײַנטשע, — זאָגט דער קצבֿ, — איר האָט אוודאי מחותּנים צום טיש, זאָל אײַך זײַן צו מזל!

— ניין, — ענטפֿערט ברײַנע, — הײַנטיקע שוואַכע דורות...

און בײַם עסן לייגט זי אַלע מאָל צו מענדעלען נאָך אַ שטיקל, נאָך אַ פּיצל... „עס דאָס, דאָס איז אַ מחיה״, און האָט, קוקנדיק

מהיכי תּיתי (מייכע־טייסע) — זאָל זײַן אַזוי, I don't mind

עליו־השלום (אָלעוו האשאָלעם) — God rest his soul

דורות (דוירעס) — generations

פֿאַרצײַטיקע — אַמאָליקע, אין אַלטע צײַטן.

כּוחות (קויכעס) — strength

עגמת־נפֿש (אָגמאַס נעפֿעש) — פֿאַרדרוס, זאָרג.

קצבֿ (קאַצעוו) — butcher

מחותּנים (מעכוטאָנים) — דאָ: prospective in-laws

אַ מחיה (מעכאַיע) — delicious

אויף מענדעלען, אין זינען געהאַט: זאָל אים זײַן צו געזונט... הײַנטיקע שוואַכע דורות!..

זי האָט מיקלאָמפּערשט „געכאַפּט אַ זעמל אין געוועלב, געוואַשן זיך בײַ דער שכנה", אַ מאָל — האָט איר קרובֿה געקאָכט אַ נײַע מאָדנע זופּ און איר געברענגט אַ פּאָר לעפֿל צו פֿאַרזוכן; אַ מאָל איז זי געווען אויף אַ ברית, — אַבי זי איז נישט הונגעריק געווען בײַם עסן און נאָר געבעטן זיך:

— עס, מענדעלע, עס; אַז מען לערנט — מוז מען עסן.

און מענדל גלייבט אין דער געכאַפּטער זעמל, אין דער זופּ, אינעם ברית... ער דאַרף טאַקע, — גלייבט ער, — מער עסן, אַ קאַטאָוועס — יעדן טאָג צוויי יום־תּהילים, אַ פּרק משניות, עטלעכע בלאַט עין־יעקבֿ, הײַנט־זשע — דאַווענען, פּושקע טראָגן, שטעקן שלעפּן, ער ווייסט?..

און ער איז שטאַרק צופֿרידן, וואָס זײַן כּשרע ברײַנע האָט אַזאַ רויִק לעבן, וואָס זי זיצט ליידיק אין געוועלבל איבערן פֿײַער־טאָפּ, פֿאַרלייגט די הענט און וואַרט אויפֿן קונה, קומט ער — קומט ער; נישט — נישט! זייער גלײַך! זאָל זי כאָטש נישט אַזוי פֿיל אַרבעטן ווי ער, זאָל זי זיך כאָטש אויסרוען די ביינער. און מענדעלע שטאָפּט אין זיך אַרײַן וואָס אַ מאָל מער, אַבי ער זאָל האָבן כּוח, ער זאָל דערלעבן צו זען ענגלאַנד און צו שטאַרבן דערנאָך אין ירושלים.

אחוץ פֿון ברײַנען האָט מענדעלע נאָך נחת פֿון קינדער: איין

מיקלאָמפּערשט — apparently

קרובֿה (קרויווע) — relative (woman)

פֿאַרזוכן — to taste

אַ קאַטאָוועס — דאָ: ס׳איז נישט קיין קלייניקייט.

יום־תּהילים (יאָם טהילים) — דער טייל תּהילים (psalms) וואָס מע דאַרף זאָגן יעדן טאָג.

בלאַט — page

כּשרע (קאָשערע) — דאָ: pious

ליידיק זיצן — זיצן אָן אַרבעט, to sit idle

קונה (קוינע) — customer

אויסרוען די ביינער — זיך רוען, אויסרוען דעם קערפּער.

אַבי — so that

נחת (נאַכעס) — פֿרייד.

עלטערן זון האָט ער חתונה געמאַכט אין דער פֿרעמד; ער עסט שוין קעסט בײַם שווער! געלויבט איז גאָט, זינט ער האָט חתונה געהאַט איז נאָך פֿון אים קיין בריוו נישט געווען, אַ סימן — עס גייט אים גוט. ווער עס קומט צו פֿאָרן, ברענגט אַ גרוס... נאָך אים גייט אַ חתן-בחור — אַ חדר-ייִנגל. ברײַנע באַשטעלט מלמדים, צאָלט שׂכר-לימוד, זעט — ער זאָל לערנען מיט זײַנס גלײַכן. ער פֿאַרהערט אים אַלע שבת... נאָר פֿאָרן עסן האָט מענדעלע פֿײַנט צו פֿאַרהערן. נאָכן עסן איז בעסער. דעריבער דרעמלט ער טאַקע באַלד אײַן, און כאַפּט זיך ערשט אויף בײַם מלמדס לחיים, גיט דעם זון אַ קניפּ אין בעקל און שווײַן!

ער האָט נאָך דרײַ טעכטער, יונגע קינדער, נאָר וואוילע קינדער אַלע. דרך-ארצדיקע קינדער, שטילע קינדער. שטענדיק ריינע, אָפּגעוואַשענע, אַ מחיה!.. ער זעט אַפֿילו נישט, ווען מען וואַשט זיי, ווען מען קעמט זיי, ווען ברײַנע לאַטעט און פֿאַרריכט! ער קען כמעט נישט פֿאַרשטיין ווי אַזוי דאָס ווערט קלוג און פֿײַן געבוירן!..

— טאַקע מ ײַ נ ע קינדער! — טראַכט ער זיך מיט גאווה, — אין מ י ר אַרײַן געראָטן! ער דאַנקט און לויבט זײַן ליבן נאָמען דערפֿאַר, וואָס ברײַנע האָט אַזאַ רואיק לעבן, נישט ווי אַנדערע מאַמעס, וואָס די קינדער דרייען איר נישט אָפּ דעם קאָפּ! און ווי

סימן — sign

פֿאַרהערן — to give an examination

דרעמלען — שלאָפֿן.

מלמד (מעלאַמעד) — לערער פֿון קינדער אין חדר.

לחיים (לעכאַיִם) — צום לעבן, צו געזונט; מען זאָגט לחיים ווען מען טרינקט בראָנפֿן (brandy, whisky); דאָ מיינט עס: דער רבי האָט אויפֿגעהויבן אַ גלעזל בראָנפֿן און געזאָגט: לחיים.

דרך-ארצדיקע (דערעך-ערעצדיקע) — respectful

אַ מחיה (מעכאַיע) — דאָ: a delight to the eye

לאַטען — to patch

פֿאַרריכטן — to mend

גאווה (גײַווע) — pride

געראָטן אין מיר — they take after me

ליבער נאָמען — גאָט.

אָפּדרייען דעם קאָפּ — to drive half-crazy

די קינדער פאָלגן! ער הייסט זיך, למשל, ברענגען אַ טרונק וואַסער (בריינע האָט אַ טבֿע, אַלץ וואָס ער זאָגט, איבערצוזאָגן) און קוים חזרט זי איבער: ברענגט דעם טאַטן וואַסער, לויפֿט דאָס קינד שוין און ברענגט; אַ מחיה אַזוינע קינדער! ער קומט אין שטוב אַריין און בריינע זאָגט נאָך: דער טאַטע גייט — איז שוין שטיל!

געלויבט איז גאָט, מען רעדט שוין דעם צווייטן זון אַ שידוך און אַ גוטן שידוך. בריינע וויל טאַקע פֿאָרן אָנקוקן די כּלה. ווייל ער איז געוואויר געוואָרן, אַז צום מחותּן פֿאָרט מען נישט דורך ענגלאַנד, איז ער איר מוחל דעם כּבֿוד, זאָל זי זיך אַ ביסל איבערפֿאָרן. פֿאַרוואָס נישט? זי פֿאָרט אין גאַנצן פֿיר מאָל אין יאָר נאָך סחורה, אויך קומט זי צוריק מיד און מאַט פֿון לויפֿן, באַקוקן, דינגען... זאָל זי איין מאָל כאַטש פֿאָרן און קומען מיט נחת, זאָל די וועלט זען, וואָס פֿאַר אַ ווייב ער האָט! ער אַליין וועט זיך ווייזן אויף די תּנאים! אַפֿילו ביי דער חופּה איז אויך גענוג. דעם ערשטן זונס כּלה האָט זי אויך אָנגעקוקט; זי איז שוין מזלדיק צו אַזעלכע זאַכן... ער וועט זיך נאָך גענוג אָנפֿאָרן..

עס זיינען וועקגעגאַנגען אַ פּאָר יאָר. אַז גאָט בענטשט, בענטשט ער מיט אַלעם, אַפֿילו מיט מנוחה — דער צווייטער זון האָט אויך חתונה געהאַט, און גוט חתונה געהאַט, ער עסט שוין אויך קעסט.

מענדעלע האָט אַפֿילו גאַנץ ווייניק געוואוסט וועגן וואָס; עס איז אים איבערגעגאַנגען כּמעט ווי אין אַ חלום. ער האָט אַפֿילו קיין איינציקן טאָג קיין יום-תּהילים נישט פֿאַרפֿעלט... עס האָט אים דער קאָפּ נישט ווי געטון, אויסער אין דער פֿרי, נאָך דער גרויסער נאַכט, פֿון ווייניקער שלאָפֿן!

פֿאָלגן — to be obedient

למשל (לעמאָשל) — for instance

טבֿע (טעווע) — habit

איבערחזרן (איבערכאַזערן) — זאָגן נאָך אַ מאָל.

ריידן אַ שידוך (שידעך) — propose a match

מוחל זיין דעם כּבֿוד — to give away the honor

סחורה (סכוירע) — merchandise

מאַט — exhausted

תּנאים (טנאָאים) — betrothal, engagement

מנוחה (מענוכע) repose, tranquillity

און מענדעלע פֿרייט זיך. נאָך אין גאַנצן דרײַ מיידלעך חתונה צו מאַכן (בײַ ברײַנען גייט עס געשווינד), און דערנאָך: שוין! געדונגען אַ ברייטן וואָגן, מען זאָל זיך קענען אויסציִען, און וויאָ!

נאָר עפּעס פֿילט ער, אַז די פֿיס דינען אים נישט ווי פֿריִער, אַז פֿון אַ קורצער צײַט איז אים דער אָטעם שווער. נאָר ברײַנע לאָזט אים נישט צו קיין עגמת־נפֿש, זי טרייסט אים און קעכלט אים אַלע מאָל מער; זי איז אים מבֿטיח, אַז ער וועט נאָך אַלץ דערלעבן!

איין מאָל זיצט ער אין בית־המדרש בײַם עין־יעקבֿ און דער־הערט אַ געשריי; עס דאַכט זיך אים — זײַן טאָכטער; נאָר ניין, ווי קומט זי אויפֿן שולהויף? און אַ כּלה־מיידל וויינט נישט... עפּעס לויפֿט מען אויף די טרעפּ, מען שרײַט: טאַטע! טאַטע! טאַטע! פֿאָרט איר קול; עס איז אָבער דאָך נישט מעגלעך!

ער וויל איבערקלערן, נעמט אַרויס אַ שמעק טאַבאַק, נאָר איידער ער האָט אים אַרײַנגעזעצט אין די נאָזלעכער, האָט אים שוין די טאָכטער געריסן בײַ די לאַצן:

— טאַטע! די מאַמע איז אַוועקגעפֿאַלן, גוואַלד!

און איידער ר' מענדעלע איז צו זיך געקומען און אַהיים גע־לאָפֿן, איז שוין ברײַנע געלעגן טויט!

אין איין טאָג איז מענדעלע באמת גרייז־גראָ געוואָרן, דער אָטעם טאַקע שווער און די פֿיס טאַקע געשוואָלן... ער האָט זיך נישט געריכט, אַז ברײַנע זאָל אים נישט איבערלעבן... בײַ אַזאַ מאַן, בײַ אַזוינע קינדער, בײַ אַזאַ וואוילטאָג!..

און ברײַנע, אַזוי ווי מען האָט זי נישט אַרויסגעזען בײַם לעבן, האָט מען זי קוים אָנגעזען אויף דער מיטה... אַזאַ דאַרעניש!..

מבֿטיח (מאַווטיאַך) זײַן — פֿאַרזיכערן, to assure
אַ שמעק — snuff
לאַצן — lapels
ריכטן זיך — to expect
וואוילטאָג — אַ גרינג לעבן, easy life
מיטה (מיטע) — coffin
דאַרעניש — skinny

דער תּענית

אַ ווינטערנאַכט. שׂרה זיצט בײַם „קאַגאַנעק" און שטאָפּט אַן אַלטן זאָק. די אַרבעט מיט געפֿרוירענע הענט, גייט נישט זייער געשווינד; פֿאַר קעלט זײַנען איר אויך ברוין און בלאָ געוואָרן די ליפּן. אָפֿט לייגט זי אַוועק די אַרבעט און צעלויפֿט זיך איבער דער שטוב, צו דערוואַרעמען די געפֿרוירענע פֿיס.

אין אַ בעט אויף אַ שטרויזאַק שלאָפֿן פֿיר קינדער: אין יעדער זײַט צו צוויי קעפּ, איבערגעדעקט אין דער מיט מיט עטלעכע אַלטע קליידער.

וואָס אַ מאָל כאַפּט זיך אויף אַן אַנדער קינד, עס הייבט זיך אויף אַן אַנדער קעפּל און רופֿט: עסן!

— וואַרט, וואַרט. קינדערלעך, — טרייסט זיי שׂרה, — אָט באַלד וועט קומען דער טאַטע, ברענגען וועטשערע, איך וועל אײַך אַלע אויפֿוועקן!

— און וואָרעמעס? — פֿרעגן די קינדער וויינענדיק, — מיר האָבן דאָך נאָך קיין וואָרעמעס נישט געגעסן!

— וואָרעמעס אויך!

זי גלייבט דאָך אַליין נישט אין דעם, וואָס זי זאָגט; זי זוכט מיט די אויגן אין אַלע זײַטן, טאָמער וועט זיך נאָך עפּעס געפֿינען צו פֿאַרזעצן... נישטאָ!

ליידיקע, נאַסע פֿיר ווענט! אַ צעשפּאָלטענער אויוון. אַלץ איז נאַס און קאַלט! אויפֿן קוימען שטייען אַ פּאָר צעבראָכענע טעפּ, אויפֿן אויוון — אַן אַלט, אויסגעבויגן, בלעכן חנוכּה־לעמפּל; אין דער הייך, אין באַלקן שטעקט אַ נאָגל — אַ זכר פֿון אַ הענגל־לײַכטער, צוויי ליידיקע בעטן אַן אַ קישן... גאָרנישט, גאָרנישט מער!

תּענית (טאָנעס) — the fast
קאַגאַנעק — oil-lamp
שטאָפּן — to darn
פֿאַרזעצן — to pawn
צעשפּאָלטענער — split
קוימען — stove, chimney
באַלקן — ceiling
זכר (זייכער) — relic
הענגל־לײַכטער — אַ הענגענדיקער לאָמפּ.

עס האָט לאַנג געדויערט, ביז די קינדער זײַנען רעכט אײַנגעשלאָפֿן. שׂרה קוקט אויף זיי מיט הארצווייטיק, מיט רחמנות, און טראַגט איבער די פּאַרוויינטע אויגן צו דער טיר. זי האָט דערהערט טריט; שווערע טריט אויף די טרעפּ. קאַנען קלאַפּן, דאָ אין דער רעכטער, דאָ אין דער לינקער וואַנט. אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג באַלײַכט איר אײַנגעשרומפּט פּנים. זי קלאַפּט אַ פּאָר מאָל אַ פּוס אין אַ פּוס, הייבט זיך שווער אויף און גייט צו צו דער טיר. זי עפֿנט, עס קומט אַרײַן אַ בלאַסער, אײַנגעבויגענער ייִד מיט ליידיקע קאַנען.

— נו? — פֿרעגט שׂרה שטיל.

ער שטעלט אַוועק די קאַנען, לייגט אָפּ די יאָך. זיפֿצט אָפּ און ענטפֿערט נאָך שטילער:

— גאָרנישט! גאָר, גאָרנישט! מ'האָט אין ערגעץ נישט באַצאָלט... מאָרגן זאָגט מען... יעדער זאָגט אַלץ — מאָרגן, איבערמאָרגן, ראָש־חודש...

— די קינדער האָבן כּמעט אין מויל נישט געהאַט, — מאַכט שׂרה, — כאָטש גוט, זיי שלאָפֿן... בידנע קינדער מײַנע! — זי קאָן זיך נישט אײַנהאַלטן און הייבט אָן שטיל צו וויינען.

— וואָס וויינסטו, נאַר? — פֿרעגט דער מאַן.

— אָך, מענדל, מענדל... די קינדער זײַנען אַזוי הונגעריק!.. מיט גוואַלד וויל זי אײַנהאַלטן די טרערן.

— און וואָס וועט זײַן אונדזער סוף? — קלאָגט זי זיך, — מיט יעדן טאָג ווערט ערגער!

— ערגער? ניין, שׂרה! זינדיק נישט מיט די רייד! פֿאַר־אַ־יאָרן איז ערגער געווען, ערגער! אויך אָן ברויט און דערצו נאָך אָן אַ דירה! די קינדער האָבן זיך בײַטאָג געוואַלגערט אין גאַס,

---

רחמנות (ראַכמאָנעס) — pity, compassion

קאַנען — cans

שטראַל — דאָ: gleam

אײַנגעשרומפּט — sunken

יאָך — yoke

זיפֿצן — to sigh

ראָש־חודש (ראָש כוידעש) — דעם ערשטן פֿון מאָנאַט.

בידנע — אָרעמע.

דירה (דירע) — וואוינונג, apartment

זיך וואַלגערן אין גאַס — to roll in the gutter

ביינאַכט אין די הייף... היינט כאַטש אויף אַ שטרויזאַק, כאַטש אונטער אַ דאַך.

שׂרה האָט זיך שטאַרקער צעוויינט.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דעמאָלט איז איר טאַקע אין מיטן גאַס אַ קינד אַוועקגעקומען. עס האָט זיך פֿאַרקילט, הייזעריק געוואָרן און געשטאָרבן.

געשטאָרבן, ווי אין וואַלד... (זיי צו לענגערע יאָר!) נישט געווען מיט וואָס צו ראַטעווען... אַזוי אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט!

און ער טרייסט זי.

וויין נישט, שׂרה, וויין נישט... זינדיק נישט פֿאַר גאָט.

— אַך, ווען וועט ער שוין אויף אונדז רחמנות האָבן!

— האָב אויף דיר אַליין רחמנות, לאָז דיר נישט צו אַזוי צום האַרץ! זע, ווי דו זעסט אויס! היינט צען יאָר איז געווען אונדזער חופּה... קוק אָן דיין פּנים... וויי און ווינד! דו ביסט דאָך געווען די שענסטע אין שטאָט!

— און דו?! דו האָסט דאָך געהייסן, געדענקסט, מענדל גיבור... היינט ביסט דו געבויגן אין דרייען, קראַנק... כאַטש דו האַלטסט פֿאַר מיר בסוד!

— אַך, גאָט! גאָט! — רייסט זיך איר אַרויס אַ געשריי.

די קינדער כאַפּן זיך אויף און בעטן: עסן, ברויט!

— חלילה! ווער עסט היינט? — האָט זיך מענדל פּלוצלונג אָנגערופֿן.

די קינדער זעצן זיך אויף דערשראָקן.

— היינט איז אַ תּענית, — זאָגט מענדל מיט אַ פֿינצטער פּנים.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, איידער די קינדער האָבן פֿאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו זיי.

— וואָס פֿאַר אַ תּענית? וואָס פֿאַר אַ תּענית? — פֿרעגן זיי וויינענדיק.

הייף — courts

ראַטעווען — to save

אויסגיין ווי אַ ליכט — שטאַרבן אָן הילף.

וויי און ווינד — אָך און וויי.

גיבור (גיבער) — דער שטאַרקער.

בסוד (בעסאָד) — in secret

חלילה (כאָלילע) — God forbid

און מענדל פֿאַרציילט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַז הײַנט בײַ שחרית איז אַראָפּגעפֿאַלן די ספֿר־תּורה פֿון שולחן.

— דעריבער, — זאָגט ער, האָט מען אויף מאָרגן אויסגערופֿן אַ תּענית, אַפֿילו פֿאַר זייגנדיקע קינדער!

די קינדער שווײַגן און ער פֿירט ווײַטער:

— אַזאַ תּענית ווי יום־כּיפּור, ווי תּשעה־באָבֿ; פֿון הײַנט פֿאַרנאַכט אָן!

די פֿיר קינדער שפּרינגען פֿלינק אַרויס פֿון בעט און הייבן אָן באָרוועס, אין די צעריסענע העמדלעך, צו טאַנצן איבער דער שטוב און צו רופֿן:

מיר וועלן פֿאַסטן! פֿאַסטן!

מענדל פֿאַרשטעלט מיט די פּלייצעס דעם קאַגאַנעק, זיי זאָלן נישט זען, ווי די מוטער גיסט מיט טרערן.

— נו, גענוג! — באַרויִקט ער די קינדער, — גענוג! אין אַ תּענית טאָר מען נישט טאַנצן . . . אם ירצה השם, — שימחת־תּורה . . .

די קינדער זײַנען צוריק אין בעט אַרײַן . . .

פֿאַרגעסן דעם הונגער!

אַ מיידעלע הייבט אָן זינגען „אויפֿן הויכן באַרג״ . . . אַ קעלט לויפֿט מענדלען דורך אַלע גלידער.

— זינגען טאָר מען אויך נישט, — מאַכט ער מיט אַ פֿאַרשטיקטער שטים.

די קינדער ווערן שטיל און שלאָפֿן אײַן, מיד פֿון טאַנצן און זינגען. איינער דאָך, דער עלטערער, דערוועגט זיך נאָך און פֿרעגט:

שחרית (שאַכרים) — דאָס ערשטע מאָל דאַוונען, אין דער פֿרי.

ספֿר תּורה (סייפֿער־טוירע) — the scroll of the Torah

שולחן (שולכאָן) — טיש.

אויסרופֿן — to proclaim

זייגנדיקע — sucking

פֿירט ווײַטער — רעדט ווײַטער.

באָרוועס — barefoot

אם ירצה השם (מירצעשעם) — אויב גאָט וועט וועלן.

שׂמחת תּורה (סימכאַס טוירע) — די פֿרייד פֿון דער תּורה, דער יום־טובֿ, ווען ייִדן פֿרייען זיך מיט דער תּורה.

גלידער — limbs

פֿאַרשטיקטער — choked

דערוועגן זיך — to dare

— טאַטע, ווען ווער איך בר־מצווה?
— נאָך ווײַט, חיימל, נאָך ווײַט... נאָך פֿיר יאָר, זאָלסט מיר לעבן און געזונט זײַן...
— דעמאָלט וועסטו מיר קויפֿן אַ פּאָר תּפֿילין?
— ווי דען?
— אַ תּפֿילין־זעקעלע?
— מן־הסתּם!
— און אַ סידורל... אַ קליינס מיט אַ גאָלדענעם שניט?
— מיט גאָטס הילף... בעט גאָט, חיימל!
— דעמאָלט וועל איך פֿאַסטן אַלע תּעניתים!
— יאָ, יאָ חיימל... אַלע תּעניתים.
שטיל האָט ער צוגעגעבן:
— רבונו של עולם, נאָר נישט אַזוינע ווי הײַנט!..

די לבנה פֿאַרציילט

פֿון אַן איבערגעבויגן הײַזל גייט אַרויס אַ באָרוועס יינגל, שלעכט געקליידט (די שמאַטעס האַלטן זיך אויף אים קוים), און קעגנאיבער, פֿון אַ צווייט הויז, כּמעט אַ מפּולת, קומט אויך אַרויס אַזאַ יינגל.

קוים זײַנען זיי איינער צום צווייטן צוגעקומען, האָב איך שוין נישט געוווּסט, וועלכער עס איז אַרויס פֿון וועלכן הויז: ביידע אויסגעדאַרט, מיט ברענענדיקע אויגן, ביידע ציטערן פֿאַר קעלט, אפֿשר פֿאַר הונגער אויך.

איך הער, ווי זיי שמועסן:
— פֿאַרטיק?
— און דו?
— אויך.

מן־הסתּם (מינעסטאַם) — probably
סידור (סידער) — prayer-book
שניט — edges
רבונו של עולם (ריבוינע שעל אוילאַם) — האַר פֿון דער וועלט, גאָט.
מפּולת (מאַפּוילעס) — ruin
אויסגעדאַרט — lean, emaciated

— האָסט געגעסן?
— ניין... דער טאַטע האָט נישט געבראַנגט.
— מײַנער — קראַנק. די מאַמע וויינט...
— גייען מיר?
— בעסער לויפֿן... ס'איז קאַלט...
— נו!
זיי לויפֿן פֿײַל פֿון בויגן אין שטאָט אַרײַן.
איך קוק זיי נאָך.
בײַ איינעם פֿון די שענסטע הײַזער שטעלן זיי זיך אָפּ.
— זעסט? מײַן פֿעטערס הויז! — מאַכט איינער שטאָלץ.
דער צווייטער ווײַזט אויף אַ הויז קעגנאיבער:
— דאָס איז מײַן פֿעטערס!
— מײַן פֿעטער האָט מען געבראַכט אַן אַראַביש פֿערדל פֿאַר זעכצן טויזנט!
— מײַנער האָט אַ קאַרעטע מיט פֿיר פֿערד ווי די לייבן!
— מײַנער האָט אפֿשר טויזנט דערפֿער!
— מײַנער אפֿשר הונדערט שטעט!
— שוטה! בײַ מײַן פֿעטער איז דאָס מעבל פֿון גאָלד!
— בהמה! בײַ מײַן פֿעטער — סאַמע בריליאַנטן.
— אָבער מײַן מומע מיט אירע פּאַרפֿומען! די נאָז רײַסט עס אויף!
— אַ־וואָ! מײַן מומע גייט אַלע טאָג אין טעאַטער אַרײַן...
— און אַז מײַן פֿעטער שפּילט יעדע נאַכט אין קאָרטן — האָ?
זיי האָבן זיך לאַנג געשפּאַרט און שיר נישט געפֿאַלן זיך אין די האָר אַרײַן...
איינער איז דאָך פֿריִער אָפּגעשטאַנען.
— קאַלט, — מאַכט ער מיט אַ ציטער.
דער צווייטער שטייט אויך אָפּ.
— איך בין זייער הונגעריק — זאָגט ער — עס נאָגט מיך! קלינג אָן בײַ דײַן פֿעטער.

לויפֿן פֿײַל פֿון בויגן — אַזוי גיך ווי אַ פֿײַל (arrow) פֿון אַ בויגן (bow)

דערפֿער — villages

שוטה (שויטע) — נאַר.

בהמה (בעהיימע) — דאָ: נאַר.

שפּאַרן זיך — אַרגומענטירן, קריגן זיך.

— נײן, — ענטפֿערט יענער דערשראָקן, — ער האָט אָנגע־
זאָגט דעם שװײצער, ער זאָל מיר הענט און פֿיס צעברעכן!
— מײַן פֿעטער — דאָס זעלבע! — ענטפֿערט דער צװײטער.
זײ לאָזן בײדע טרױעריק אַראָפּ די קעפּ.
— גײען מיר?
— בעסער לױפֿן . . .
און אױפֿן װעג:
— מאָרגן בײַנאַכט נאָך אַ מאָל . . .
— יאָ . . . איבערלױפֿן . . . איך װעל געבן אַ סימן . . . איך
װעל אַ קרײ טון װי אַ האָן . . .
— איך װעל דיר ענטפֿערן מיט אַ מיאָוק פֿון אַ קאַץ.
— גוט . . .
זײ זײַנען מיר פֿאַרשװאונדן געװאָרן.

צװײ ברידער

אױף יענער זײַט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אױף הינערשע פֿיסלעך אַ הײַזל אין טאָל
געשטאַנען זיך אײנפֿאַך, אָן עזות, אָן שטאָלץ,
אָן פוצעכץ, אָן צירונג — פֿון לײם און פֿון האָלץ!
אַ פֿענצטער — אַ פּיצלם, נאָר חנעװדיק האָלט!
די זון זי באַשײַט עס טאָג־טעגלעך מיט גאָלד!
לבֿנה און שטערן

שװײצער — door-man
סימן (סימען) — signal, sign
קרײען — to crow
האָן — rooster
אױף הינערשע פֿיסלעך — קױם װאָס עס האַלט זיך.
טאָל — valley
עזות (אַזעס) — arrogance
צירונג — דאָ: ornaments
לײם — clay
פּיצלם — קלײן.
חנעװדיק (כײנעװודיק) — delightfully
האָלט — lovely

פֿאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן.

דאָס האָט דער הימל די ליבע באַלוינט:
עס האָבן אין הײַזל צוויי ברידער געוואוינט!
עס האַלטן צוויי הערצער צוזאַמען געטרײַ.
שווער איז די אַרבעט, נאָר ס׳אַרבעט זיך פֿרײַ!
ווײַס איז דאָס מעבל, מיט קלײַען דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז בשותּפֿות — די פֿרייד און די נויט!

עס האָט זיך געלעבט,
די צײַט האָט געוועבט
איר לאַנגן, איר כּשרן פֿאָדעם!

נאָר איין מאָל באַווײַזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועל,
פֿול גינגאָלד, שמאַראַגדן, עס פֿינקלט זײַן פֿעל!
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט;
דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער וועלט דאָך עשירות פֿאַראַן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך, אָרעמער מאַן,
כ׳פֿאַרקויף אים, וואָס נישט?
כ׳וואָלט אויפֿן יאַריד
געקויפֿט מיר צו מעלקן אַ קו!

שויבן — panes
באַלוינען — to reward
קלײַען — brans
בשותּפֿות (בעשוטפֿעס) — in partnership
וועבן — to weave
פֿאָדעם — thread
שוועל — threshold
גינגאָלד — גאָלד.
שמאַראַגד — jewel
פֿינקלען — to sparkle, to shine
פֿעל — skin
גלאַנץ — brightness
פּראַכט — שיינקייט.
עשירות (אַשירעס) — wealth, רײַכטום
יאַריד — fair

די שלאַנגען — זיי ווייסן, וואָס ס'טראַכט זיך ביַי לײַט;
זי ווינקט אים און רופֿט אים אַוועק אין אַ זײַט
און זאָגט אים: „איַי, ברודער, וואָלטסטו נאָר געוואָלט,
שיטסטו דיר אָן פֿעסער פֿול גאָלד,
קרעלן, דיַאַמאַנטן, בריליאַנטן אַ וועלט
און אַלץ, וואָס מען קען נאָר באַקומען פֿאַר געלט!"
איך מאַך נישט קיין שפּאַט:
פֿאַראַן אַזאַ סוד,
איך קאָן אים דיר זאָגן אין וואַלד!

די שלאַנג איז אַוועק, און דער יִנגערער קלערט:
ווי גאָט האָט זיך יעדן זײַן שיינקייט באַשערט;
גיי פֿרעג אים: דער גלאַנץ און די שיינקייט וואָס טויג?
בײַם עלטערן פֿלאַמט שוין די תּאווה אין אויג!
קרעלן, דיַאַמאַנטן, בריליאַנטן — אַך, גאָט!
זי זאָל נאָר נישט נאַרן און זאָגן דעם סוד!
קוקט ער צום וואַלד,
און גנבֿעט זיך באַלד
פֿון ב ר ו ד ע ר אַרויס צו דער ש ל אַ נ ג!

די זון גייט שוין אונטער, פֿאַרגאָלדט נאָך די זוים
פֿון וואָלקן אין הימל; און אונטער אַ בוים
זיצן שוין ביידע — דער מענטש און די שלאַנג;
זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.
ער ציטערט און ווייס נישט — פֿאַר פֿרייד צי פֿאַר שרעק?
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום מיטן עק

פֿאַס, פֿעסער — barrel(s)
קרעלן — corals
דיַאַמאַנטן — דימענטן, diamonds
אַ וועלט — זייער אַ סך.
שפּאַט — געלעכטער.
באַשערן — באַשטימען, שענקען.
פֿלאַמען — to flame
תּאווה (טײַווע) — לײַדנשאַפֿט, passion
אַרויסגנבֿענען זיך — to sneak out
זוים — edge

און רעדט פֿון דיִאַמאַנטן,
קרעלן, בריליאַנטן:
„אַלץ וועסטו האָבן גאָר גרינג!"

„באַטראַכט נאָר דײַן ברודער: דאָס איז אַ פֿאַבריק
פֿון קרעלן, בריליאַנטן, דיִאַמאַנטן און גליק!
עס טרעפֿט זיך, ער אַרבעט, און וואונדערלעך הייס
ווערט אים, דער שטערן באַדעקט זיך מיט שווייס,
עס טריפֿן די טראָפּן!.. ער ווישט מיט דער האַנט;
לאָז נישט! דער טראָפּן דאָס איז אַ דיִאַמאַנט!
נאָר אַרבעטן הייס!
קלײַב אויף דעם שווייס,
שיטסטו אָן פֿעסער דיִאַמאַנטן!"

„עס טרעפֿט, — און אים פֿאַלט פֿון די ברעמען אַ טרער;
דו, שוטה, דו מיינסט, עס איז וואַסער נישט מער,
און טרייסט אים און האַלדזסט אים; דו האַלטסט עס נישט אויס,
און קושסט אים די טרערן פֿון די אויגן אַרויס!
פֿאַרשווענדסט דײַן פֿאַרמעגן, דו נאַרישער קאָפּ!
לאָז ווייַנען, לאָז טריפֿן! קלײַב יעדן טראָפּ!
אַ טרער, האָב פֿאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט, —
רײַך וועסטו זײַן ווי אַ קיניג!"

„דערנאָך האָט דײַן ברודער אָן אײדעלע פֿעל,
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל!
בלוט — זאָגסטו — איז עס, בלוט — זאָגסטו — אַ קאָפּ?
דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאַפּ נאָר און צאַפּ!
זאָל ער נאָר בלוטן און בלוטן נישט קאַרג!
אָנשיטן וועסטו שוין קרעלן אַ באַרג!

ברעמען — eye-lids
שוטה (שויטע) — נאַר, fool
האַלדזן — to caress
פֿאַרשווענדן — to waste
פֿאַרמעגן — fortune
אַ קאָפּ — אַ ביסל.
צאַפּן — אַרויסציִען, to draw
קאַרגן — דאַ: to spare

דו האָסט אַ פֿאַבריק,
און מאַך דיר דײַן גליק,
ביסט ש ט אַ ר ק ע ר און ו ו י י ס ט שוין דעם סוד!

די ליפּן פֿאַרביסן, די פֿויסטן געבאַלט,
גייט שוין דער עלטערער ברודער פֿון וואַלד;
די אויגן זיי ברענען און זומען זיך שוואַרץ,
דאָך צאַפּלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ;
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאָך נאָר מאַכן אַ פּרואוו,
אַ שטאָך וועל איך געבן אַ קליינעם, נישט טיף;
מײַן ברודער? איך ווייס!
נאָר טרערן און שווייס
הערסט, זײַנען בריליאַנטן, בריליאַנטן!"

⁂

עס הערט די לבֿנה נאָך די אייגענע נאַכט,
ווי ס'האָט אינעם שטיבל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקן די שטערן אין פֿענצטער אַרײַן:
ווי לאַכט עס אַ ברודער בײַם ברודערס געוויין?!
די זון האָט צו מאָרגנס געוואונדערט זיך שטאַרק:
ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטן אין קאַרק?
עס וואונדערט צו גלײַך
דעם וואַלד און דעם טײַך:
וואָס איז עס אין שטיבל געשען?

און עס איז געקומען אויף ביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פֿאַרשוואונדן, עס ווײַכט זיי דער שלאָף,
אַוועק איז די ליבע, דער פֿרידן אַוועק! —
דער שלאָפֿט ניט פֿאַר ווייטיק, דער צווייטער — פֿאַר שרעק;
דער שרײַט: ס'איז מײַן עשירות, מײַן רײַכטום, מײַן גוט;
און יענער: ס'איז טרערן, מײַן שווייס און מײַן בלוט!

געבאַלט — clenched
אייגענע — די זעלביקע.
קאַרק — neck

דאָס געבעט

רבונו של עולם!
נאָך ווייניק געליטן?
ווען וועסטו, רבונו
של עולם, פאַרשיטן

דעם אָפּגרונט, דעם טיפֿן,
וואָס טיילט דײַנע קינדער
אויף שטאַרקע און שוואַכע,
אויף לעמער און שינדער?

***

און ברייט איז דער אָפּגרונט,
און טיף ווי אַ תהום,
און זאַפּט אין זיך אײַן
אונדזער בלוט ווי אַ שוואָם!..

***

עס ווערן אין אָפּגרונט,
— וואו ס'מעסער נאָר בליצט...
מיט בלוט אויך די ריינסטע
אידייען באַשפּריצט...

עס ציטערט פֿון דאָרטן
דעם וויי־טאָגס געוויין,
דאָרט ליגט די נקמה
און קריצט מיט די ציין...

רבונו של עולם (ריבוינע שעל אוילאָם) — האַר פֿון דער וועלט, גאָט, Lord of the universe

אָפּגרונט — abyss, depth

שינדער — slaughterer

תהום (טהאָם) — abyss

זאַפּט אײַן — נעמט אַרײַן.

שוואָם — sponge

נקמה (נעקאָמע) — revenge

דאָרט ליגט די פאַרצווייפלונג
דערשראָקן, פאַרבליפט,
מיט ליפּן ווי קוילן,
בײַם בעכער פון גיפט...

דאָרט ברעכן די פליגל
די אָדלער די גרעסטע;
דאָרט ווערן פאַרשטיינערט
די הערצער, די בעסטע...

רבונו של עולם!
נאָך וויִניק געליטן?
ווען וועסטו דעם שרעקלעכן
אָפּגרונט פאַרשיטן?

מײַן נישט

מײַן נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע — באַשאַפן
מאַכן אַ וועג מיט פויסטן און נעגל
צום שענקפאַס, און פרעסן און זויפן, ווען אַנדערע
קוקן פון ווײַטן מיט גלעזערנע אויגן
פאַרחלשט, און שלינגען דאָס שפּײַעכץ און ציִען
צוזאַמען דעם מאָגן, וואָס וואַרפט זיך אין קראַמפן!
אַ מײַן נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע!

מײַן נישט, די וועלט איז הפקר — באַשאַפן
פאַר וועלף און פאַר פוקסן, פאַר רויב און פאַר שווינדל;
דער הימל — אַ פאַרהאַנג, אַז גאָט זאָל נישט זען!

פאַרצווייפלונג — despair
פאַרבליפט — פאַרוואונדערט, איבערראַשט.
קרעטשמע — גאַסטהויז, inn
שענקפאַס — beer or whisky barrel
זויפן — טרינקען אַ סך.
פאַרחלשט (פאַרכאַלעשט) — faint
הפקר (העפקער) — פרײַ אָן געזעץ.
פאַרהאַנג — curtain

דער נעפּל — מען זאָל אויף די הענט דיר נישט קוקן!
דער ווינט — צו פֿאַרשטיקן די ווילדע געשרייען;
די ערד איז צו זאַפּן דאָס בלוט פֿון קרבנות —
אַ, מיין נישט, די וועלט איז אַ הפקר!

די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפקר!
געמאָסטן ווערט אַלעס, געזוואויגן ווערט אַלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפּן פֿאַרגייען,
אומזיסט ווערט קיין פֿונק און קיין אויג נישט פֿאַרלאָשן!
פֿון טרערן ווערן טײַכן, ווערן ימים,
פֿון ימים — אַ מבול, פֿון פֿונקען — אַ דונער —
אַ, מיין נישט, לית דין ולית דיין!

שׂרה בת טובים

און די מעשׂה וואָס איך וויל איצט דערציילן, איז אַן אויסטערליש-וואונדערלעכע מעשׂה און — אַן אמתע.

און געשען איז די מעשׂה פֿאַרצײַטנס, ווען עס זײַנען נאָך אַזוי פֿיל שטעט און דערפֿער נישט געווען; אַ וועלט מיט וואַלד-

---

נעפּל — mist, fog
זאַפּן — ציִען, to draw
קרבנות (קאָרבאָנעס) — victims
בערזע — stock-exchange
פֿונק — spark
מבול (מאַבל) — deluge
לית דין ולית דיין (לעס דין ווע׳לעס דאַיִין) — אָן געזעצן און אָן ריכטערס.
שׂרה בת טובים (סאָרע באַס טויווים) — דער נאָמען פֿון אַ פֿרוי וואָס האָט געלעבט אין 18טן יאָרהונדערט. זי האָט געשריבן אַ סך תּחינות (prayers) אין יידיש פֿאַר דער יידישער פֿרוי. ספּעציעל האָבן אירע תּחינות צו טון מיט דעם פֿאַמיליע-לעבן. זי האָט געשאַפֿן אַ תּחינה אויסצובעטן אַ גוטן שידוך פֿאַר אירע קינדער. אין דער דערציילונג ווערט זי אַ לעגענדאַרע פֿיגור.
אויסטערליש — extraordinary
פֿאַרצײַטנס — אין אַלטע צײַטן.

אוים, וואַלד־אײַן. און געטראָפֿן האָט זיך עס אין מערן דער מדינה, אַ ייִדישע קהילה איז זעלטן. משפּחותווײַז אין דערפֿער פֿאַרזייט, אין וועלדער צעשפּרייט; אָן תּורה, אָן תּפֿילה בציבור, אויסער ימים־נוראים, ווען מען ציט מיט קינד און קייט אין די ווײַטע שטעט אַרײַן.

זיצט זיך דעמאָלט אַ ייִד אַ שוויִיגער בײַ אַ גראַף אין אַ דאָרף; פּרנסה רינט איבערן מויל . . . פֿינף הונדערט קי מעלקט ער דעם גראַפֿס; זײַנע אייגענע אויך אַ ביסל. האָט ער אַ פֿולן קעלער מיט פּוטער און קעז, אַ בוידעם מיט תּבֿואות, פֿלאַקס און פֿעלכלעך; און דער טײַסטער אין בוזעם וואַקסט אין דער דיק, און דאָס קניפּל בײַ דער שוויִיגערין באַזונדער. און אַ זון וואַקסט אַ געזונטער, אַ וואווילער, ווי אַ יונגער בוים אין וואַלד.

און פֿון דעסטוועגן, איין מאָל אין אַ ווינטערנאַכט, זיצט דער

מערן — Moravia

מדינה — לאַנד, country

קהילה (קעהילע) — Jewish community

משפּחותווײַז (מישפּאָכעס־ווײַז) — אין איינצעלנע פֿאַמיליעס.

פֿאַרזייט — דאָ: צעוואָרפֿן.

תּפֿילה (טפֿילע) — דאָ: דאַוונען.

בציבור (בעציבור) — מיט אַ מנין (מיניען) ד״ה מיט צען מענטשן, לויט דעם ייִדישן געזעץ.

ימים נוראים (יאָמים נויראָים) — די מוראדיקע טעג, די טעג פֿון ראָש־השנה און יום־כּיפּור; the High Holidays

קינד און קייט — די גאַנצע פֿאַמיליע, קליין און גרויס, kith and kin

שוויִיגער — אַרענדאַר, lease-holder

גראַף — count

פּרנסה (פּאַרנאָסע) — livelihood

רינט איבערן מויל — נאָך מער וויפֿל מען דאַרף; in abundance

בוידעם — garret

תּבֿואה (טוואוע), תּבֿואות (טוואועס) — grains

פֿלאַקס — flax

פֿעלכלעך — skins of an animal

טײַסטער — wallet

בוזעם — bosom

קניפּל — knot in a handkerchief used as a purse

שוויגער ביי אַ וועקסן ליכט ביים טיש איבער די חשבונות, מיט דעם שפּיץ ווייסלעכער באָרד צווישן די ציין, דער שטערן גע־רונצלט, ווי פֿון שווערער זאָרג, און קוקט מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן אין פֿענצטער אַריין...

— דו זינדיקסט, מיין מאַן! — וועקט אים פֿון די געדאַנקען דער שוויגערינס קול. פֿון דער צווייטער שטוב איז זי אַריינ־געקומען, צום שלאָפֿנדיקן זון געקוקט, און איר פּנים שטראַלט.

— הערסט, איבערגעבויגן האָב איך זיך איבער אים... די בעקלעך רייטלען זיך, ווי אַ פֿרישער פֿרימאָרגן און דער אָטעם איז רואיק און שטיל, און שמעקט נאָך פֿרישע עפּל...

— דאָס איז טאַקע מיין זאָרג, — ענטפֿערט דער שוויגער, — מען וואוינט אין אַ דאָרף, ווייט פֿון אַ ייִדישער קהילה, און יאָרן ציִען, יאָרן פֿליִען; וואו נעמט מען אַ שידוך פֿאַר אונדזער זון, ווי אַזוי וועט מען אים פֿאַרקנסן?

— גאָט וועט העלפֿן, — טרייסט די שוויגערין, — ער האָט ביז אַהער אונדז נישט פֿאַרלאָזט...

— אָט דאָס איז טאַקע, מאַכט דער שוויגער, — גאָטס הילף דאַרף מען, און אין וועלכן זכות? קיין יודע ספֿר בין איך נישט, לערנען לערן איך נישט, צווישן ייִדן וואוינט מען נישט, נאָר איין מצווה קאָנען מיר מקיים זיין — הכנסת־אורחים הייסט די מצווה. און זע! — ער ווייזט איר מיטן בליק צום פֿענצטער צו — איז אָנגע־פֿאַלן אַ שניי פֿון הימל, אַ גרויסער שניי, האָט ער די שטעגן פֿאַר־

וועקסן — waxen

חשבונות (כעזשבוינעס) — accounts, bills

רונצלען — to wrinkle

פֿאַרנעפּלטע — foggy, misty

שידוך (שידעך) — match

פֿאַרקנסן (פֿארקנאַסן) — חתונה מאַכן.

טרייסטן — to console, to comfort

זכות — דאָ: צוליב וועלכער גוטער זאַך.

יודע (יוידייאַ) **ספֿר** (סייפֿער) — איינער וואָס פֿאַרשטייט זיך אין די רעליגיעזע ביכער.

מצווה (מיצווע) — good deed

מקיים (מעקאַיעם) **זיין** — טון, נאָכקומען.

הכנסת (האַכנאָסעס) **אורחים** (אָרכים) — hospitality

יאָגט, די וועגן פֿאַרשאָטן, און טעג און אפֿשר וואָכן, וועט קיין אורח איבער דער שוועל נישט קומען...

הייבט ער זיך אויף, און גייט אַרויס, זען וואָס אין דרויסן טוט זיך. זי נעמט זיך די בעטן צו רעכט מאַכן. זאַמט ער זיך אָבער צו לאַנג, ווערט איר אומעטיק, לאָזט זי אָפּ דאָס בעטגעוואַנט, גייט צום פֿענצטער צו און פּויקט מיט די דיקלעכע פֿינגער אין דער שויב צום מאַן אַרויס.

איז אָבער די שויב געפֿרוירן, קלינגט זי העל נישט אָפּ; כאַפּט זי די שאַל אויף זיך, און גייט נאָך דעם מאַן פֿאַר דער טיר. זעט זי, אַז דער מאַן, וואָס הערט נישט אירע טריט און קערט זיך נישט אום, שטייט פֿאַרקוקט אויפֿן וועג פֿון וואַלד אַרויס. קוקט זי אים פֿאַר־וואונדערט נאָך. זעען זיי ביידע צוזאַמען, ווי איבערן פֿאַרשאָטענעם וועג פֿון וואַלד גייט אַ געשטאַלט, אַ ווײַבערישע, אין אַ הויבּער, אין אַ טערקישער שאַל. און די שאַל איז איבער די אַקסל נאָר פֿאַר שיינקייט וועגן פֿאַרוואָרפֿן, גלײַך אַ לינדע זומערנאַכט; נישט אײַנגעוויקלט איז זי אין דער שאַל, פֿרײַ פֿליִען רעכטס און לינקס אירע עקן, גלײַך זיי וואָלטן אירע פֿליגל געווען... און נישט זי גייט אין שניי, זי שווימט איבערן שניי. קיין פֿוס פֿאַלט נישט אַרײַן, לאָזט קיין צייכן איבער.

קוקן זיי ביידע פֿאַרגאַפֿט, ביז די געשטאַלט קומט צו צו זיי און פֿרעגט, צי זי קען נישט רוען אַ שעה בײַ זיי אין שטוב...

קומט דאָס פֿאַרפֿאָלק אַ ביסל צו זיך, קוקן זיך איבער, פֿירן מיט

אורח (אויראַך) — גאַסט, פֿאַרבײַגייער.

שוועל — threshold

צו רעכט מאַכן — to put in order; דאָ: מאַכן די בעטן פֿאַרן שלאָפֿן גיין.

זאַמען זיך — פֿאַרבלײַבן לענגער, to be late

בעטגעוואַנט — bedding

פּויקן — to drum

שויב — pane

העל — קלאָר.

געשטאַלט — figure

הויב — cap, cowl

לינד — mild

צייכן — marks

פֿאַרגאַפֿט — gape in astonishment

גרויס פֿרייד דעם ווײַבערישן וואונדערלעכן גאַסט אין שטוב אַרײַן, גאַט האָט זיי אַ גאַסט באַשערט! און ווילן וועקן דעם משרת, הייסן מאַכן וואַרעמס אַ גלעזל; און די שוויגערין לויפֿט צו צו דער שאַנק און עפֿנט זי ברייט און וויל אַרויסנעמען פֿון שענסטן און בעסטן עסן און טרינקען, און אײַנגעמאַכטס, און זיסן בראָנפֿן אַ ביסל. דער אויס־טערלישער גאַסט זאָגט אָבער: ניין! זי וועט גאָרנישט פֿאַרזוכן, גאָרנישט טועם זײַן, אַז זי דאַרף נישט, נאָר אָפּרוען וויל זי זיך אַ ביסל, זי גייט אין אַ נייטיק שליחות... גיט זיך די שוויגערין אונטער, צינדט אָן נאָך אַ וועקסן ליכט, פֿירט דעם גאַסט אין אַ באַ־זונדער חדר אַרײַן; ווײַזט אָן אויף אַ גרויס בעט, אויף בעטגעוואַנט ווי שניי, קישנס פּוכענע, אַ לײַכטע וואַרעם איבערבעט... און ווילט איר נישט עסן, נישט טרינקען, — שלאָפֿט אײַך געזונטערהייט.

שלאָפֿן אָבער, זאָגט די געשטאַלט, וועט זי נישט, נאָר אָפּרוען אַ ביסל, ווײַל זי האָט נאָך אַ ווײַט שליחות. און אַז די שוויגערין וויל זי איבערלאָזן אין שטוב, האַלט זי זי אײַן און פֿרעגט, וויפֿל עס קומט פֿאַרן חדר, וואָרעם אַוועקגיין וועט זי שטיל, און וויל קיינעם נישט וועקן, וויל זי איבערלאָזן געלט.

שפּרינגט די שוויגערין אָפּ טיף געקרענקט: קיין געלט נעמט זי נישט, אויף קיין פֿאַל נישט... דאָס איז דאָך די איינציקע מצווה, וואָס זיי קאָנען מקיים זײַן אין דאָרף; אין דעם זכות נאָר העלפֿט זיי דאָך גאָט, און וועט — גיט זי מיט גרויס בטחון צו — ווײַטער העלפֿן!

צעשמייכלט זיך די געשטאַלט און פֿרעגט:

באַשערן — דאָ: געשאָנקען, צוגעשיקט, געגעבן.
משרת (מעשאָרעס) — servant
וואַרעמס — וואַרעמער געטראַנק, טיי.
שאַנק — closet
אײַנגעמאַכטס — preserves
בראָנפֿן — brandy, liquor
טועם (טויעם) **זײַן** — to taste
שליחות (שליכעס) — errand
חדר (חיידער) — room, צימער
פּוכענע — ווייכע.
איבערבעט — דעקע, צודעק.
געקרענקט — hurt
בטחון (ביטאָכן) — האָפֿענונג, hope, faith

— פֿעלט אײַך עפּעס דען? האָט איר נאָך אַ בקשה צו גאָט?
— חס ושלום!.. מיר זײַנען, ברוך השם, איך און מײַן מאַן געזונט, און אונדזער זון זאָל לעבן, אַוודאי... און פּרנסה, ברוך השם, איבערן מויל... נאָר וועגן אַ זיווג גייט...

און זי דערציילט וועגן איר זון וואָס ווערט זיבעצן יאָר אַלט... און מען וואוינט אין אַ דאָרף, צו אַ קהילה איז ווײַט...

— און וואָס טוט איר דערצו?

מען האָפֿט צו גאָט, מען בעט זײַן ליבן נאָמען... דער מאַן אויף זײַן לשון, זי אויף איר לשון... אַלע געבעטן בעט זי אויס, אַלע תּחינות קאָן זי אויסנווייניק כּמעט, שׂרה בת טובֿימס אַלע זיסע הארציקע תּחינות... נאָר איינע, דער עיקר, האָט זי שוין מיט טרערן דורכגענעצט, די זיווג-תּחינה...

— גאָט וועט העלפֿן, — שמייכלט די געשטאַלט... אַ סימן האָט איר, קיין געלט פֿאַרן חדר ווילט איר נישט, גיב איך אײַך אַ מתּנה פֿאַר אײַער זונס כּלה וועגן.

אַזוי זאָגט זי עס און נעמט דערבײַ פֿון אונטער דער טערקישער שאַל די מתּנה אַפּיר: אַ פּאָר גאָלדענע פּאַנטאָפֿעלעך מיט פּערעלעך באַנייט... בליצט עס אין דער שווײַגערינס אויגן, שטופּט איר די געשטאַלט די פּאַנטאָפֿעלעך אין דער האַנט אַרײַן און זאָגט:

— אַ מתּנה פֿון שׂרה בת טובֿים, — און פֿאַרשווינדט...

און דער שווײַגער האָט זיך נישט געקאָנט אויפֿן ווײַב דער-וואַרטן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר, נישט באַקומענדיק קיין ענטפֿער, דערשראָקן די טיר געעפֿנט. זעט ער, דאָס ווײַב שטייט

בקשה (באַקאָשע) — פֿאַרלאַנג, request
חס (כאָס) **ושלום** (וועשאָלעם) — God forbid
ברוך (באָרעך) **השם** (האַשעם) — גאָט-צו-דאַנקען.
איבערן מויל — plentiful
זיווג (זיוועג) — marriage, match
זײַן ליבער נאָמען — גאָט.
לשון (לאָשן) — שפּראַך.
דער עיקר (איקער) — די הויפּטזאַך.
דורכגענעצט — soaked
אַפּיר — אַרויס.
פּאַנטאָפֿעלעך — slippers
בליצן — to flash

אַליין אין מיטן שטוב מיט אַן אָפֿן מויל, אויסגעגלאָצטע אויגן, און גאָלדענע פֿאַנטאָפֿעלעך אין דער האַנט.

2.

אין דער זעלבער צײַט, אין דער זעלבער מדינה מערן, נאָר מײַלן, מײַלן ווײַט פֿון שווײַגער, און נישט ווייסנדיק פֿון שווײַגער, האָט אין אַ טיפֿן וואַלד אַ ייִד געוואוינט, אַ קוילן-ברענער. האָט אַ שטיבל אין וואַלד און אַן אויוון געדונגען, אויך בײַ אַ גראַף. נאָר דער ייִד איז אַן אָרעמער געווען און אַ שווערע פּרנסה געהאַט: זאַמלען דאָס אָפּגעפֿאַלענע פֿון ביימער: זומער — אָפּגעדאַרטע צווײַגן, ווינטער — קאָרע געפּלאַצטע פֿון פֿראָסט און נאָך יעדן געוויטער — דאָס אָפּגעהאַקטע פֿון דונער און אָפּגעריסענע פֿון ווינט, און טראָגן צום אויוון און אויף קוילן פֿאַרברענען. קומט ער פֿאַרנאַכט אַהיים אַ מידער, אַ שוואַרצער... האָט אים אָבער זײַן ליבער נאָמען אַ זים טעכטערל באַשערט (דער ייִד איז אַן אַלמן געווען), קומט זי אים אַנטקעגן מיט פֿרייד, און העלפֿט אים וואַשן און איבערטון זיך און גיט אים צו עסן און צו טרינקען און מאַכט אים פֿײַן דאָס געלעגער צו רעכט...

און קאָן ער נישט אײַנשלאָפֿן, — און, זינט ער איז אַן אַלמן געוואָרן, טרעפֿט זיך עס אים גאַנץ אָפֿט, — צינדט זי אַ קינעלע אָן; אָדער, ווען קלאָרע נעכט, שטעלט זי זיך קעגן דער לבֿנה צום פֿענצטערל, און לייענט הויך אירע הייליקע ספֿרים אויף עבֿרי-טײַטש.

אויסגעגלאָצטע — ברייט געעפֿנטע.

דינגען, געדונגען — to rent

זאַמלען — קלײַבן.

אָפּגעדאַרטע צווײַגן — dried up branches

קאָרע — bark of a tree

פּלאַצן — to crack, to burst

אַלמן (אַלמען) — widower

געלעגער — בעט.

קינעלע — fire-stick

ספֿר (סייפֿער), ספֿרים (ספֿאָרים) — רעליגיעזע ביכער.

עבֿרי-טײַטש — ייִדיש.

די מוטער האָט זי אויסגעלערנט, די ספרים בירושה געלאָזט: צאינה־וראינה, תחינות פון שׂרה בת טובים... לייענט זי אים הויך... ער, אַ פּראָסטער ייִד, הערט זיך איַין, ביז די אויגן קלעפּן זיך אים צו, דאַכט זיך אים, אַז י ע נ ע לייענט, די מוטער לייענט; און ער שלאָפט רואיק אײַן, אײַנגעוויגט פון זיסן קול און די ווערטער די היילקע...

קומט איר אַ מאָל אַ זייער האַרץ־ווייכיקע תחינה אין דער האַנט אַרײַן, אַ תחינה, וואָס אַ מאַמע זאָגט, ווען זי בעט זײַן ליבן נאָמען וועגן אַ זיווג פאַר אַ קינד...

„און זע, ליבער, האַרציקער גאָט, פאַר מײַן ליבער, האַרציקער טאָכטער וועגן אַ זיווג, אַ כשרן"... הייבט דאָס מיידל אָן צו פאַרשטיין וועגן וואָס עס גייט, האַקט זי אָפּ און וויל אָן אַנדער תחינה נעמען, בעט זיך דער פאָטער:

— ניין, טאָכטער לעבן, ניין... ווײַטער לייען... גיב מיר די היילקע ווערטער אין מויל אַרײַן, לאָמיך בעטן בײַ גאָט פאַר דיר... אַ האַרץ האָב איך, טאָכטערשי, אַ פולס, נאָר אַ ייִד אַ פּראָסטער, קיין ווערטער האָב איך נישט...

מוז זי פאָלגן און לייענט ווײַטער און ווײַטער. ווי שמעקעדיקער בוימל גיסט זיך די תחינה. לאַנג אײַנגעשלאָפן איז שוין דער פאָטער — זי מערקט עס נישט, ער שנאָרכט — זי הערט נישט און לייענט... און פּלוצלונג וועקט זיך אויף אַ נישט פאַרשטאַנען בענקעניש אין דעם מיידלס האַרץ, די יתומישע נשמה האָט זיך צו עפּעס פאַרבענקט... עס קלאַפּט דאָס הערצל קליין, פּײַכט און נעפּלדיק ווערן די אייגעלעך

בירושה (בעירושע) — by inheritance

צאינה־וראינה (צענאַ־או־רענאַ) — „גייט אַרויס און זעט", אַזוי רופט זיך דער חומש, איבערזעצט אין ייִדיש, אין איינעם מיט שפּעטערדיקע מעשׂיות און לעגענדעס.

פּראָסט — simple

קלעפּן זיך — פאַרמאַכן זיך.

האַקט זי אָפּ — הערט זי פּלוצעם אויף, רײַסט איבער.

בוימל — oil

שנאָרכן — to snore

בענקעניש — longing

יתומישע (יעסוימישע) **נשמה** (נעשאָמע) — orphaned soul

פּײַכט — נאַס.

פֿאַרדעקט, די ריין־קינדעריש בלויע, און דאָס קולכל ציטערט און ציטערט און ווערט פֿון באַהאַלטענע טרערן פֿײַכט...

און אין מיטן — עפֿנט זיך די טיר און אין איר באַווײַזט זיך אַ וואונדערלעכע געשטאַלט... אין אַ הויב אַ הויכער און אַ טערקישער שאַל, די אויגן לײַכטן אַזוי לײַטזעליק זיס, אַז דאָס אײַנגעשרומפּענע פּנימל שטראַלט.

— טאַטע! — וויל זי דעם פֿאָטער וועקן. לייגט אָבער די אַלטע די פֿינגער איבער די לעפֿצן, ווערט דאָס מיידל שטיל, בלײַבט זי, ווי אין אַ פֿאַרכּישופֿטן חלום שטיין. און די אַלטע גייט צו צום טיש און זעצט זיך, און שטרעקט אויס די האַנט, און ציט דאָס מיידל זיך צום האַרצן צו...

— שרעק זיך נישט, מיידעלע, — זאָגט זי, — שׂרה בת טובֿים בין איך... מײַנע תּחינות האָסטו געלייענט... און עס איז אַ שטילע נאַכט, האָב איך אין מײַן שטילער רו דײַן זיס קול געהערט, בין איך געקומען צו דיר און האָב דיר אַ מתּנה געבראַכט...

און נעמט פֿון אונטער דער טערקישער שאַל די מתּנה אַפּיר.

— זע, ליב קינד... אַט, סאַמעט געשווירענער אַ שטיק... אויף אַ בײַטעלע צוגעשניטן . . . און פֿעדעם נאָך דערצו זילבערנע, און גאָלדענע אויך אַ ביסל, און פֿליטערלעך דערצו, אויך זילבער און גאָלד... און אַזוי, זעסטו, נייט מען, טעכטערל, און אַזוי ווערט געשטיקט... האַלט די נאָדל פֿעסט, לויף מיט די פֿינגערלעך געשיקט... זעסט, אַ מגן־דודל גייט, און אָט בליִען בלימעלעך

קול (קאָל), קולכל (קעלכל) — voice

לײַטזעליק — pleasant, amiable

אײַנגעשרומפּן — wrinkled

שטראַלן — to beam

לעפֿצן — ליפּן.

פֿאַרכּישופֿטער (פֿאַרקישעפֿטער) חלום (כאָלעם) — enchanted dream

סאַמעט — velvet

פֿעדעם — threads

פֿליטערלעך — small pieces of glittering metal

שטיקן — to embroider

געשיקט — skillful

מגן־דוד (מאָגן־דאָוויד) — Star of Israel

בליִען — to blossom

אַרויס... פֿרישע, ווי אין וואַלד אין זומערצײַט... אַ תּפֿילין־בײַ־טעלע ניי, אַ מתּנה מאַך, פֿאַר דײַן באַשערטן אַ מתּנה, ווי דײַן ליבע מאַמע האָט דײַן ליבן טאַטן געשענקט...

און די אַלטע לערנט, און דאָס מיידעלע שטיקט און העפֿט...

און אַז דער פֿרימאָרגן בליט, כאַפּט זיך דער פֿאָטער אויף, די טאָכטער זיצט אַליין אין שטוב מיט אַ תּפֿילין־בײַטעלע אין די הענט — סאַמעט, זילבער און גאָלד...

3.

און אַז דעם שווײַגערס זון איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, האָט מען אים אַרויפֿגעזעצט אויף אַ וועגעלע און געשיקט אין דער וועלט אַרײַן זיך אַ כּלה זוכן צו שׂרה בת טוביִמס פֿאַנטאָפֿעלעך...

פֿאָרט ער וואַלד־אויס וואַלד־אײַן, איבער דערפֿער און שטעט. כּלה־מיידלעך ווי זאַמד און ערד — קיין איינער פּאַסן די פֿאַנטאָ־פֿעלעך נישט...

פֿאָרט ער אַ יאָר, פֿאָרט צוויי, נישטאָ און נישטאָ. פֿאַרלירט ער די אמונה דערין, קערט ער אַהיים; ער וועט טאַטע־מאַמע זאָגן: ס'איז אַ חלום געוועזן; אַזוינע פּיסלעך קליינע זײַנען נישט פֿאַראַן...

פֿאָרט ער אַהיים, און פֿאָרט, און פֿאָרט פֿון וועג אַראָפּ, און פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד. דעמבעס מיט דעמבעס, ריזן בײַ ריזן שטייען, נישט אויס און נישט אײַן. בלײַבט ער שטיין; פֿרײַטיק איז, די זון גייט אונטער און לאָזט זיך, אַ פֿײַערדיקע קויל, אַלץ טיפֿער און טיפֿער אַראָפּ. דער אָוונט פֿאַלט צו — שטעלט ער זיך שיר־השירים זאָגן, און גייט, שיר־השירים זאָגנדיק, אין וואַלד אַרום.

תּפֿילין־בײַטעלע — sack for the phylacteries

באַשערטער — future husband

העפֿטן — to embroider

פּאַסן — to fit

אמונה (עמונע) — גלויבן.

פֿאַרבלאָנדזשען — פֿאַרלירן דעם וועג.

דעמב, דעמבעס — oak (s)

ריז, ריזן — giants

קויל — ball

שיר־השירים (שיר־האַשירים) — „דאָס ליד פֿון די לידער", דער נאָ־מען און די ערשטע ווערטער פֿון אַ בוך אין תּנך. אין דעם בוך קומען אַרײַן זייער שיינע לידער.

האַלט זיך נאָר פֿון וועגעלע נישט ווײַט, און פֿון פֿערד, וואָס פּאַשעט זיך... און שטיל רוישט, בײַם אָוונט-ווינטל, דער וואַלד, גלײַך ער וואָלט אים שיר-השירים נאָכגעזאָגט... און שטיל ווערט און טונקעלער, און פּלוצלונג פֿלאַמט צווישן די ביימער אַ פֿענצטערל אויף, לויפֿט ער צו מיט פֿרייד און קלאַפּט אָן:

— וואוינט דאָ אַ ייִד?

— אַ ייִד!

אַ ייִד קומט פֿון שטיבל אַרויס, באַווײַזט זיך אויף דער שוועל.

— שלום-עליכם, אַ ייִד!

— עליכם שלום, — ענטפֿערט דער יונגערמאַן, — קאָן מען האַלטן שבת בײַ אײַך?

— האַלטן, יאָ, — ענטפֿערט מיט אַ טרויעריקן שמייכל דער ייִד, — נאָר עסן האָב איך נישט וואָס...

— עסן האָב איך, ענטפֿערט דער יונגערמאַן — און טרינקען אויך — קומט מיט מיר צום וועגעלע צו, פֿון אַלעם גוטן אָנגעגרייט.

אין אַ שעה אַרום נאָך קבלת-שבת זיצן זיי שוין ביידע נאָך קידוש בײַם טיש... און זינגען זמירות און עסן... זעט דער יונגערמאַן ווי פֿון יעדן מאכל נעמט דער אַלטער און איז קוים וואָס טועם אַ ביסל, און טראָגט באַלד די רעשט פֿאַר דער טיר אַרויס, מיינט ער, — פֿאַר אַ קעלבל צי אַן עוף... איז ער דאָך נישט אַזוי אָרעם, דער ייִד, פֿאַרוואָס האָט ער קיין שבת נישט געמאַכט... אַ יונגערמאַן, פֿרעגט ער אים.

זאָגט דער אַלטער:

— ניין, אַן אָרעמער קוילן-ברענער בין איך... קיין קאַלב, קיין עופֿות פֿאַרמאָג איך נישט... נאָר אַ זים טעכטערל האָב איך, באָרוועס גייט זי, נעבעך, שעמט זי זיך באָרוועסערהייט אין שטוב אַרײַנצוקומען... זיצט זי און עסט פֿאַר דער טיר...

פּאַשען זיך — to pasture

רוישן — to rustle

קבלת (קאַבאָלאַס) **שבת** — די צערעמאָניע פֿון אויפֿנעמען דעם שבת, די פֿרײַטאָג-צו-נאַכטיקע תּפֿילה.

קידוש (קידעש) — blessing over a cup of wine

זמירות (זמירעס) — לידער וואָס מען זינגט שבת.

מאָכל (מײַכל) — שפּײַז.

רעשט — דאָס איבעריקע.

באָרוועס — barefoot

נעמט דער יונגערמאַן מיט האָרץ־קלאַפּעניש די גאָלדענע פּאַנ־טאָפּעלעך פֿון בוזעם אַרויס און גיט זיי דעם אַלטן איבער:

— גייט, מעסט זיי אײַער טאָכטער אָן... צי זיי פּאַסן, זעט...

קומט דער אַלטער צוריק:

— זיי פּאַסן...

4.

און בײַם רײַכן שווער איז אַ חתונה געווען... ער האָט מיטן קוילן־ברענער אַ שידוך געטון, און די חופּה האָט מען אין שטאָט געשטעלט. און אַז מען איז פֿון דער חופּה געגאַנגען, האָט זיך פּלוצלונג אַ געשטאַלט באַוויזן, אין אַ הויב אַ הויכער, אין אַ טער־קישער שאַל, אַ פּנים אַן אַלטס, נאָר אויגן לײַטזעליקע און יונגע, און האָט קעגן חתן־כּלה מיט אַ קוילעטש געטאַנצט...

און נישט אַלע האָבן געוואוסט, ווער דאָס איז...

דער אוצר

צו שלאָפֿן תּמוז־צײַט אין אַ שטיבל פֿון ד׳ על ד׳, צוזאַמען מיט אַ ווײַב און אַכט קינדערלעך, איז נישט קיין גרויסער תּענוג, כאָטש פֿרײַטיק צו נאַכטס. כאַפּט זיך טאַקע שמערל האָלצהעקער אויף נאָך האַלבער נאַכט אַן אָפּגעקאָכטער און אַן אָטעם, גיסט זיך געשווינד אָפּ די נעגל, כאַפּט אויף זיך דאָס כאַלאַטל און לויפֿט אַ באָרוועסער פֿון טרוקענעם גיהנום אַרויס. קומט ער אין גאַס

שידוך (שידעך) — match

קוילעטש — white loaf

אוצר (אויצער), אוצרות (אויצרעס) — treasure(s)

תּמוז (טאַמוז) — דער צענטער ייִדישער מאָנאַט, פֿאַלט געווינטלעך צונויף מיט דעם מאָנאַט — יולי.

ד׳ על ד׳ (דאַלעד על דאַלעד) — four by four

תּענוג (טײַנעג) — pleasure

האָלצהעקער — woodcutter

גיסט זיך אָפּ די נעגל — וואַשט זיך.

כאַלאַטל — robe

גיהנום (געהענעם) — hell

אַרײַן — שטיל, אַלע לאָדן פֿאַרמאַכט, און איבערן שלאָפֿנדיקן שטעטל שטייט אַ הויכער, שטילער, אויסגעשטערנטער הימל. דאַכט זיך אים, אַז אַצינד איז ער איינער אַליין מיט גאָט, ברוך הוא. מאַכט ער, אַרויפֿקוקנדיק צום הימל: „נו, רבונו של עולם, אַצינד איז צײַט, זאָלסט מיך אויסהערן און בענטשן מיט אַן אוצר פֿון דײַנע אוצרות". ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, דערזעט ער, אַז פֿאַר אים לויפֿט עפּעס אַ פֿלעמל פֿון שטעטל אַרויס, פֿאַרשטייט ער, אַז דאָס איז עס. וויל ער נאָכלויפֿן, דערמאָנט ער זיך, אַז עס איז שבת, אַז לויפֿן טאָר מען נישט, — גייט ער נאָך. און אַזוי פּאַמעלעך ווי ער גייט, אַזוי פּאַמעלעך הייבט אויך דאָס פֿלעמל אָן צו גיין, און דער מהלך צווישן אים און דעם פֿלעמל ווערט נישט לענגער, נישט קירצער. גייט ער. טייל מאָל רופֿט זיך אים עפּעס אָן אין האַרץ: שמערל, זײַ קיין נאַר נישט, נעם אַראָפּ דאָס כאַלאַטל, טו אַ שפּרונג אונטער און וואַרף עס אַרויף אויף דעם פֿלעמל! פֿאַרשטייט ער אָבער, אַז דאָס רעדט אין אים דער יצר־הרע. דאָס כאַלאַטל נעמט ער פֿון זיך אַראָפּ, גרייט צו וואַרפֿן איז ער, נאָר, להכעיס דעם יצר־הרע, מאַכט ער נאָך קלענערע טריט, און דערפֿרייט זיך, זעענדיק, אַז זינט ער מאַכט קלענערע טריט, רוקט זיך דאָס פֿלעמל אויך פּאַמעלעכער. גייט ער אַזוי פּאַמעלעך דעם פֿלעמל נאָך און גייט, קומט ער פּאַמעלעך אַרויס פֿון שטעטל. דער וועג שלענגלט און דרייט זיך איבער פֿעלדער און לאָנקעס, און דער מהלך צווישן אים און דעם פֿלעמל ווערט אַלץ נישט לענגער, נישט קירצער, און אַז ער זאָל וואַרפֿן דאָס כאַלאַטל, וואָלט ער צום פֿלעמל נישט דער־גרייכט. דערווײַל צערודערן זיך אים אין קאָפּ די געדאַנקען: ווען

לאָדן — shutter

ברוך הוא (באָרוך הו) — געלויבט איז ער, blessed be He

רבונו של עולם (ריבוינע שעל אוילאָם) — האַר פֿון דער וועלט, גאָט; Lord of the universe

בענטשן — to bless

מהלך (מעהאַלעך) — distance

יצר־הרע (יעצער־האָרע) — דער שלעכטער ווילן.

להכעיס (לעהאַכעס) — to spite

שלענגלען — to twist, to wind

לאָנקע — meadow

צערודערן זיך — to get confused

ער זאָל כאַפּן דעם אוצר, וואָלט ער אויף דער עלטער קיין האַלצ־העקער נישט געווען; ער האָט שוין נישט דעם כּוח צו דער אַר־בעט, וואָס אַמאָל. דעם ווײַב וואָלט ער געקויפט אַ שטאָט אין דער ווײַבערשער שול, זי זאָל נישט האָבן קיין פֿאַרשטערטע שבתים און ימים־טובֿים דערפֿון וואָס מען לאָזט זי אין ערגעץ נישט זיצן, ראָש־השנה און יום־כּיפּור פֿאַלט זי נעבעך גאָר פֿון די פֿיס — די קינדער האָבן איר די כּוחות צוגענומען! און ער וואָלט איר אַ נײַ קלייד געמאַכט, אַ פּאָר שנירלעך פּערל געקויפט... די קינדער וואָלט ער אין בעסערע חדרים אָפּגעגעבן, פֿאַר דעם עלטסטן מיידל וואָלט ער זיך שוין אומגעקוקט וועגן אַ שידוך. אַזוי, נעבעך, טראָגט זי דער מוטער נאָך די קיישלעך מיט אויפּס, און האָט קיין מאָל קיין צײַט נישט אָפּילו זיך רעכט צו פֿאַרקעמען. און צעפּ האָט זי לאַנגע, לאַנגע, און אויגן — ווי אַ סאַרנע...

— עס וואָלט אַ מצווה געווען צו כאַפּן דעם אוצר...

— ווײַטער דער יצר־הרע! — טראַכט ער, — אַז עס איז נישט באַשערט, איז נישט! אין־דער־וואָכן וואָלט ער שוין גע־וואוסט וואָס ער האָט צו טון...

ער זיפֿצט אָפּ און גייט אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און וואַרפֿט פֿון צײַט צו צײַט אַן אויג אין הימל אַרײַן: רבונו של עולם, וועמען ווילסטו דאָ אויספּרוּאוון? שמערל האָלצהעקער? ווילסט געבן — גיב!" דאַכט זיך אים, אַז דער אוצר הייבט זיך אָן צו רוקן אַ ביסל פֿאַמעלעכער, נאָר אין דער רגע דערהערט ער, אַ הונט — בילט. דערקענט ער דאָס בילן: דאָס איז פֿון ערשטן

כּוח (קויאַך), כּוחות (קויכעס) — strength
אַ שטאָט אין שול — a pew or a seat in a synagogue
פֿאַרשטערט — spoiled
שנירלעך פּערל — strings of pearls
שידוך (שידעך) — a match
קיישלעך — baskets
אויפּס — fruit
צאָפּ, צעפּ — braid(s)
סאַרנע — wild goat
מצווה (מיצווע) — good deed; דאָ: גוט, שיין.
באַשערן — to destine
בילן — to bark

דאָרף הינטער דער שטאָט; און ער דערזעט שוין, ווי עס וויגן זיך אין דער פֿרישער פֿאַרטאָג־לופֿט ווײַסע פֿלעקן, דאָס זײַנען די פֿויערישע הײַזלעך. און באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז עס מוז שוין זײַן אַ תּחום־שבת; שטעלט ער זיך אָפּ.

— יאָ, עס איז אַ תּחום־שבת, — טראַכט ער, און זאָגט, ווי אין דער וועלט אַרײַן: — ווערסט מיך נישט אַראָפּפֿירן פֿון וועג! עס איז נישט קיין גאָטזאַך, גאָט מאַכט נישט קיין חוזק פֿון מענטשן — מעשׂה לץ איז עס! און ער ווערט אַ ביסל ברייזלעך אויפֿן בעל־דבֿר, און דרייט זיך צוריק אוים צום שטעטל, און גייט האַסטיק צוריק. טראַכטן טראַכט ער: אין דער היים אויסזאָגן וועל איך נישט; ערשטנס, וועט מען מיר נישט גלייבן... און אַז יאָ, וועט מען לאַכן פֿון מיר! און צו וואָס זאָל איך מיך רימען?.. דער בורא־עולם ווייסט — איז גענוג. און זי וואָלט זיך נאָך אפֿשר געבייזערט, ווײַס איך? די קינדער אַוודאי — נאַקעט און באָרוועס, נעבעך!

ניין, ער וועט עס פֿאַרן מויל נישט ברענגען... ער וועט אַפֿילו דעם רבונו של עולם דערינען קיין מאָל נישט דערמאָנען. האָט ער דערמיט עפּעס גוטס געטון, וועט ער אַליין געדענקען...

און פּלוצלונג דערפֿילט ער אין זיך עפּעס אַ מאָדנע, ליכטיקע רואיקייט, אין אַלע אבֿרים צעגיסט זיך אים אַ שטילער נחת.

וויגן זיך — to swing, to sway

פֿלעקן — spots

תּחום־שבת (טכום־שאַבעס) — דער גרענעץ פֿאַר שבת; לויט דער יידישער רעליגיע טאָר מען שבת ניט אַוועקגיין צו ווײַט אויסערן שטאָט.

חוזק (כויזעק) **מאַכן** — **אָפּלאַכן**, to make mockery

מעשׂה (מײַסע) **לץ** (לעץ) — ווי אַן אָפּלאַכער, ווי אַ ניט־גוטער, as a mockerer

בעל־דבֿר (באַל דאָווער) — **דאָ**: adversary

רימען — to boast

בורא־עולם (בוירע אוילאָם) — באַשאַפֿער פֿון דער וועלט, גאָט.

פֿאַרן מויל נישט ברענגען — נישט דערציילן.

אבֿרים (איי
ווורים) — limbs

נחת (נאַכעס) — צופֿרידנקייט, satisfaction

„געלט איז פּאַרט נישט מער ווי קײַ און שפּײַ! עשירות קאָן נאָך אַראָפּפירן פֿון רעכטן וועג.‟ און עס ווילט זיך אים דאַנקען גאָט דערפֿאַר, וואָס ער האָט אים נישט געבראַנגט צו קיין נסיון. עס ווילט זיך אים כאַטש אַ ליד זינגען. „אָבינו מלך‟ דערמאָנט ער זיך פֿון די יונגע יאָרן, נאָר ער פֿאַרשעמט זיך פֿאַר זיך אַליין און האַקט אָפּ. ער וויל זיך דערמאָנען אַ חזנישע זאַך, — פּלוצלונג אָבער דער־זעט ער, אַז דאָס אייגענע פֿלעמל, וואָס ער האָט געלאָזט הינטער זיך, איז אים צוריק אַרויסגעקומען פֿון פֿאָרנט, און עס רוקט זיך פֿאַר אים גאַנץ פּאַמעלעך צום שטעטל, צום שטעטל... און דער מהלך צווישן אים און דעם פֿלעמל ווערט ווײַטער נישט לענגער, נישט קירצער, גלײַך דאָס פֿלעמל שפּאַצירט, און ער שפּאַצירט — אַזוי אַ ביסל, לכּבֿוד שבת. פֿרייט ער זיך שטיל און קוקט נאָך. דער הימל ווערט בלאַסער, שטערנדלעך הייבן זיך אָן לעשן, דער מיזרח רייטלט זיך אַ ביסל, עס צעגיסט זיך ווי אַ שמאָל רויטלעך טײַכל אין דער לענג — און דאָס פֿלעמל רוקט זיך אַלץ אין שטעטל אַרײַן, גייט אין זײַן גאַס. אָט איז זײַן שטוב. די טיר פֿון זײַן שטוב, זעט ער, שטייט אָפֿן. ער האָט זי אָפּנים פֿאַרגעסן צו פֿאַרמאַכן . . . און אָט: דאָס פֿלעמל גייט אַרײַן, צו אים אין שטוב אַרײַן גייט עס! גייט ער נאָך, זעט ער, ווי עס לאָזט זיך, דאָס פֿלעמל, אונטערן בעט אַרונטער. אַלע אַרום שלאָפֿן, — גייט ער שטיל צו, בייגט זיך אײַן, זעט ער, דאָס פֿלעמל דרייט זיך אונטערן בעט ווי אַ דריידל, אויפֿן אָרט. נעמט ער און וואַרפֿט אַרונטער אונטערן בעט דאָס כאַלאַטל און דעקט דאָס פֿלעמל צו, — קיינער הערט נישט;

קײַ און שפּײַ — גאָרנישט מיט גאָרנישט, mere trash

עשירות (אשירעס) — רײַכטום, riches, wealth

נסיון (ניסאָיען) — temptation

אָבֿינו־מלך (אָווינו־מײלעך) — אונדזער פֿאָטער דער קיניג.

אָפּהאַקן — to break off, to stop short

חזנישע (כאַזאָנישע) — synagogue melody

אייגענע — דאָס זעלביקע.

לכּבֿוד (לעקאָוועד) — in honor

לעשן — to extinguish

מיזרח (מיזרעך) — east

און דאָ גנבֿעט זיך שוין אין שטוב אַרײַן אַ גאָלדענער מאָרגן־שטראַל דורך דעם שפּאַלט פֿון לאָדן.

זעצט ער זיך אויף אין בעט, טוט אַ נדר אַז איבער שבת וועט ער קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגן, קיין האַלב וואָרט נישט — עס וועט קומען חלילה צו חילול שבת... זי וועט זיך נישט אײַנהאַלטן; זיי, די בנים, אוודאי נישט, זיי וועלן באַלד וועלן איבערציילן, באַלד וויסן וויפֿל! און באַלד וועט דער סוד פֿון שטוב אַרויס, און אין שול, אין בית־המדרש און אין אַלע גאַסן וועט ווערן אַ געַרעדערײַ וועגן זײַן עשירות... וועגן מזל... און קיינער וועט נישט דאַוונען, נישט וואַשן זיך, נישט בענטשן, ווי עס דאַרף צו זײַן — און ער וועט נאָך פֿאַרזינדיקן זײַן הויזגעזינט און אַ האַלבע שטאָט, ניין — קיין פּיפּס נישט... און ער ציט זיך אויס אויף דעם בעט און מאַכט זיך שלאָפֿן.

און אין דעם זכות, אַז ער האָט נאָך הבֿדלה זיך אַראָפּגעבויגן אונטערן בעט און אויפֿגעהויבן דאָס כאַלאַטל, איז אונטן טאַקע געלעגן אַ זאַק מיט אַלפֿי־אַלפֿים דינירן, כּמעט אָן אַ שיעור — אַ גרויס בעט געווען! — און איז טאַקע געוואָרן אַ גבֿיר שבגבֿירים.

אַרײַנגנבֿענען זיך — to steal through

שטראַל — ray

שפּאַלט — crack

נדר (ניידער) — vow

חלילה (כאַלילע) — God forbid

חילול (כילעל) — desecration

בנים (באָנים) — זין.

סוד (סאָד) — secret

בענטשן — דאָ: די תּפֿילה, דאָס געבעט נאָכן עסן.

הויזגעזינט — household

פּיפּס — whisper

אין זכות — צוליב דעם גוטס.

הבֿדלה (האַוודאָלע) — די תּפֿילה, דאָס געבעט איבער וויַין, אָדער אָן אַנדער געטראַנק, וואָס באַצייכנט אַז דער שבת אָדער יום־טובֿ איז שוין אַוועק און די וואָכעדיקע טעג הייבן זיך אָן.

אַלפֿי־אַלפֿים (אַלפֿיי־אַלאָפֿים) — טויזנט מאָל טויזנט.

דינירן — coins

אָן אַ שיעור (שיר) אָן אַ סוף.

גבֿיר שבגבֿירים (גוויר שעבעגווירים) — אַ רײַכער צווישן רײַכע.

און ער האָט שוין אָפּגעלעבט אין נחת די יאָרן.

נאָר דאָס ווײַב פֿלעגט אים אַלע מאָל אין נחת פֿאַרוואַרפֿן: רבונו של עולם, ווי האָט עס אַ מענטש אַ האַרץ ווי אַ שטיין, אַ גאַנצן זומער־טאָג אַ וואָרט נישט צו זאָגן, פֿאַרן אייגענעם ווײַב קיין איינציק וואָרט . . . און איך האָב — דערמאָנט זי זיך — דעמאָלט בײַ „גאָט פֿון אַבֿרהם" זיך אַזוי אָנגעוויינט, אַזוי אָנגעוויינט... עס איז קיין דרײַער אין שטוב נישט געווען...

און ער טרייסט זי מיט אַ שמייכל:

— ווער ווייסט, אפֿשר האָט זיך עס טאַקע אין זכות פֿון דײַן „גאָט פֿון אַבֿרהם" אַזוי גוט אויסגעפֿירט.

ברידער

ווײַסע, ברוינע, שוואַרצע, געלע —
מישט די פֿאַרבן אוים צוזאַמען;
אַלע מענטשן זײַנען ברידער
פֿון איין טאַטן, פֿון איין מאַמען!

אויך איין גאָט האָט זיי באַשאַפֿן,
און איין פֿאָטערלאַנד — די וועלט —
אַלע מענטשן זײַנען ברידער,
דאָס איז איין מאָל פֿ ע ס ט ג ע ש ט ע ל ט!

***

אַלע מענטשן זײַנען ברידער,
שוואַרצע, ווײַסע, ברוינע, געלע . . .
אַנדערש זײַנען נאָר די פֿאַרבן,
די נאַטור איז — די זעלבע:

אַלע מענטשן זײַנען ברידער:
געלע, ברוינע, שוואַרצע, ווײַסע . . .
פֿעלקער, ראַסן און קלימאַטן —
ס'איז אַן אויסגעקלערטע מעשׂה.

גאָט פֿון אַבֿרהם (אוואָהאָם) — די ערשטע ווערטער פֿון געבעט וואָס די פֿרוי זאָגט ווען זי צינדט אָן ליכט שבת־צו־נאַכט.

דרײַער — דרײַגראָשן שטיק.

טרייסטן — to console, to comfort

ניסים אויפֿן ים

א.

אין דער מדינה האָלאַנד, אין אַ האַלב אײַנגעזונקען הײַזל בײַם ברעג פֿון ים, האָט געוווינט אַ ייִדישער פֿישער מיטן נאָמען סאַטיע. אפֿשר נאָך אַ עלטער-זיידן סעדיה; נאָר פֿון דעם האָט ער נישט געוווּסט, ער האָט בכלל זייער ווייניק געוווּסט פֿון ייִדישקייט. פֿון אָבֿות אָבֿותיו אַ פֿישער, פֿאַרברענגט טעג און יאָרן אויפֿן ים, געלעבט — אַן איינציקע ייִדישע משפּחה צווישן נישט-ייִדן, וואָס זאָל ער וויסן? סאַטיע כאַפּט פֿיש, דאָס ווײַב זײַנס שטריקט נעצן און פֿירט די שטוב, די קליינע קינדערלעך וואַלגערן זיך אין זאַמד און זוכן בורשטין . . . און אַז סאַטיע גייט אויפֿן ים און עס מאַכט זיך אַ שטורעם-ווינט, עס ווערט סכּנת-נפֿשות, האָט — נישט ער אויפֿן ים, נישט דאָס הויזגעזינט אין שטוב, נישט געקאָנט אַפֿילו קיין שמע ישׂראל מתפּלל זײַן... האָט סאַטיע געקוקט שטום אין הימל אַרײַן; דאָס ווײַב זײַנס שלאָגט זיך אין קאָפּ אַרײַן, אָדער שלײַדערט נאָך אַפֿשר אַ בייזן בליק צום בייזן, פֿינצטערן הימל אַרויף, און די קינדער וואַרפֿן זיך אויפֿן זאַמד און רופֿן גלײַך מיט אַנדערע קינדער: סאַנטאַ מאַריאַ, סאַנטאַ מאַריאַ!

און פֿון וואַנען האָבן זיי געזאָלט וויסן מער? צו פֿוס גיין

נס (נעס), **ניסים** (ניסים) — miracle(s)

מדינה (מעדינע) — land, country

סעדיה (סאַדיע) — Saadia

בכלל (ביכלאַל) — in general

אָבֿות אָבֿותיו (אָוועס אַוואָויסאָוו) — his forefathers

שטריקן — to knit

וואַלגערן זיך — to roll

בורשטין — amber

סכּנות נפֿשות (סאַקאָנעס נעפֿאָשעס) — דאָס לעבן איז אין געפֿאַר.

הויזגעזינט — family

שמע ישׂראל (שמאַ ייִסראָעל) — די ערשטע ווערטער פֿון דעם אויס-רוף: שמע ישׂראל יהוה אלהינו יהוה אחד — הער ישׂראל גאָט איז אונדזער גאָט, גאָט איז איינער.

מתפּלל (מיספּאַלעל) **זײַן** — to pray

שלײַדערן — וואַרפֿן.

אין קהילה אַריַין איז ווײַט, פֿאַרן האָט די אָרעמע פֿאַמיליע, וואָס האָט קוים פּרנסה געהאַט, נישט געקאָנט, און אַחוץ דעם, לאָזט דער ים נישט אַוועק. סאַטיעס פֿאָטער, סאַטיעס זיידע און עלטער-זיידע זײַנען אומגעקומען אויפֿן ים. נאָר אַזאַ כּוח האָט ער שוין, דער ים: ער איז דעם מענטשנס געפֿערלעכסטער שׂונא, און גאַנץ אָפֿט אַ פֿאַלשער שׂונא, און ליב האָט מען אים, און ציִען ווערט מען צוגע־צויגן צו אים ווי מיט צוואַנגען... און מען קאָן זיך פֿון אים נישט אָפּרײַסן, ווײַל מען לעבן אויף אים און אונטערגיין אין אים...

ב.

נאָר איין ייִדישער מינהג איז אין דער משפּחה געבליבן — יום־כּיפּור!

ערבֿ יום־כּיפּור אין דער פֿרי האָט מען אויסגעקליבן דעם גרעסטן פֿיש, און די גאַנצע משפּחה איז געגאַנגען מיטן פֿיש אין שטאָט אַרײַן, און אָפּגעגעבן האָט מען דעם פֿיש דעם קהלשן שוחט, בײַ וועלכן מען פֿלעגט פֿאַרפֿאַסטן און עסן נאָכן תּענית.

איבערן מעת־לעת פֿלעגט די משפּחה זיצן אין האַלענדישן מקום־קודש, צוהערן זיך ווי דער כאָר זינגט, ווי דער אָרגל שפּילט, ווי דער חזן זאָגט אויף זײַן שטייגער... פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט

קהילה (קעהילע) — Jewish community

פּרנסה (פּאַרנאָסע) — livelihood

צוגעצויגן ווערן — to be drawn

צוואַנגען — דאָ: irresistible force

מינהג (מינהעג) — custom

ערבֿ (ערעוו) — פֿאַר.

קהלשן (קהאָלשן) — community

שוחט (שויכעט) — ritual slaughterer

פֿאַרפֿאַסטן — עסן פֿאַרן פֿאַסטן.

תּענית (טאָנעס) — fast

מעת־לעת (מעס־לעס) — די פֿיר און צוואַנציק שעה פֿון טאָג.

מקום־קודש (מאָקעם קוידעש) — דאָס הייליקע אָרט, די שול וואו מען דאַוונט.

חזן (כאַזן) — cantor

שטייגער — way

האָט מען נישט. געקוקט האָט מען נאָר צום אָרון־קודש, צום פּרע־דיקער אין דער גאָלדענער יאַרמלקע. האָט זיך די גאָלדענע יאַרמל־קע אויפגעהויבן, האָט מען זיך אויך אויפגעשטעלט; האָט זיך די גאָלדענע יאַרמלקע אַראָפּגעלאָזט, האָט מען זיך צוריק געזעצט. טייל מאָל פּלעגט סאָטיע פאַר מידקייט אײַנדרעמלען, האָט אים אַ שכן מיט אַן עלנבויגן צום אויפשטיין געוועקט.

אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער יום־כּיפּור. אַז עס איז אַ יום־הדין, אַז אַ פיש אין וואַסער ציטערט, און וואָס אין הימל טוט זיך — פון דעם האָט סאָטיע נישט געוואוסט. עס איז בײַ אים אַ מינהג געווען יום־כּיפּור צו הערן כאַר און אָרגל א ו מ ג ע ג ע ס ן, און אַז נאָך נעילה (ער האָט אַפּילו נישט געוואוסט, אַז עס הייסט נעילה) גייט מען צום שוחט אויף וועטשערע... אַ סך מער האָט דער שוחט אַליין אפשר אויך נישט געוואוסט — האָלאַנד!

און באַלד נאָך דער שוואַרצער קאַווע פלעגט סאָטיע מיטן ווײַב און מיט די קינדערלעך זיך אויפהייבן, געזעגענען זיך מיטן שוחט און זײַן הויזגעזינט, און אַנווינטשעווען זיך, און אַוועקגיין און וואַנדערן אַ גאַנצע נאַכט צום ים. נישט „אַהיים" פלעגט מען זאָגן, נאָר — „צום ים".

און מען גייט צו פוס אַהיים, צום ים...

און אַז מען גייט צו פוס איבער נאַכט, און עס הייבט אָן גרויען דער טאָג, און מען דערזעט דעם גאָלדענעם אָפּגלאַנץ פון זאַמדיקן ברעג, און דערנאָך בליצט אויף דער שפּיגל פון ים, דערפרייט מען זיך, פּאַטשט מען מיט די הענט...

און אַזוי גייט עס פון יאָר צו יאָר...

עס בײַט זיך דער פישער, זעלטענער — דער שוחט; מינהג בלײַבט מינהג.

אָרון קודש (אָרען קוידעש) — דער הייליקער אָרון (אַלמער, שאַפע), דאָרטן וואו מען האַלט די ספרי־תּורות אין אַ שול, אין אַ בית־המדרש.

פּרעדיקער — preacher

אײַנדרעמלען — אײַנשלאָפן.

יום־הדין (יאָם־האַדין) — day of judgment

נעילה (נילע) — דער לעצטער טייל פון די תּפילות (טפילעס – prayers) וואָס מען זאָגט יום־כּיפּור.

אָפּגלאַנץ — shimmer, reflection

אויפבליצן — to flash

און דער מינהג איז אַ סכום הכּולל פֿון פֿאַסטן, כּאַר און אָרגל, אויסגעמישט מיטן גרויסן פֿיש צו דער וועטשערע נאָך נעילה בײַם שוחט, מיטן געזעגענען און אָנווינטשן זיך...

דאָס אַלץ צוזאַמען איז דער איינציקער פֿאָדעם וואָס בינדט צו סאַטיען צום כּלל־ישׂראל...

ג.

איין מאָל פֿאַרטאָג, קוים געריײטלט האָט זיך דער מיזרח, שטיל וועקט זיך אויף דער ים, קוים ער אָטעמט, קוים עס הערט זיך זײַן ברומען, ער ציט זיך פֿויל און נאָך פֿאַרחלומט אויס, און ציט זיך אײַן... וואו־נישט־וואו פֿלאַטערט אין דער בלויער לופֿט אַ ווײַסע פּאָר פֿליגל, שרײַט אויף אַן עוף... און ווײַטער שטיל... שטילע גלאַנצן פֿליִען איבערן ים, גאָלדענע פֿלעקן גליטשן זיך איבערן געלן זאַמד. פֿאַרמאַכט זײַנען די פֿישער־שטיבלעך איבערן ברעג, נאָר איין טיר סקריפּעט, — סאַטיע גייט אַרויס...

ערבֿ יום־כּיפּור איז הײַנט. פֿרום און ערנסט איז זײַן פּנים, שטיל לײַכטן אים די אויגן: ער גייט טון אַ מצווה, כאַפּן פֿיש אויף יום־כּיפּור!

און ער גייט צום שיפֿל צו און נעמט אָן די קייט, מיט וועלכער עס איז געווען צוגעבונדן צום באָרט, די קייט קלינגט, און קולות דערהערן זיך רעכטס און לינקס:

— ניטע, ניטע!

דאָס רופֿן צו אים די שכנים, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ פֿון די קליינע פֿענצטערלעך.

רואיק און שטיל ליגט ווײַט און ברייט אויסגעגאָסן דער ים,

סכום הכּולל (סכום האַקוילעל) — sum total

פֿאָדעם — thread

כּלל ישׂראל (קלאַל ייִסראָעל) — דאָס ייִדישע פֿאָלק.

מיזרח — east

ברומען — to murmur

גלאַנצן — shapes; גלאַנץ — radiance

פֿלעקן — spots

סקריפּען — to creak; דאָ: to open

מצווה (מיצווע) — good deed

קייט — chain

באָרט — shore

קול (קאָל), קולות (קוילעס) — שטים, שטימען.

צוזאַמענגעגאָסן מיטן זוים פֿון פֿריש־מאָרגנדיקן לאַכנדיקן, פֿרייִלעכן הימל... קוים ער אָטעמט, דער ים, קוים ער רונצלט זיך בײַם ברעג, און ווי בײַ אַ גוטער באָבען, טאַנצן ליכטיק־גלאַנצנדיקע שמייכלען צווישן די רונצלען. און עפּעס מורמלט ער, אַ באָבע־מעשׂה דער־ציילט דער ים די צעוואָרפֿענע, מיט לאַנגע וואַסערפֿלאַנצן, ווי מיט האָר באַוואַקסענע שטיקער פֿעלדזן, און ער גלעט זיי איבער די האָר שמייכלענדיק, שפּילנדיק — דער פֿישער אָבער קען בעסער דעם ים, און ער גלייבט אים נישט.

— ניטע...

דער ים וויגט זיך און וועט זיך צעוויגן, און פּלאַצן וועט דער ליכטיקער שפּיגל, און פֿון שפּיל וועט ווערן אַן ערנסט, פֿון שטילן ברומען — געשריי און געפּילדער, און פֿון רונצלען וועלן אויפֿשטיין וואַלן, וואָס וועלן שלינגען שיפֿלעך און שיפֿן, ווי קליינע פֿישלעך דער לויתן...

— ניטע...

און אַ באָרוועסער אַלטער מאַן, מיט אַ פּלאַטערדיקן גרויען קאָפּ אָן אַ היטל, מיט אַן אײַנגעשרומפּט פּנים ווי דער ים, נאָר אָן זײַן פֿאַלשן, זיסן שמייכל, — קומט אַרויס פֿון אַ שטיבל, גייט צו סאַטיען צו און לייגט אים אַרויף די האַנט אויפֿן אַקסל:

זע!

און ער ווײַזט אים אַ קליין שוואַרץ פּינטעלע, וואָס נאָר אַ פֿישער־אויג קאָן דערזען, אויפֿן זוים פֿון הימל.

— פֿון דעם וואַקסט אַרויס אַ וואָלקן...

— כ׳וועל פֿריִער צוריק אין דער היים זײַן, — ענטפֿערט סאַטיע, — איין פֿיש וויל איך נאָר כאַפּן.

און ערנסטער ווערט דאָס פּנים בײַ זײַן אַלטן שכן:

זוים — edge

רונצלען — to wrinkle

גלאַנצנדיקע — shiny

מורמלען — to murmur

פֿעלדז — rock

פּלאַצן — to burst, to break

געפּילדער — howl

וואַלן — waves

לויתן (לעוויאָסן) — לעגענדאַרער ריזיקער פֿיש, Leviathan

— האָסט ווײַב און קינד, סאַטיע!

— און אַ גאָט אין הימל! — ענטפֿערט סאַטיע מיט בטחון: ער גייט זײַן מצווה טון... און ער שטופּט אָפּ דאָס שיפֿל און שפּרינגט אַרײַן...

און לײַכט ווי אַ פֿעדער טראָגט זיך סאַטיעס שיפֿל איבערן ים, און דער ים וויגט עס אַרום, זיס ברומענדיק, אַזוי ליבלעך, און זוימט עס און וויקלט עס אַרום מיט די שענסטע פּערל, וואָס ער פֿאַרמאָגט — און דער אַלטער פֿישער שטייט אויפֿן ברעג און מורמלט:

סאַנטאַ מאַריִאַ, סאַנטאַ מאַריִאַ!

ד.

לײַכט טראָגט זיך סאַטיעס שיפֿל איבערן ים, — געשיקט וואַרפֿט סאַטיע אַראָפּ זײַן נעץ, און שווער און שווערער ווערט די נעץ, און מיט אַלע כּוחות ציט ער זי קוים-קוים אַרויס און געפֿינט אין איר וואַסערפֿלאַנצן, ים-שטערן, — נאָר נישט קיין איינציקן פֿיש...

דער אַלטער פֿישער אויפֿן ברעג האָט דאָס שיפֿל שוין פֿאַר־לוירן פֿון אויג. סאַטיע ציט שוין צום דריטן מאָל און צום פֿערטן מאָל אַרויס די נעץ: נישט לײַכט איז זי אַרויסצוציִען, אַלערליי וואַסערפֿלאַנצן האָבן זיך אין אירע אויגן פֿאַרפֿלאָכטן — נאָר קיין איינציקער פֿיש...

און דער ים וויגט און צעוויגט זיך וואָס אַ מאָל שטאַרקער, און אויפֿן הימל איז שוין אַרויפֿגעשוואומען די זון, נאָר פֿײַכט איז איר גלאַנץ — אַ פֿאַרוויינטע זון; און דאָס שוואַרצע פּינטעלע אין עק הימל האָט זיך אויסגעצויגן הינטערווײַלעכץ הינטער דער זון, ווי אַ ברוינע שלאַנג, און ווערט טונקעלער און טונקעלער, און רוקט זיך צו דער זון...

עס איז שוין האַלבער טאָג, און סאַטיע שווימט און שווימט, פּרואווט און פּרואווט דאָס מזל —

בטחון (ביטאָכן) — האָפֿענונג, confidence

געשיקט — skillfully

פֿאַרפֿלעכטן — to entangle, to interlace

פֿײַכט — דאַ: mist

הינטערווײַלעכץ — backwards

— גאָט, טראַכט ער, וויל נישט, איך זאָל דאָס יאָר מקיים זײַן די מצווה, מען מוז צוריק! און טרויעריק ווערט אים אויפֿן האַרצן: ער האָט געמוזט עפּעס זינדיקן קעגן גאָט, וועלכער באַוויליקט נישט היי־יאָר זײַן קרבן. און ער נעמט דעם רודער פֿעסט אין דער האַנט אַרײַן און וויל שוין אויסדרייען דאָס שיפֿל צוריק. נאָר אין דער זעלביקער רגע באַקומט ער אַ שפּריץ אין פּנים אַרײַן, און ער דרייט זיך אום און דערזעט, ווי אַ גרויסער גאָלדענער פֿיש וואַרפֿט זיך שפּילנדיק איבערן ים און שפּריצט מיטן ווײדל איבערן וואַסער.

ע! דעם פֿיש מוז ער כאַפּן, דעם פֿיש האָט אים גאָט באַשערט, גאָט, וואָס האָט זײַן עגמת־נפֿש געזען, זײַן בענקען מקיים צו זײַן די מצווה. און ער דרייט זיך צוריק אום און יאָגט נאָך דעם פֿיש...

און דער ים איז שוין צעוויגט, כוואַליעס הייבן זיך העכער און העכער... אַ האַלבע זון איז שוין מיט אַ וואָלקן באַדעקט, בונטן ווײַסע שטראַלן רײַסן זיך קווער אַפּער פֿון הינטערן וואָלקן, און דער פֿיש שווימט איבער די פּלייצעס פֿון די כוואַליעס, און סאַטיעס שיפֿל נאָך, נאָך... און פֿאַרשוואונדן ווערט פּלוצלונג דער פֿיש, צווישן אים און סאַטיעס שיפֿל הייבט זיך אויף אַ וואַל, אויפֿגעבלאָזן, אויפֿגעיאָגט פֿון ווינט.

— עס נאַרט מיך, עס בלענדט מיר די אויגן! — טראַכט סאַטיע און וויל ווײַטער אויסדרייען דאָס שיפֿל און שווימען צוריק.

מקיים (מעקאיעם) זײַן — to fulfill
באַוויליקט נישט — נעמט ניט אָן.
קרבן (קאָרבן) — offering
שפּריץ — splash
ווײדל — tail
באַשערן — דאָ: שיקן.
עגמת־נפֿש (אַגמאַס נעפֿעש) — האַרצווייטאָג.
בענקען — to long, to yearn
בונטן — clusters
קווער — obliquely
אַפּער — דורך, אַרוים.
כוואַליע — wave
בלענדן — to dazzle

אין דער זעלביקער רגע לייגט זיך אָבער די כוואַליע, ווי זי וואָלט מיט אַ מאָל איַינגעזונקען געוואָרן; כמעט צום שיפֿל צו שווימט צו דער פֿיש און קוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן, גלײַך ער בעט זיך: נעם מיך... זײַ מקיים מיט מיר די מצווה...

דרייט סאַטיע צוריק אוים, — פֿאַרלוירן ווערט דער פֿיש! אַ נײַע כוואַליע שווימט אויף צווישן אים און דעם שיפֿל, און עס הייבט זיך ווידער אָן דער ירגזון פֿון ים! נישט קיין ליבלעך לידל זינגט ער, דער ים. ער כעסט זיך: אַ העזה, אַצינד אויף אים צו שווימען! אויף זײַנע כוואַליעס צו טרעטן! און גלײַך זי וואָלט זיך פֿאַרן ים דערשראָקן, באַהאַלט זיך הינטערן וואָלקן די זון... אויף דעם, זעט אוים, האָט נאָר געוואַרט דער ווינט! ער איז באַפֿרײַט געוואָרן און צעיאָגט זיך מיט אָן אויסגעלאַסענעם צאָרן און ער שמײַסט און פּאַטשט ווי מיט ריטער, און רייצט נאָך מער אויף דעם ים, און דער ים ברויזט און קנאַקט, גלײַך טויזנטער באַסן שפּילן אין זײַנע געדערעם, קעסל־פּויקן — אין זײַנע כוואַליעס.

— אַהיים, אַהיים! — קלאַפּט בײַ סאַטיען דאָס האַרץ, און ער נעמט צוזאַמען די נעצן אין שיפֿל אַרײַן, און כאַפּט שטאַרקער אָן דעם רודער און אַרבעט מיט אַלע קרעפֿטן. די אָדערן אין דער האַנט ווילן פּלאַצן. ווי אַ הוילע נוס וואַרפֿט זיך דאָס שיפֿל אויף און אָפּ איבער די כוואַליעס, פֿאַרשוואַרצט איז דער הימל, ברוין־צאָרנדיק דער צעבראָכענער ים — און ער אַרבעט אַלץ — אַהיים, אַהיים...

ירגזון (יִרגאָזן) — כּעס, rage, angry mood

העזה (האָזע) — חוצפּה, insolence

אויסגעלאַסענער צאָרן — ניט־איַינגעהאַלטענער כּעס (anger)

רוט, ריטער — rod (s)

רייצן — to infuriate

ברויזן — to roar

באַסן — bass-viols

געדערעם — insides

קעסל־פּויקן — kettle drums

אָדער, אָדערן — vein (s)

הוילע — hollow

צעבראָכענער — דאָ: shattered

ח.

פלוצלונג דערזעט ער, עפּעס שווימט צו אים צו פֿון דער זײַט — אַ מענטשלעכער קערפּער שווימט, אַ דערטרונקענער — אַ פֿרוי איז עס — פֿאַר איר שווימען די האָר, שוואַרצע האָר — זײַן ווײַב האָט אַזוינע האָר... פֿון אונטער די האָר באַווײַזן זיך ווײַסע הענט — זײַן ווײַב האָט אַזוינע הענט... און אַ קול רופֿט: ראַטעוועט! זײַן ווײַבס קול... די מוטער פֿון זײַנע קינדער... זי האָט אים געמוזט נאָכשווימען אויפֿן צווייטן שיפֿל, זי טרענקט זיך, זי רופֿט נאָך זײַן הילף...

און ער דרייט דאָס שיפֿל אוים רעכטס און וויל צו צום קערפּער, — דער ים לאָזט נישט! כוואַליעס הייבן זיך אין דער מיט, דער שטורעם רײַסט און וואָיעט — נאָר אין דעם שטורעם הערט ער איר קול: העלף! העלף, סאַטיע, העלף!..

און ער שטרענגט אָן די לעצטע קרעפֿטן צוצושווימען, און אָט איז ער שוין נישט ווײַט פֿון ווײַסן פֿלעק; די האָר זעט ער שוין נישט, נאָר דאָס שווימענדיקע, זינקענדיקע קלייד... מיטן רודער צו דערלאַנגען... נאָר אין דער מיט, צווישן אים און זײַן ווײַב, הייבט זיך אויף אַ וואַל, שטויסט זי אָפּ אין איין זײַט, דאָס שיפֿל — אין דער צווייטער — — —

— אַ פֿאַרבלענדעניש! — טראַכט ער, זיך דערמאָנענדיק, אַז דאָס זעלביקע האָט ער געהאַט מיטן גאָלדענעם פֿיש; און נישט ווילנדיק וואַרפֿט ער איין אויג צום ברעג. ער זעט ווי עס לײַכט זיך שוין אין די פֿישער-הײַזלעך די פֿענצטער!

— יום-כּיפּור! — דערמאָנט ער זיך, און לאָזט פֿלוצלונג אַרויס דעם רודער פֿון דער האַנט.

— טו מיט מיר, — שרײַט ער צום הימל אַרויף, — וואָס דו ווילסט, יום-כּיפּור רודער איך נישט!..

און דער ווינט רײַסט, די כוואַליעס וואַרפֿן דאָס שיפֿל; און סאַטיע, ווי ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם רודער פֿון דער האַנט, אַזוי זיצט ער רואיק און קוקט מיט אָפֿענע אויגן אַ מאָל צום פֿאַרשלאָסענעם הימל אַרויף, אַ מאָל צום קאָכעדיק-שוימענדיקן ים אַראָפּ.

טרענקען זיך — to drown
וואָיען — to howl
פֿאַרבלענדעניש — mirage
שוימענדיק — foaming

— טו מיט מיר, גאָט, וואָס דו ווילסט! זאָל דײַן רצון גע־שען...

פלוצלונג דערמאָנט ער זיך אַ ניגון פֿון כּאָר, אונטערגעהאַלטן פֿון אָרגל, און ער הייבט אָן נאָכצוזינגען דעם ניגון. די דאָזיקע שטומע נשמה האָט נאָר דאָס איינציקע לשון צו רעדן מיט גאָט — און ער זינגט. דער הימל ווערט שוואַרצער און שוואַרצער. די כוואַליעס הייבן זיך העכער און העכער, שאַרפֿער נאָך בלאָזט דער ווינט... דאָס שיפֿל וואַרפֿט זיך באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, איין כוואַ־ליע וואַרפֿט עס צו דער צווייטער ... איינע רײַסט אים אַרויס, שלײַדערט אים אַוועק דעם רודער, אַ צווייטע קומט אָן פֿון הינטן און יאָגט זיך נאָכן שיפֿל מיט אַן אָפֿן מויל... דער ווינט רײַסט ווי טויזנטער וועלף — און אין דעם גערודער אַרײַן זינגט סאַטיע דעם ניגון, ווי דער כּאָר, אונטערגעהאַלטן פֿון אָרגל...

די כוואַליע שלאָגט אין שיפֿל אַרײַן. סאַטיע וויל שטאַרבן זינ־גענדיק, נאָר דאָס שיפֿל קערט זיך איבער... אָבער סאַטיען איז נאָך דער טויט נישט באַשערט...

צוויי ווײַסע געשטאַלטן, ווי פֿון נעפּל געוועבטע, גייען, האַלטנ־דיק זיך בײַ די הענט, באָרוועס, מיט צעפֿלאָסענע האָר און לײַכטנ־דיקע אויגן, איבערן ים, און ווי סאַטיע דרייט זיך איבער מיטן שיפֿל, קומען זיי צו, הייבן אים אויף, נעמען אים צווישן זיך, און גייען מיט אים אונטער די אָרעמס, און טרעטן מיט אים איבער די כוואַליעס, ווי איבער בייטן און בערגלעך, און פֿירן אים אַזוי גע־

רצון (ראָצן) — ווילן.
גע־שען — prevail
ניגון (ניגן) — melody
שטומע נשמה (נעשאָמע) — silent soul
לשון (לאָשן) — שפּראַך.
שלײַדערן — וואַרפֿן.
גערודער — commotion
געשטאַלט — figure
נעפּל — mist
געוועבטע — woven
באָרוועס — barefoot
צעפֿלאָסענע — unfurled
בייטן — garden-rows

אָרעמט צווישן ווינט און געטומל. ער קוקט און וויל רעדן, עפּעס פּרעגן וויל ער — נאָר זיי זאָגן אים:

— זינג בעסער, סאַטיע, זינג! דײַן געזאַנג וועט גובֿר זײַן דעם צאָרן פֿון ים...

זיי גייען מיט אים און סאַטיע הערט, ווי דאָס שיפֿל זײַנס גייט אים נאָך... ער דרייט זיך אום — דאָס שיפֿל מיט דער נעץ, און אין דער נעץ איז פֿאַרוויקלט דער גאָלדענער פֿיש...

און אַז זיי האָבן אים צוגעפֿירט צום ברעג און געלאָזט אים אַהיים, האָט ער געטראָפֿן בײַ זיך דעם שוחט מיט דער שוחטקע...

אין שטאָט איז אַ שׂרפֿה געווען, זײַנען זיי געקומען צו אים צו גאַסט...

האָט מען געקוילעט דעם פֿיש, און — מינהג איז געבליבן מינהג...

דער באַס

א.

אין טאָמאַשאָוו — אַ קליין פּויליש שטעטל — האָט זיך אַמאָל, אין אַ שיינעם העלן טאָג, באַוויזן אַ בחור, אַן אָרעמער בחור, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט, פֿון וואַנען ער איז געקומען, וואו ער טאָגט און וואו ער נעכטיקט און וואָס פֿלעגט זיך פֿון צײַט צו צײַט באַווײַזן און בעטן עסן.

מילא — ווער עס שטעלט אוים אַ האַנט, דעם גיט מען, בפֿרט אַז דער בחור נעמט נישט, נישט קיין פּרוטות, נישט קיין מאַכלים,

---

tumult — געטומל

גובֿר (גויווער) זײַן, באַזיגן, to overcome

to entangle — פֿאַרוויקלען

שׂרפֿה (סריי‌פֿע) — פֿײַער.

bass viol — באַס

well — (מיילע) מילא

especially — (ביפֿראַט) בפֿרט

coins — (פּרוטעס) פּרוטות

dishes ,שפּײַז — (מאַכאָלים) מאַכלים

נאָר אַ שטיקל ברויט — פֿרעגט מען נישט, ווער און וואָס; עסן קומט יעדער לעבעדיקער נשמה. באַמערקט מען אָבער, אַז עס איז אַ משונהדיקער בחור. אויגן האָט ער, וואָס קוקן, דאַכט זיך, ווײַט־ווײַט, און וואָס אין די ד׳ אַמות טוט זיך, זעען זיי נישט; און מיט די לעפּלעך פֿון די אויערן רירט ער שטענדיק ווי אַנדערע מיט די ברעמען איבער די אויגן, גלײַך ער וואָלט שטענדיק געכאַפּט קולות פֿון דער לופֿט, כאָטש עס איז שטיל. און דעריבער, ווײַל ער זעט, מכּלומרשט, אַזוי ווײַט און הערט אַזוי ווײַט, איז ער שטענדיק פֿאַרחושט, אַז מען גיט צו אים אַ רעד, ווערט ער פֿאַרציטערט, גלײַך מען וואָלט אים געוועקט פֿון יענער וועלט, און אַז ער ענטפֿערט, ענטפֿערט ער אָדער „יאָ" צי „ניין". אַנישט — פֿאַרפּלאָנטערט ער זיך אין די אייגענע רייד, ווי אין אַ נעץ; עס קומט אים דער שוויים אויפֿן שטערן אַרויס און ער קאָן זיך נישט אַרויסאַרבעטן...

און פֿלעגט אַ מאָל אַ באַלעבאָס, צי אַ באַלעבאָסטע וועלן זיך באַנוצן מיטן בחור און שיקן אים אַ גאַנג, פֿלעגט דער בחור פֿאַרלוירן ווערן אויף עטלעכע טעג און קומען צוריק מיט אַ תּשובֿה קאַפּויער, נישט געפֿלויגן, נישט געשטויגן. און נישט, חלילה, פֿאַר פֿוילקייט, נאָר פֿאַר פֿאַרחושטקייט.

— האָסטו געטראָפֿן דעם און דעם? (צו וועלכן מען האָט אים געשיקט).

— ערשט הײַנט.

— און ביז אַהער?

ווײַזט זיך אַרויס, אַז ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אין שליחות,

---

משונהדיקער — queer, peculiar

ד׳ אַמות (דאַלעד אַמעס) גלײַך אַרום אים.

לעפּלעך — lobes

ברעם, ברעמען — eye-brows

מכּלומרשט (מעקלוימערשט) — apparently, as though

פֿאַרחושט — פֿאַרטראַכט, פֿאַרטיפֿט אין געדאַנקען.

פֿאַרפּלאָנטערן זיך — to get tangled up

אַרויסאַרבעטן — make any headway

גאַנג — errand

תּשובֿה (טשוווע) — ענטפֿער.

נישט געפֿלויגן, נישט געשטויגן — אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך.

שליחות (שליכעס) — errand, message

האָט ער אויפֿן וועג געטראָפֿן אַ מײַזל, האָט דאָס מײַזל געפּישטשעט, עס האָט אַוודאי נישט געקאָנט טרעפֿן אַהיים... דערנאָך האָט מען אים צוגערופֿן פֿון דער הייך, עפּעס אַ פֿויגל, — איז ער נאָכגעלאָפֿן, וכדומה, און ער איז ערשט הײַנט געקומען, וואו מען דאַרף; און מען האָט אים געזאָגט — און דאָס, וואָס מען האָט אים געזאָגט — אָדער ער האָט פֿאַרגעסן, אָדער באַלד נישט פֿאַרשטאַנען. אַזוי קומט אַלץ אַרויס קאַפּויער, און ער שמייכלט בתמימות, און שטעקט אויס די דאַרע האַנט נאָך אַ שטיקל ברויט — ער האָט איבער דער גאַנ־צער צײַט אין מויל נישט געהאַט.

ב.

אין אַן אָרעם שטעטל אָן עסקים, זומערצײַט, גרויסע ליידיקע טעג, זיצן באַלעבאַטים בײַ די פֿענצטער און גענעצן, און קוקן אַרויס אין מאַרק אַרײַן, עס זאָל זיך עפּעס באַווײַזן, עס זאָל זײַן אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן. שטייט אַזוי אַ באַלעבאָס בײַ זײַן פֿענצטער, דערזעט ער דעם פֿרעמדן אָרעמען בחור, רופֿט ער אים צו.

— קום נאָר, בחור, אין שטוב אַרײַן.

שאָקלט דער אָרעמער בחור מיטן קאָפּ אין דער ברייט; ער וויל נישט.

— פֿאַרוואָס?

— אַזוי! — זאָגט ער.

לאַכט דער באַלעבאָס און פֿוילט זיך נישט, און גייט אַרויס צום בחור פֿאַר דער טיר און זעצט זיך אויף דער שוועל, און הייבט אָן:

— ווי הייסטו, בחור?

— ווי איך הייס? — חזרט דער בחור איבער, — אַבֿרהם! דאַכט זיך מיר אַבֿרהם; יאָ — אַבֿרהם!

דו ווייסט נישט אויף זיכער?

ער איז קיין מאָל נישט זיכער. ווי קאָן מען זײַן זיכער? עס דאַכט זיך דאָך אַזוי פֿיל.

וכדומה (ווייכדוימע) — און אַזוי ווײַטער, און דאָס גלײַכן.

בתמימות (בעטמימעס) — אומשולדיק, naive

עסק (אייסעק), **עסקים** (אייסאָקים) — business

גענעצן — to yawn

חזרט (כאַזערט) **איבער** — זאָגט איבער.

קײַכט דער באַלעבאָס.

— און אויפֿן צונאָמען?

פֿון דעם ווייסט שוין דער בחור גאָרנישט. און ער פֿרעגט איבער בתּמימות, צי מען דאַרף אַ צונאָמען.

זאָגט דער באַלעבאָס:

— אַוודאי, עס קאָן זײַן אַ סך אַבֿרהמס, קאָנען זיי זיך אויסמישן...

— נו, וואָס איז?

— און וועמענס ביסטו, בחור?

— דעם טאַטנס.

— און ווי הייסט דער טאַטע?

— טאַטע הייסט ער.

— און וואו וואוינט דײַן טאַטע?

— דאָ, וואו דײַן טאַטע וואוינט! — און דער בחור הייבט אויף אַ פֿינגער און ווײַזט אין דער הייך אַרויף צום הימל.

— אַ שיינע פּרי! — שמייכלט דער באַלעבאָס, און פֿרעגט ווײַטער:

— און קיין אַנדער טאַטן האָסטו נישט?

— ניין!

— און אַ מאַמען?

— מען דאַרף דען?

קײַקלט זיך דער באַלעבאָס פֿאַר געלעכטער, און דער בחור פֿרעגט:

— מעג איך שוין גיין?

— באַלד, באַלד! — ענטפֿערט דער באַלעבאָס, וואָס שמעלצט זיך פֿאַר נחת, — פֿון וואַנען קומסטו, חכם איינער?

— פֿון דאָרף!

— ווי הייסט דאָס דאָרף? וואו ליגט עס?

קײַכן — שטאַרק לאַכן, to choke with laughter

צונאָמען — צווייטער נאָמען.

פּרי (פּײרע) — פּרוכט; **אַ שיינע פּרי** — what a simpleton

קײַקלען זיך —to roll; **קײַקלען זיך פֿאַר געלעכטער** — לאַכן הויך מיטן גאַנצן קערפּער.

שמעלצט זיך פֿאַר נחת (נאַכעס) —brimming over with merriment

חכם (כאָכעם) **איינער** — smart fellow

דאָס ווייסט ער נישט, דער בחור.
— ווײַט פֿון דאַנען?
ער איז געגאַנגען און געגאַנגען, און געגאַנגען...
און דער בחור חזרט אַזוי פֿיל מאָל איבער דאָס וואָרט „געגאַנ־געגען", ביז די ליפּן ווערן אים מיד, און ענדיקט: און נאָך געגאַנגען!
— וויפֿל טעג און וויפֿל נעכט?
ער האָט נישט געציילט.
פֿאַלט אײַן דעם באַלעבאָס צו פֿרעגן:
— און דאַוונען קאָנסטו?
דאַוונען? מוז אים דער באַלעבאָס פֿאַרטײַטשן, וואָס מען מיינט „דאַוונען" און נאָך נײַן מאָס פֿון באַלעבאַטישע רייד שטויסט זיך דער בחור, אַז ער מיינט: שמועסן מיטן טאַטן.
— יאָ, יאָ! — זאָגט דער באַלעבאָס, און עס דאַכט זיך אים, אַז די געדערעם דרייען זיך אים אום פֿאַר געלעכטער.
ער קאָן „שמע ישׂראל".
— ווער האָט דיך געלערנט?
דערציילט דער בחור, אַז גייענדיק פֿון דאָרף דורכן וואַלד אין שטאָט אַרײַן, האָט אים געטראָפֿן זייער אַן אַלטער מאַן. האָט אים דער אַלטער מאַן געזאָגט, ווער זײַן טאַטע איז. און האָט אים אויסגעלערנט רעדן מיטן טאַטן, זאָגן „שמע ישׂראל". און כאָטש ער פֿאַרשטייט נישט, וואָס ער רעדט צום טאַטן, זאָגט אָבער דער אַלטער, אַז דער טאַטע פֿאַרשטייט און האָט הנאה דערפֿון.
— און ווען רעדסטו מיטן טאַטן?
— צוויי מאָל אין טאָג.
און דערבײַ שפּילט ער.
— דו שפּילסט? אויף וואָס?
— אויף וואָס עס איז.

פֿאַלט אײַן — קומט אויפֿן געדאַנק.
פֿאַרטײַטשן — געבן צו פֿאַרשטיין.
נאָך נײַן מאָס רייד — after a deluge of speech
שטויסט זיך — נעמט ער פֿאַרשטיין.
געדערעם — insides
שמע ישׂראל (שמאַ יִסראָעל) — די ערשטע ווערטער פֿון דעם אויס־רוף: שמע ישׂראל יהוה אלהינו יהוה אחד — הער ישׂראל גאָט איז אונדזער גאָט, גאָט איז איינער.
הנאה (האַנאָע) — פֿרייד.

אין דאָרף פֿלעגט ער שפּילן אויף גרעזלעך; דערנאָך האָט מען אים אויסגעלערנט מאַכן אַ הילצערן פֿײַפֿערל, האָט ער געשפּילט אויפֿן הילצערנעם פֿײַפֿערל . . . און שטאָט האָט מען אים געשענקט אַ ליימען פֿײַפֿערל, שפּילט ער דערויף...

— און מען זאָל דיר, למשל, געבן אַ פֿידל?

פֿלאַמען אויף דעם בחורס אויגן: אײַ, וואָלט ער געוואָלט אַ פֿידל, ווי די שטאָטישע קאַפּעליע האָט. בפֿרט אַזאַ גרויסע, גרויסע כּלי, וואָס מען טראָגט אויף אַ רימען... אײַ, וואָלט ער געשפּילט — — —

— נאַר, — טרײַבט ווײַטער קאַטאָוועס דער באַלעבאָס, — אפֿשר וועט מען דיר קויפֿן אַזאַ כּלי; ווײַז נאָר פֿריִער, וואָס דו קאָנסט!

נעמט דער בחור אַרויס פֿון בוזעם אַ ליימען פֿײַפֿערל און פֿײַפֿט.

ווי ער פֿײַפֿט ווערט אַ גערודער אונטערן הימל, עס קומען זיך צו לויפֿן מחנות פֿייגל און פֿליִען אַרום אין דער הייך, און דער בחור קוקט אַרויף צו זיי און שמייכלט און באַהאַלט צוריק דאָס פֿײַפֿערל.

דער באַלעבאָס האָט אָבער דעם קאָפּ נישט אויפֿגעהויבן און דאָס אַלץ נישט געזען. צום קול פֿון פֿײַפֿערל איז אַרויס פֿון שטוב די באַלעבאָסטע. הינטער איר — די דינסט. צום פֿענצטער זײַנען

ליים — clay

למשל (לעמאָשל) — for instance, suppose

פֿידל — violin

פֿלאַמען אויף — light up

קאַפּעליע — orchestra

כּלי (קיילע) — instrument

רימען — strap

טרײַבן קאַטאָוועס — שפּאַסן, to make fun

בוזעם — bosom

גערודער — טומל, commotion,

מחנות (מאַכנעס) — flocks

צוגעקומען צוויי פּאַרפֿאַלק און קוקן אַרוים. וויל דער באַלעבאָס ווייַזן זייַן חריפֿות — און פֿאָרשט ווייַטער דעם בחור:

— און פֿון וואָס האָסטו געלעבט אין וואַלד?

פֿון שוואָמען האָט ער געלעבט.

— און פֿריִער, אין דאָרף?

פֿון וואָס מען האָט אים געגעבן.

— ווער האָט דיר געגעבן?

אַ פּויער, אַ פּויערטע, אַפֿילו דער גלח און דער קרעטשמער...

— און וואָס האָט מען דיר געגעבן?

און דער באַלעבאָס האַלט איין דעם אָטעם; דאָ דאַרף אַרוים די נאָל פֿון זאַק.

און דער בחור ענטפֿערט בתמימות, אַז מען האָט אים געגעבן, אי קרויט, אי באָרשטש, אי פֿלייש, אי ברויט — נאָר געגעסן האָט ער נאָר ברויט, — אַנדערע עסנוואַרג האָט ער גענומען און געוואָרפֿן די פֿייגל.

— און פֿאַרוואָס — נאָר ברויט?

ער האָט ליב נאָר ברויט; אַנדערע מאכלים האָט ער פֿייַנט.

וואָס ער עסט, האָט אים געפֿרעגט דער אַלטער אין וואַלד אויך. און אַז ער האָט אים פֿאַרציילט, אַז ער עסט נישט מער ווי ברויט, האָט דער אַלטער געזאָגט, אַז ער האָט אים ליב דערפֿאַר; און האָט אים דערפֿאַר אויסגעלערנט רעדן מיטן טאַטן, — און דעם אַלטן האָט ער אַזוי ליב... און זאָגן זאָגט ער אַזוי ערנסט „שמע ישׂראל", ווייַל דער אַלטער האָט אים געהייסן...

לאָזט אים נאָך דער באַלעבאָס נישט אָפּ און פֿרעגט:

— און ווען דער אַלטער זאָל דיר הייסן גנבֿענען?

וואָלט ער געגנבֿעט.

— און גזלנען?

וואָלט ער געגזלט...

חריפֿות (כאַריפֿעס) — שאַרפֿקייט, ingenuity, proficiency

פֿאָרשן — to interrogate

שוואָמען — mushrooms

גלח (גאַלעך) — priest

קרעטשמער — inn-keeper

די נאָל (awl) וועט אַרוים פֿון זאַק — דאָס זעלבע, ווי: די קאַץ וועט אַרוים פֿון זאַק; עס וועט אַרויסקומען דער אמת.

נאָר ער וועט נישט הייסן, ער איז אַ גוטער, דער אַלטער.
— אָבער פאָרט, ווען ער קומט און הייסט דיר הרגענען אַ מענטשן?
וואָלט ער געהרגעט.
— און וואָלטסט נישט קיין מורא געהאַט פאַרן טאַטן?
פאַרוואָס זאָל ער מורא האָבן?
פאַר זײַן שטראָף.
דאָס ערשטע מאָל האָט זיך דעם בחורס פּנים צעשמייכלט:
— איר מאַכט חוזק; אַ טאַטע שטראָפט נישט!
דערווײַל האָט מען געקלאַפּט אין שול צו מינחה, איז דער באַלעבאָס געלאָפן אין בית המדרש אַרײַן, דערציילן צווישן מינחה ומעריב, ווי קלוג ער האָט אויסגעפרעגט דעם בחור...

ג.

עס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען פאַרן שטעטל אַן עסק, ווען נישט, וואָס עס האָט זיך געמאַכט אַן אַנדער מעשה.
די קהילה האָט געהאַט אַ קאַפּעליע: צוויי פידל, אַ פלייט, אַ קלאַרנעט, אַ „באַמציקצאַק" אָדער אַ „קלאַפּטעלער", ווי מען רופט דאָס אין אַנדערע מקומות. און, ווי דער שטייגער איז, — אַ באַס. אַן אָרעמע קאַפּעליע, שפּילט אויף יידישע פאַרשפּילן און חתונות, מאַכט אַ פּאָר גראָשן פּורים און חנוכּה. און טייל מאָל, אַז אַנדערע קאַפּעליעס זײַנען פאַרנומען, נעמט מען זיי צו קלענערע

פאָרט — דאָך.
מורא (מוירע) **האָבן** — זיך שרעקן.
חוזק (כויזעק) **מאַכן** — שפּאַסן, to make fun
מינחה (מינכע) — דאָס צווייטע מאָל דאַוונען אין פאַרלויף פון טאָג, נאָך מיטאָג, אָדער פאַרנאַכט.
מעריב (מײַרעוו) — דאָס דריטע מאָל דאַוונען אין פאַרלויף פון טאָג, ווען עס איז שוין אָוונט.
קהל (קהאָל), **קהילה** (קעהילע) — Jewish community
באַמציקצאַק — צימבל, cymbal
מקומות (מעקוימעס) — געגנטן, ערטער.
ווי דער שטייגער איז — as is customary
פאַרשפּילן — שבת נאָכט פאַר דער חתונה.
חתונות (כאַסענעס) — weddings

פּריצים אויף אַ באַל. קיין חריפֿות אין שפּילן האָט די קאַפּעליע נישט באַוויזן.

מאַכט זיך אַ מעשׂה: ווינטערצײַט, די קאַפּעליע גייט פֿאַרטאָג צוריק פֿון אַ קליינעם פּריצישן באַל. אַ קאַפּ האָט מען געגומען, עסן ווי עס באַדאַרף צו זײַן, האָט מען נישט געטאָרט, קוים פֿאַר־ביסן מיט אַ בראָקן ברויט, — גייט דער עולם צעוואָרפֿן, האַלב זינ־גענדיק, ברומענדיק, שילטנדיק, און דער באַס, וואָס טראָגט די שווערסטע כּלי, שלעפּט זיך נאָך פֿון הינטן. קוים, קוים וואָס ער ציט אויס־און־אײַן די פּיס פֿון שניי — אַן אַלטער מאַן געוועזן און אַ שוואַכער. רופֿט ער און שרײַט, און בעט זיך, מען זאָל נישט אַנט־לויפֿן פֿון אים, הערט מען אים ווי דעם רבֿ; דער עולם גייט צע־וואָרפֿן.

דערווײַל בײַט זיך דאָס וועטער; עס גיט אַ יאָג אַן אַ פֿרי־שער שניי. מאַכט דער עולם פּיס; ווערט מען אַ ביסל אויסגע־ניכטערט און מען לויפֿט. קומט מען אין שטאָט אַרײַן, כאַפּט זיך יעדערער צו זײַן הײַזל. פֿאַלט יעדער איינער אויף זײַן בעט — שלאָפֿן שלאָפֿט מען אָבער נישט לאַנג: דער באַס איז נישט אַהיים געקומען, און דאָס ווײַב זײַנס לויפֿט אַרום צו די קלעזמער מיט אַ גוואַלד, רײַסט זיי פֿון די בעטן אַרויס: וואו איז מײַן מאַן? וואו איז מײַן מאַן?

קומען צו זיך די פֿאַרשיכּורטע פֿון בראָנפֿן און פֿון שלאָף און פֿאַרשטייען, וואָס מען רעדט צו זיי. כאַפּט זיי אָן אַ שוידער. כאַפּט מען און מען לויפֿט אַרויס זוכן דעם באַס; קיין וועג, קיין

פּריץ (פּאָריץ), פּריצים — nobleman
קאַפּ — drop
בראָקן — שטיקל, ברעקל.
עולם (אוילאָם) — crowd
ברומען — to grumble
שילטן — to curse
הערט מען אים ווי דעם רבֿ (ראָוו) — מען הערט זיך נישט צו צו אים.
מאַכט דער עולם (אוילאָם) פּיס — גייט דער עולם גיך.
אויסניכטערן — to sober up
קלעזמער — musicians
פֿאַרשיכּורטע — slightly drunk
בראָנפֿן — whisky, brandy
שוידער — shudder

שטעג, — ווײַס, פֿריש אָנגעפֿאַלענער אומשולדיקער שניי, גיי ווײַס וואו דער באָס ליגט — — —

קומט מען צוריק מיט גאָרנישט. איין האָפֿענונג איז נאָך, אפֿשר האָט ער, דער באָס, שׂכל געהאַט און אַראָפּגעכאַפּט זיך אין דערפֿל אַרײַן.

ד.

עס גייט אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג, דער פֿראָסט האָט שוין געלאָזט, דער שניי איז האַלב צעגאַנגען; עס איז פֿרײַטיק, דער עולם גייט לכּבֿוד שבת אין באָד אַרײַן, מען פֿרעגט זיך נאָך אויפֿן באָס און קיינער ווייסט קיין נײַעס נישט. פּלוצלונג קומט אָן צו פֿאָרן און שטעלט זיך אָפּ אין מיטן מאַרק אַ פּויערישע פֿור מיטן פֿאַר־פֿרוירענעם, מיטן באָס . . . מען האָט געכאַפּט דעם בר־מינן און געשווינד קובֿר געווען פֿאַר ליכט־בענטשן... מען איז שיר־נישט אַרײַנגעפֿאָרן אין שבת אַרײַן... צו מאָרגנס לאָזט די אַלמנה נישט אויסנעמען — פֿינף קליינע ווערעם האָט ער איבערגעלאָזט, דער באָס. מוצאי שבת איז אַן אַסיפֿה, מען רופֿט די קלעזמער, קהל וויל, אַז די קלעזמער זאָלן זיך באַגיין אָן אַ באָס און צאָלן דער אַלמנה;

שטעג — path

שׂכל (סייכל) — דאָ: sense

אַראָפּכאַפּן זיך — אַוועק אין אַ זײַט.

לכּבֿוד (לעקאָוועד) — in honor; דאָ: in preparation

באָד — public bath

פֿור — cart

בר־מינן (באַרמענען) — טויטער, טויטער קערפּער.

קובֿר (קויווער) **זײַן** — באַגראָבן, to bury

אַרײַנפֿאָרן אין שבת אַרײַן — פֿאַרענדיקן אַן אַרבעט שוין נאָך דעם ווי שבת האָט זיך אָנגעהויבן.

אַלמנה (אַלמאָנע) — widow

אויסנעמען — לאָזט ניט אויסנעמען; לאָזט ניט לייענען די תּורה אין שול.

ווערעם — דאָ: קליינע קינדער, tots

מוצאי (מאָצע) **שבת** — שבת אָונט.

אַסיפֿה (אַסיפֿע) — פֿאַרזאַמלונג.

די קלעזמער טענהן: די קאַפּעליע איז א באַס איז קיין קאַפּעליע נישט, — אויף ייִדישע שימחות וואָלט מען זיך אפֿשר באַגאַנגען, נאָר אַ פּריץ וועט אָן אַ באַס נישט אויסשטעלן קיין פֿום צום טאַנצן . . . טענהט דער רבֿ, אַז מקיים זײַן אַ נפֿש מישׂראל איז מער ווערט ווי אַ קאַפּעליע מיט אַ פּריצישן טאַנץ . . .

גיט דערווײַל דער באַלעבאָס, וואָס האָט אַזוי קלוג אויסגעפֿרעגט דעם בחור, אַ קלאַפּ אין טיש אַרײַן:

— שאַט, רבותים!

ער האָט אַן עצה: ער האָט אַ בחור, וואָס גלוסט צו אַ באַס און קאָן אוודאי שפּילן... זאָל מען דעם בחור חתונה מאַכן מיט דער אַלמנה, וועט זײַן אי דער וואָלף זאַט, אי די ציג גאַנץ, און קהל וועט אַ דרײַער נישט קאָסטן...

ער האָט אפֿשר געמיינט אויף קאַטאָוועס, נאָר קהל און רבֿ פֿון איין זײַט און די קלעזמער פֿון דער צווייטער זײַט האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער עצה, ווי אַ טרינקנדיקער אָן אַ ברעט; די אַלמנה האָט אויך באַשטאַנען; אַבֿרהמל בחור אויך, און מען האָט נאָך דעם זעלביקן חודש געשטעלט אַ חופּה...

און אומגעריכט האָט אַבֿרהמל בחור באַקומען אַ ווײַב מיט פֿינף קינדער מיט אַ מאָל, און אַ באַס מיט אַ סמיטשיק.

מיטן ווײַב לעבט ער בשלום: ער קומט נישט אין שטוב אַרײַן; נעכטיקט פֿאַר דער טיר; דרייט זיך גאַנצע טעג ערגעץ אַרום,

---

טענהן (טײַנען) — to argue

מקיים (מעקאיעם) **זײַן אַ נפֿש** (נעפֿעש) **מישׂראל** (מיי־יִסראָעל) — אויפֿהאַלטן אַ ייִדיש לעבן.

רבותים (ראַבויסים) — gentlemen

עצה (אייצע) — advice

גלוסטן — to crave

חתונה (כאַסענע) **מאַכן** — to marry

אי דער וואָלף (איז) זאַט אי די ציג (איז) גאַנץ — גלײַך צו דעם ענגלישן: to kill two birds with one stone

אַ דרײַער — a small coin

קאַטאָוועס — שפּאַס, jest

באַשטאַנען — צוגעשטימט, agreed

אומגעריכט — unexpectedly

סמיטשיק, סמיק — bow

אויסער, אַז עס מאַכט זיך אַ שׂימחה אין שטעטל אָדער אַ באַל ביַי אַ פּריץ און ער שפּילט. ווערט ער הונגעריק, קלאַפּט ער אָן צום וויַיב אין פֿענצטער, דערלאַנגט זי אים אַרויס אַ שטיק ברויט, ווערט ער דערמיט נעלם ביז ער ווערט וויַיטער הונגעריק... שכנות פֿרעגן די באַסיכע וועגן שלום־בית, לאַכט זי: עס איז איר וואויל ווי די וועלט! וואָס דאַרף אַן אַלטע ייִדענע? ער עסט נישט און טרינקט נישט, זאָגט איר נישט אַ שלעכט וואָרט; חשבונות מיט דער קאַפּעליע האָט זי, דעם חלק פֿאַרדינסט גיט מען איר אין דער האַנט אַריַין... וואָס פֿעלט איר?

און אַבֿרהמלען, זעט אויס, האָט אויך נישט געפֿעלט. אין דער התחלה האָט ער געהאַט צרות פֿון די קלעזמער, וויַיל ער פֿלעגט קיין מאָל נישט אַריַינטרעפֿן אין ניגון אַריַין; דער באַס שפּילט פֿאַר זיך... זיי הערן שוין אויף צו שפּילן, און אַבֿרהמל טוט זיך וויַיטער זיַינס בשלמות, גליַיך ער וואָלט אונטערגעהאָלפֿן גאָר אַן אַנדער קאַפּעליע, וואָס שפּילט ערגעץ וויַיט, וויַיט, און קיינער הערט נישט, נאָר ער אַליין. נאָר מיט דער ציַיט האָט מען זיך צו אים צוגעוואוינט... ביַי אַ פּריץ האָט מען שוין געוואוסט, וואָס צו טון. אַז דער ניגון האָט זיך געדאַרפֿט ענדיקן, האָט אים איינער פֿון די קלעזמער אָנגעכאַפּט ביַים סמיק און צוגעהאַלטן, — און אויף ייִדישע חתונות האָט מען אים אומישנע געלאָזט וויַיטער שפּילן און דער עולם פֿלעגט פּלאַצן פֿאַר געלעכטער; מען פֿלעגט דערמיט גאָר שטאַרק משׂמח זיַין דעם עולם, בפֿרט ביַי אַ גרויסער וועטשערע צום טיש!

און קהל איז אַוודאי צופֿרידן געווען פֿון אַבֿרהמלען: שטיל

נעלם (נעלעם) **ווערן** — פֿאַרשווינדן, disappear

שלום (שאָלעם) **בית** (באַיִם) — domestic peace

וואויל ווי די וועלט — זייער גוט.

חשבונות (כעזשבוינעס) — accounts

חלק (כײלעק) — טייל.

התחלה (האַסכאָלע) — אָנהייב.

צרות (צאָרעס) — trouble

אַריַינטרעפֿן אין ניגון — to play in tune

בשלמות (בישליימעס) — conscientiously

אומישנע — purposely

משׂמח (מעסאַמייאַך) **זיַין** — פֿריילעך מאַכן.

בפֿרט — באַזונדערס, especially

און ציכטיק, זיצט ער שטענדיק אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אַ וואַנט און מיט די פּלייצעס צום עולם. נעמען אין מויל אַריַן אויף אַ חתונה פּלעגט ער בשום אופן נישט; מען זעט אַפילו נישט ווען ער עסט.

אַ מינהג האָט ער געהאַט, דער אַבֿרהמל, אַז דריַי מאָל אין טאָג פּלעגט ער זאָגן „שמע ישׂראל" אויפֿן באָס. אין דער פֿרי, ווען די זון האָט אויפֿגעשיַינט; פֿאַרנאַכט, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען און חצות... אין דער פֿרי און פֿאַרנאַכט פּלעגט ער עס טון ביַים וואַסער אויף דער לאָנקע הינטער דער שטאָט, און צו חצות — אין מיטן מאַרק, און די קולות פֿון זיַין באַס פּלעגן זיך צעשווימען אין דער שטילער מוטער־נאַכט און אַריַינריַיסן זיך דורך טיר און טויער און לאָדן אין די שטובן, אין די הערצער אַריַין... און אין די קולות האָט געשטעקט אַזאַ ערנסט־פֿוונהדיק תּמימות, אַז ווען דער שול־האַמער האָט נישט געוועקט, דער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון באַס, פֿון די קולות: בו, בו, בוהה, בוהה . . . און ייִדן פּלעגן זיך נישט ווילנדיק, אַרויסריַיסן פֿון די בעטן לעבֿודת הבורא, אָנצינדן ליכט און לויפֿן צו חצות.

אַ פּריץ פּלעגט אַ מאָל אָפּלאָזן אַ פּריצה אין מיטן טאַנץ און צולויפֿן צו אַבֿרהמלען און אויסריַיסן אים אַ פּאה פּאַר אַ שלעכטן אַריַינפֿאָרן אין אַ ניגון; קהל האָט אויף שׂימחות פֿון אַבֿרהמלען געלאַכט, און אַ גאַנץ גייענדיק יאָר, אויפֿכאַפּנדיק זיך פֿון באַס צו חצות, — אָפּזיפֿצן:

— נעבעך, אַ תּם, נאָר אין זיַינע קולות שטעקט עפּעס, עס מוז עפּעס שטעקן.

ציכטיק — ריין.

בשום (בעשום) **אופן** (אויפֿן) **נישט** — פֿאַר קיין פֿאַל נישט.

מינהג (מינעג) — habit

חצות (כצאָס) — midnight service

לאָנקע — meadow

לאָדן — shutters

ערנסט־פֿוונהדיק (קאַוואָנעדיק) **תּמימות** (טמימוים) — solemn and simple piety

לעבֿודת (לע־אַוואוידאַס) **הבורא** (האַבוירע) — צו דינען דעם באַשאַפֿער פֿון דער וועלט.

תּם (טאַם) — simpleton

אַנדערע האָבן געזאָגט:
— נעבעך, אַ שטומע נשמה, ווייל רעדן מיטן בורא און האָט קיין אַנדער לשון נישט.

ה.

איין מאָל האָט זיך אין טאָמאַשאָוו געמאַכט אַ גרויסע חתונה, אַזאַ חתונה טרעפֿט זיך אַ מאָל אין אַ יובֿל!
אַ שפּאַס! עס האָט זיך משדך געווען דער לובלינער פּרנס מיטן קראָקעווער רבֿ און טאָמאַשאָוו איז אין מיטן וועג!
ווייל דער לובלינער פּרנס מהנה זײַן דעם קראָקעווער רבֿ מיט אַ חתונה — ער זאָל ווייסן, מיט וועמען ער האָט צו טון.
שיקט ער אַראָפּ סאַרווערס קיין טאָמאַשאָוו, מען זאָל אַלץ אָנגרייטן כּיד המלך — ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ לובלינער גבֿיר אַ פּרנס, וואָס האָט זוכה געווען צו טון מיטן קראָקעווער רבֿ!
קומען די לובלינער סאַרווערס קיין טאָמאַשאָוו און זוכן קודם כּל אויס אַן אָרט פֿאַר דער חתונה: עס וועלן זײַן לובלינער, קראָ־קעווער און אַ היימישער — טאָמאַשאָווער עולם! עס וועלן קומען גבֿירים, באַלעבאַטים, מיוחסים, לומדי תּורה און דיינים...

שטומע נשמה (נעשאָמע) — mute soul
בורא (בוירע) — באַשאַפֿער, גאָט.
יובֿל (יוּיוול) — פֿופֿציק יאָר.
משדך (מעשאַדעך) **זײַן** —מאַכן אַ חתונה צווישן קינדער.
לובלין, קראָקע — שטעט אין פּוילן.
פּרנס (פּאַרנעס) — פֿירער פֿון דער קהילה (קעהילע — (Jewish community
מהנה (מעהאַנע) **זײַן** — פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן, to give pleasure
סאַרווערס — caterers, waiters
כּיד המלך (קעיאַד האַמעלעך) — in lordly style
זוכה (זוכע) **זײַן** — דאָ: האָבן דאָס גליק, to be privileged
צו טון — מיינט: צו טון אַ שידוך (שידעך — (match
קודם כּל (קוידעם קאָל) — די ערשטע זאַך.
היימישער — local
גבֿיר (גוויר), **גבֿירים** (גווירים) — רײַכע לײַט.
מיוחסים (מעיוכאָסים) — aristocracy, prominent people
לומדי (לאָמדיי) **תּורה** — געלערנטע אין דער תּורה.
דיין (דאַיען), **דיינים** (דאַיאָנים) — ריכטער לויט ייִדישע געזעצן, גע־הילף פֿון רבֿ.

און דרײַ קאַפּעליעס װעלן שפּילן. די לובלינער, די קראָקעװער און די טאָמאַשאָװער װיל אױך ניט אָפּטרעטן.

און דער טאָג פֿון דער חתונה איז געקומען. געסט קומען נאָך אַלץ און קומען. מען צעשטעלט זײ בײַ באַלעבאַטים אין די הײַזער, יעדערער האַלט זיך עס פֿאַרן גרעסטן כּבֿוד און טרעט אָפּ די שענסטע שטוב. און אַז מען זעצט זיך צו דער װעטשערע בײַ די טישן, און אַז עס צעברענען זיך די ליכט אױף די טישן אין שבתניקעס און אױף די װענט אין העסעם און פּאַפּירענע לאַמטערנעס, און עס צעפֿינקלען זיך בײַ די װײַבער די אױרינגלעך מיט די שטערנטיכלעך און ברוסט־טיכער — איז אין שטוב פֿול געװאָרן מיט ליכט פֿון דער תּורה — קראָקעװער און לובלינער לומדים; טאָמאַשאָװער אין דער מיט... אױבנאָן דער קראָקעװער רבֿ.

גײען אַ שורה סאַרװערס מיט גרױסע טעלער פֿיש, הײבן אָן קלינגען זילבערנע גאָפּל־מעסער, מישט זיך אױס מיטן פֿרײלעכן זשומען פֿון די װײַבער בײַ זײער טיש, — שװימט איבער אַלעם אַ שמועס פֿון תּורה בײַם קראָקעװער רבֿס טיש — פֿאַלט אָבער אין מיטן אַרײַן די מוזיק מיט אַ פֿרײלעכס . . . דרײַ קאַפּעליעס, עס הילכט, עס ציטערן פֿאַר פֿרײד די פֿלעמלעך אױפֿן טיש, אַרום אױף די װענט. שפּאַרט זיך אָן דער קראָקעװער רבֿ אױפֿן אָנלען און שעפּט נחת, אַ גרױסער מבֿין געװען אױף מוזיק...

און פֿון פֿרײלעכס גײען די קאַפּעליעס איבער אױף אַ „װאָ־לעך״, פּשוט איבערגעשװאומען, מען האָט דעם איבערגאַנג נישט געפֿילט — עס שװימט, עס פֿליסט אַ „װאָלעך״ — אַ קראָקעװער

כּבֿוד (קאָװעד) — honor
אָפּטרעטן — to give up
שבתניק — אַ לײַכטער (candlestick) פֿאַר די שבת־ליכט.
העסעם — װאַנט־לאָמפּן.
צעפֿינקלען — to sparkle
שטערנטיכל — אַ טיכל מיטן צירונג (jewels) צו טראָגן אױפֿן שטערן.
הילכן — קלינגען.
אָנשפּאַרן זיך — to lean
אָנלען — back of a chair
מבֿין (מײװען) — קענער.
װאָלעך — slow, dreamy melody
פֿליסן — to flow

פֿידל שפּילט, רעדט דיבורים, שליסט אויף די הערצער און גיסט זיך אַרײַן . . . און דרײַ קאַפּעליעס האַלטן שטיל און ציכטיק אונ־טער . . . און עס דאַכט זיך, אַ וואַסער פֿליסט, און וויגט זיך שטיל, און ברומט, און ציטערט לכּבֿוד דעם חתן מיט דער כּלה און לכּבֿוד דעם קראָקעווער רבֿ מיט די טײַערע געסט, און איבערן וואַסער פֿליט אַרום אַ פֿויגל און שפּילט, און שפּילט אַזוי זיס־חנעוודיק־ווײַ־נענדיק . . . און די קאַפּעליע ווערט פּלוצלונג ווי מיטגעריסן, אַלע כּלים שפּילן, הויך, הויך, אַרויף, אַרויף, גלײַך מען קלעטערט מיט גרויס שׂימחה אַרויף פֿון אַ מדרגה צו אַ מדרגה, עס רוישט, עס טאַנצט, עס בליצט —

און פּלוצלונג ווערט אַלץ אָפּגעריסן מיט אַ מאָל, גלײַך אַלע סטרונעס און אַלע כּלים וואָלטן געפּלאַצט — שטיל, נאָר אין דער שטילקייט הערט זיך: בו, בו, בוה... איין אַבֿרהמל — שפּילט ווײַטער, — אַלע אויגן ווענדן זיך צו זײַנע פּלייצעס, — שטיל, קיי־נער רירט מיט קיין ברעם נישט, נאָר אַבֿרהמלס האַנט רירט זיך ציט זיך אויס, ציט זיך אײַן מיטן סמיטשיק:

— בו, בו, בוה, בוהה...

דאָס האָבן די קלעזמער אומישנע געטון, משׂמח צו זײַן דעם עולם אויף אַבֿרהמלס חשבון...

עס איז זיי אָבער נישט געראָטן...

דיבורים — רייד.

וויגן זיך — to rock

ברומען — to murmur

ציטערן — to flutter

זיס־חנעוודיק (כיינעוודיק) **־ ווײַנענדיק** — sweet, lovely and plaintive

קלעטערן — to climb

מדרגה (מאַדרייגע) — level

סטרונע — string

פּלאַצן — to snap, to burst

חשבון (כעזשבן) — דאָ: expense

געראָטן — געלונגען, to succeed

ו.

די קלעזמער קוקן און וואַרטן, דער עולם זאָל אַרויספּלאַצן מיט אַ געלעכטער, נאָר דער עולם קוקט אויף אַבֿרהמלען און פֿירט איבער די אויגן צום קראָקעווער רבֿ; מען ווערט אַן אים נישט אָנהייבן לאַכן; די פּנימער רונצלען זיך, די ליפּן קרימען זיך אויס, פֿון די אויגן שפּאַרט אַרויס דאָס געלעכטער, נאָר מען קוקט אויפֿן קראָקעווער רבֿ און מען וואַרט, און דער קראָקעווער רבֿ זיצט אָנגע־שפּאַרט מיטן שטרײַמל אויף דעם אָנלען פֿון שטול און די ברעמען זײַנען אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן — צי האָט ער אײַנגע־דרעמלט, דער קראָקעווער רבֿ?

און דער באַס שפּילט נאָך אַלץ:

— בו, בו, בוהה, בוהה...

אומהיימלעך ווערט דער עולם.

פּלוצלונג ווענדן אַלע די אויגן אָפּ פֿון קראָקעווער רבֿ צו דער מיטלסטער טיר, עס הערט זיך פֿון הינטער דער טיר אַ גערויש, טריט הערן זיך, סאַרווערם לויפֿן צו, עפּענען און רופֿן דערשראָקן אויס:

— ניין, ניין! עס וועט זײַן פֿאַר אײַך אַן אָרעמע וועטשערע...

פֿאַרשטייט מען, אָרעמע־לײַט ווילן אַרײַנקומען. דער קראָקע־ווער רבֿ עפֿנט די אויגן אויף און וויל עפּעס זאָגן, מן הסתם, מען זאָל אַרײַנלאָזן, ווי דען?

נאָר באותו הרגע באַווײַזט זיך אין טיר אַן אַלטער מאַן אין אַ צעריסענעם ספּאָדעק, מיט צעשויבערטע, גראָע באָרד און פּאות,

---

אַרויספּלאַצן — to burst into

רונצלען זיך — to pucker up, to wrinkle

קרימען זיך — to get contorted

אַרויסשפּאַרן — to burst

שטרײַמל — פּעלץ־ (fur) היטל, וואָס פֿרומע ייִדן פֿלעגן טראָגן.

אײַנדרעמלען — to doze off

אומהיימלעך — ניט פֿריילעך, אומעטיק.

גערויש — commotion

מן הסתם (מינע־סטאַם) — supposedly

באותו הרגע (בעאויסיי האָרעגע) — אין דעם זעלבן מאָמענט.

ספּאָדעק — high fur-cap

צעשויבערט — ניט אין אָרדענונג, dishevelled

אַ בעטלער ווי אַלע בעטלערס, נאָר מיט אויגן, וואָס קוקן מיט דער גדולה פֿון אַ מלכות, מיט אַ תּנועה פֿון דער האַנט פֿון אַ מלכות, — סאַרוועדם דערשרעקן זיך און רוקן זיך אָפּ פֿאַר זײַן בליק, נישט ווילנדיק, מיט גרויס דרך־ארץ; ער מאַכט מיט דער האַנט — און זיי מאַכן אים, נישט ווילנדיק, אַ וואַרע, — דער אַלטער, אַנגעטון אין בגדי קבצן שבקבצנים און מיט אויגן און תּנועות פֿון אַ מלך, קומט אַרײַן, הינטער אים גייט אַ חבֿרה בעטלערס, און דער אַלטער קומט אין מיטן שטוב אַרײַן, און שטעלט זיך אָפּ. הינטער אים שטעלט זיך אָפּ די גאַנצע חבֿרה קבצנים — אַלע קוקן פֿאַרבליפֿט און שווײַגן, דער קראָקעווער רבֿ אויך, נאָר אַבֿרהמל טוט זיך זײַנס. די איבערגעבויגענע פּלייצע, זעט מען, ציטערט, די האַנט פֿירט אויף און אָפּ דעם סמיטשיק; און דער באַס קרעכצט האַרציק און ערנסט:

— בו, בו, בוהה, בוהה...

און דער אַלטער מלך אין בגדי קבצנים עפֿנט נאָך אַ ווײַלע דאָס מויל — די געסט בייגן זיך איבערן טיש פֿון פֿאָרנט, פֿון אַנדערע טישן שפּרינגט מען פּלוצלונג, נאָר אָן אַ שום גערויש, אויף נעגל — מען ווערט צוגעצויגן צום אַלטנס מויל ווי אַ מאַגנעט. אַלע אויגן בלײַבן הענגען אויף זײַנע ליפּן...

און דער אַלטער זאָגט איין וואָרט: חצות!

— קראָקעווער רבֿ, — מאַכט ער ווײַטער, אַבֿרהמל שפּילט צו חצות... איר גלייבט נישט, קראָקעווער רבֿ, וועט איר הערן... איר זאָלט זוכה זײַן צו הערן, ווי אַבֿרהמל שפּילט צו חצות — איז אײַך באַשערט, געווען צו טון מיטן לובלינער פּרנס. טאַמאַשאַוו

גדולה (גדולע) **פֿון אַ מלכות** (מאַלכעס) — as grand as a king

תּנועה (טנוע) — באַוועגונג, gesture

דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — רעספּעקט.

מאַכן אַ וואַרע — מאַכן אַ וועג.

בגדי (ביגדיי) — קליידער.

קבצן שבקבצנים (קאַבצן שעבייקאַבצאָנים) — דער אָרעמסטער צווישן די אָרעמע.

חבֿרה (כעווורע) — company

פֿאַרבליפֿט — אין גרויס וואונדער.

קרעכצן — to moan, to groan

אָן אַ שום גערויש — אָן אַ טומל, שטיל.

אויף נעגל — on tiptoe

באַשערט געווען — destined

זאָל זײַן אין מיטן וועג... און אײַך צוליב וועלן אַלע הערן, נאָר נישט אַלע אַזוי ווי איר! איר זײַט אַ מבֿין אויף מוזיק...

— בו, בו, בוה, בוהה, — שפּילט זיך אַבֿרהמל זײַנס, — און דער עולם שווײַגט פֿאַרגאַפֿט, ווי פֿאַרכּישופֿט, און דער אַלטער בעטלער הייבט אויף די רעכטע האַנט און גיט אַ צייכן צום בעליק, נעמט דער בעליק און שפּאַלט זיך, און לייגט זיך אויס, איין העלפֿט רעכטס, די צווייטע — לינקס, ווי פֿליגל פֿון אַ סוכּה.

און עס באַווײַזט זיך דער הימל, אַן אויסגעשטערנטער, אויסגעפֿינקלטער הימל. איבער דער עפֿענונג שווימט דורך די לבֿנה... שטיל איז זי אַריבערגעשוואומען. און אַזוי ווי זי איז אַריבערגעשוואומען גיט דער אַלטער בעטלער נאָך אַ מאָל אַ מאַך מיט דער האַנט, שפּאַלט זיך דער הימל — שווימט אין דער הייך אַ רחבֿות פֿון ציטערדיקער ליכטיקייט, און אין דער ליכטיקייט, וואָס ציטערט און וויגט זיך, הערט זיך זינגען און שפּילן. קאַפּעליעס-מלאָכים שפּילן און אַלע שפּילן איין ניגון און אַבֿרהמל באַס פּאַסט צו צום ניגון, שווימט מיט אין זמר פֿון דער ליכטיקייט, וואָס וויגט זיך און הייבט זיך און ציטערט אין דער הייך — —

און פֿאַרציטערט בלײַבט דער עולם...

ז.

און נאָך אַ וואונק אַרויף גיט דער אַלטער, און דער הימל שליסט זיך, אויפֿגעהערט האָט די מוזיק, שטערנדלעך שווימען און פֿינקלען, ציטערדיק, ווי פֿון שטילן, טרויעריקן נחת — —

פֿאַרגאַפֿט — in astonishment.

פֿאַרכּישופֿט — enchanted

בעליק — ceiling, center beam

שפּאַלטן זיך — to split

פֿינקלען — to glitter

רחבֿות (ראַכוועס) — דאָ: a broad stream

ציטערדיקע ליכטיקייט — vibrating radiance

זמר (זעמער) — געזאַנג, מעלאָדיע

פֿאַרציטערט — שטיל און אין שרעק, aghast

וואונק — motion

נחת (נאַכעס) — דאָ: bliss

און נאָך אַ וואונק טוט דער אַלטער און ביידע העלפֿטן פֿון דאָך איבער דער שטוב פֿאַלן צוריק צו און פֿאַרשליסן און באַ־העפֿטן זיך — פֿאַרשטיינערט זיצט דער עולם, קוים מען אָטעמט, און עס הערט זיך צוריק אַבֿרהמלס באַס.

— בו, בוה, בוהה, בוההה...

און פּלוצלונג פֿאַלט דער סמיטשיק מיטן באַס פֿון אַבֿרהמלס האַנט אַרויס, ער שטעלט זיך אַוועק, דרייט זיך איבער צום עולם און הייבט אָן: שמע ישׂראל! און זאָגט עס מיט דער זעלביקער נגינה, מיט וועלכער ער האָט געשפּילט אין הימל... און ער האָט געענדיקט און איז געפֿאַלן חלשות.

דער אַלטער האָט אים אין דער לופֿטן געכאַפּט...

— טראָגט אים אין הקדש אַרײַן! — האָט ער געגעבן די סאַר־ווערם אַ באַפֿעל...

און זיי האָבן אים גענומען און אַרויסגעטראָגן...

— קראָקעווער רבֿ, — רופֿט זיך אָן דער אַלטער, אַז מען האָט שוין אַבֿרהמלען אַרויסגעטראָגן, — נישט אויף אַ חתונה זײַט איר געקומען, נאָר אויף אַ לוויה, אַבֿרהמל איז נתבקש געוואָרן צו דער פּמילא של מעלה, עס האָט דאָרט אַ באַס געפֿעלט...

און דער אַלטער איז נעלם געוואָרן מיט אַלע קבצנים...

אַבֿרהמל באַס איז דעם צווייטן טאָג אין בית המדרש ניפֿטר געוואָרן און דער קראָקעווער רבֿ מיט אַלע געסט זײַנען געווען אויף זײַן לוויה.

באַהעפֿטן — to join

פֿאַרשטיינערט — petrified

נגינה (נעגינע) — tune

פֿאַלן חלשות (כאַלאָשעס) — to faint

הקדש (העקדעש) — pauper's house

לוויה (לעוואיע) — funeral

נתבקש (ניסבאַקייש) — **געשטאָרבן**; די נשמה איז פֿאַרבעטן געוואָרן אין הימל.

פּמילא של מעלה (פּאַמאַליע שעל מײַלע) — אין הימל, צו די מלאָכים (angels)

בית־המדרש (בעס־מעדרעש) — שול וואו מען דאַוונט, synagogue

ניפֿטר (ניפֿטער) ווערן — שטאַרבן.

די נאַכט־וועכטער

אַ נאַכט — אַ מחיה, דאָס נעכטל איז טײַער!
נאָר היט אײַך פֿאַר פֿײַער! היט אײַך פֿאַר פֿײַער!
נאָר נישט געקאָכט און געזאָטן!

פֿאַרשליסט נאָר די פֿענצטער און טירן און טויערן,
פֿאַרמאַכט די אויגן, פֿאַרשטאָפּט אײַך די אויערן,
און כראָפּעט ווי גאָט האָט געבאָטן!

און קענט איר נישט שלאָפֿן, נו, ליגט כאָטש באַרוט;
און הערט זיך שטיל אײַן ווי די פֿלעדערמויז פֿליט,
ווי שטיל און ווי האַרציק און טײַער!

און הערט איר וואו קולות, געשרייען, געלעכטער,
צי קללות — זײַט רואיק, מיר זײַנען די וועכטער,
און היטן אײַך אַלע פֿאַר פֿײַער!

פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן, ווער עס רירט זיך און גייט,
און צינדט אָן אַ פֿײַער, צי רירט די טראָמפּייט,
צום בלאָזן, צום וועקן בײַנאַכט!

מען וועט אין גיהנום די לײַבער זיי דרעשן!
און דאָ וועלן מיר לעשן און לעשן און לעשן.
געטרײַ וועלן מיר דינען דער נאַכט!

שלאָפֿט אײַך, מיר דאַוונען, מיר בעטן און קניִען
פֿאַר גאָט! דער רבונו־של־עולם זאָל ציִען
אַ וואָלקן אַ שווערן ווי בלײַ.

וועכטער — watchman
אַ מחיה (מעכאַיע) — pleasure
זידן, געזאָטן — to seethe, boil
באַרוט — שטיל, רואיק.
פֿלעדערמויז — bat
קללות (קלאָלעס) — curses
פֿאַרשילטן, פֿאַרשאָלטן — to accurse
גיהנום (געהענעם) — hell
דרעשן — to thresh
רבונו של עולם (ריבוינע שעל אוילעם) — דער האַר פֿון דער וועלט.
בלײַ — lead

אַ וואָלקן אַ שוואַרצן! אָ, גאָט וועט אונדז הערן,
ער וועט נאָך פֿאַרלעשן לבֿנה און שטערן
אין דעמאָלט — ווי עטעמט זיך פֿריי!

און מיר וועלן רופֿן נאָך פֿעסטער, געטרייער:
היט אייך פֿאַר פֿייער, היט אייך פֿאַר פֿייער!
שאַ, קיין גערויש, קיין געלעכטער!

קיין ליכטל אין מוח, קיין פֿלעמל אין האַרץ!
פֿרום זאָל זײַן! רואיק און טויטלעך, און שוואַרץ!
מיר זײַנען, מיר זײַנען די וועכטער!

לשנה טובה

לשנה טובֿה תּכּתבֿו
אַלע, אַלע, וואו איר זײַט!
צו אײַך האָט דאָס האַרטע מזל
אויף אַ וויסטן סטעפּ פֿאַרשפּרייט!

צי איר קילט די הייסע שטערנס
בײַ דער נאַסער מערבֿ־וואַנט,
צי איר שיפֿט אײַך איבער ימים
צו אַ נײַ פֿאַרשפּראָכן לאַנד!

צי איר טראָגט די יאָך די שווערע
מיט אַ שמייכל: אײַ, ווי גרינג!
און איר קויפֿט די לופֿט צום לעבן
און איר צאָלט פֿאַר יעדן שלינג!

אַלע אײַך צום יאָר צום נײַעם — —
אין יעדער שפּראַך, אין יעדן קלייד: — —
לשנה טובֿה תּכּתבֿו
אַלע, אַלע, וואו איר זײַט!

גערויש — טומל, noisiness,
מוח (מויאַך) — קאָפּ, mind

אויב נישט נאָך העכער

און דער נעמיראָווער פֿלעגט סליחות-צײַט יעדן פֿרימאָרגן נעלם ווערן, פֿאַרשווינדן!

מען פֿלעגט אים נישט זען אין ערגעץ: נישט אין שול, נישט אין ביידע בתּי-מדרשים, נישט בײַ אַ מנין, און אין דער היים אוודאי נישט. די שטוב איז געשטאַנען אָפֿן. ווער עס האָט געוואָלט, איז אַרײַן און אַרויסגעגאַנגען; געגנבֿעט בײַם רבין האָט מען נ י ש ט, אָבער קיין לעבעדיק באַשעפֿעניש איז אין שטוב נישט געווען.

וואו קען זײַן דער רבי?

וואו זאָל ער זײַן? מן-הסתּם אין הימל! ווייניק געשעפֿטן האָט אַ רבי פֿאַר ימים-נוראים צו פֿאַרזאָרגן? ייִדעלעך, קיין עין-הרע, דאַרפֿן פּרנסה, שלום, געזונט... און — ווער זאָל העלפֿן, אַז נישט דער רבי?

אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איין מאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ ליטוואַק, לאַכט ער! איר

נעמיראָווער — נעמיראָוו איז אַ נאָמען פֿון אַ שטאָט. די חסידים פֿלעגן רופֿן זייערע רביים (ראַבעִים) לויט דער שטאָט וואו דער רבי האָט געלערנט.

סליחות (סליכעס) — תּפֿילות (טפֿילעס) וואו מען בעט בײַ גאָט ער זאָל פֿאַרגעבן די זינד; a prayer of forgiveness; סליחות זאָגט מען פֿאַר ראָש-השנה און אין די טעג צווישן ראָש-השנה און יום-כּיפּור. יעמאָלט שטייט מען געוויינטלעך אויף פֿאַרטאָג און מען גייט אין שול זאָגן סליחות.

נעלם (נעלעם) **ווערן** — פֿאַרשווינדן.

בתּי-מדרשים (באָטיי-מעדראָשים) — שולן וואו מען דאַוונט.

מנין (מיניען) — דאָ: אַ קליינע שול.

מן-הסתּם (מינהאַסטאָם) — probably

ימים-נוראים (יאָמים נויראָים) — די מוראַדיקע טעג; די טעג פֿון ראָש-השנה און יום-כּיפּור; the High Holidays

קיין עין-הרע (אַנעהאָרע) — קיין בייז אויג זאָל זיי קיין שלעכטס נים טאָן.

פּרנסה (פּאַרנאָסע) — פֿאַרדינסט.

עולם (אוילאָם) — אַ סך מענטשן; דאָ: די מענטשן.

קענט דאָך די ליטוואַקעס: וויַיזט דער ליטוואַק אַ בפֿירושע גמרא — די אויגן שטעכט ער אויס. אַפֿילו משה רבינו, וויַיזט ער, האָט בייַם לעבן נישט געקאָנט אַרויף אויפֿן הימל. נו, גיי שפּאַר זיך מיט אַ ליטוואַק!

— וואו דען קומט אַהין דער רבי?

— מייַן דאגה! — ענטפֿערט ער און ציט מיט די אַקסל, און תּוך כּדי דיבור (וואָס אַ ליטוואַק קען!) איז ער זיך מיישבֿ צו דער־גיין די זאַך.

***

נאָך דעם זעלבן פֿאַרנאַכט, באַלד נאָך מעריבֿ, גנבֿעט זיך דער ליטוואַק צום רבין אין חדר אַריַין, לייגט זיך אונטערן רבינס בעט, און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, וואו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טוט סליחות־צייַט.

אַן אַנדערער וואָלט אפֿשר אייַנגעדרעמלט און פֿאַרשלאָפֿן די צייַט; אַ ליטוואַק טוט זיך אַן עצה; לערנט ער זיך אויסנווייניק אַ גאַנצע מסכתּא!

פֿאַרטאָג הערט ער, ווי מען קלאַפּט צו סליחות.

דער רבי איז שוין נישט געשלאָפֿן אַ צייַט. ער הערט אים שוין אפֿשר אַ גאַנצע שעה קרעכצן.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצן ווייס וויפֿל צער פֿאַר כּל ישׂראל, וויפֿל יסורים עס האָט געשטעקט אין זייַן יעדן

אַ בפֿירושע (בעפֿיירושע) **גמרא** (געמאָרע) — אַ קלאָרער ציטאַט (quotation) פֿון דער גמרא.

מייַן דאגה (דייַגע) — none of my business

תּוך כּדי דבור (טאָך קעדיי דיבור) — גלייַך אין דעם זעלביקן מאָמענט.

מיישבֿ (מעיאַשעוו) — באַשליסט; makes up his mind

מעריבֿ (מײַריוו) — דאָס דריטע מאָל דאַוונען אין פֿאַרלויף פֿון טאָג, ווען עס איז שוין אָוונט.

גנבֿעט זיך אַרייַן — גייט אַרייַן שטיל, קיינער זאָל ניט זען.

טוט זיך אַן עצה (אייצע) — ווייס וואָס צו טון.

מסכתּא (מאָסעכטע) — אַ בוך, אַ טייל, אַ טראַקטאַט פֿון תּלמוד; דער תּלמוד איז אייַנגעטיילט אין מסיכתּות.

קרעכצן — to moan

צער (צאַאַר) **פֿאַר כּל** (קאָל) **ישׂראל** (ייִסראָעל) — לייַדן פֿאַר אַלע ייִדן.

יסורים (יעסורים) — ווייטיקן; pains

קרעכץ... די נשמה פֿלעגט אויסגיין, הערנדיק דאָס קרעכצן! אַ ליטוואַק האָט דאָך אָבער אַן אײַזערן האַרץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווײַטער! דער רבי ליגט זיך אויך: דער רבי, זאָל לעבן, אויבן בעט, דער ליטוואַק אונטערן בעט.

***

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הייבן אָן סקריפּען... ווי די בני־בית כאַפּן זיך אַרויס פֿון די בעטן, ווי מען מורמלט אַ ייִדיש וואָרט, מען גיסט וואַסער אויף די נעגל, עס קלאַפּן אויף און צו די טירן... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פֿון שטוב, עס ווערט ווײַטער שטיל און פֿינצטער, דורכן לאָדן שײַנט קוים אַרײַן אַ קליין ביסל ליכט פֿון דער לבֿנה...

מודה האָט ער געווען דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבן איינער אַליין מיטן רבין, איז אים באַפֿאַלן אַן אימה. די הויט איז שוין אים אויפֿגעלאָפֿן פֿאַר שרעק. די וואָרצלען פֿון די פּאות האָבן אים געשטאָכן אין די שלייפֿן ווי נאָדלען.

אַ קלייניקייט: מיטן רבין, און סליחות־צײַט, פֿאַרטאָג, אַליין אין שטוב...

אַ ליטוואַק איז דאָך אָבער אײַנגעשפּאַרט, ציטערט ער ווי אַ פֿיש אין וואַסער און ליגט.

***

ענדלעך שטייט דער רבי, זאָל לעבן, אויף...

סקריפּען — to squeak

בני־בית (בניי־באַיִם) — אײַנוואוינערס פֿון הויז, מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע.

מורמלט — רעדט שטיל, murmurs

גיסן וואַסער אויף די נעגל — מען וואַשט זיך אויף גיך.

לאָדן — shutter

מודה (מוידע) **געווען** — צוגעגעבן; confessed

אימה (איימע) — שרעק; fear

פּאה (פּייע), **פּאות** (פּייעס) — side-locks; פֿרומע ייִדן שערן ניט די האָר פֿון די שלייפֿן. הענגען פֿון די שלייפֿן אַראָפּ לאָקן. אַזאַ לאָק הייסט אַ פּאה.

שלייפֿן — temples

פֿריִער טוט ער וואָס אַ ייִד דאַרף טון... דערנאָך גייט ער צו צו דעם קליידער־אַלמער און נעמט אַרויס אַ פּעקל... עס באַווייַזן זיך פֿויערישע קליידער: לייַוונטענע פּלודערן, גרויסע שטיוול, אַ סערמענגע, אַ גרויס פֿוטערן היטל מיט אַ ברייטן לאַנגן לעדערנעם פּאַס.

דער רבי טוט עס אָן...

פֿון דער קעשענע פֿון דער סערמענגע שטאַרט אַרויס אַן עק פֿון אַ גראָבן שטריק... פֿון אַ פֿויערישן שטריק!

דער רבי גייט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגייענדיק, טרעט אָפּ דער רבי אין קיך, בייגט זיך אייַן, פֿון אונטער אַ בעט נעמט ער אַרויס אַ האַק, פֿאַרלייגט זי אונטערן פּאַס און גייט אַרויס פֿון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט נישט אָפּ.

***

אַ שטילער, ימים־נוראימדיקער פּחד וויגט זיך איבער די טונקעלע גאַסן. אָפּט רייַסט זיך אַרויס אַ געשריי פֿון סליחות פֿון ערגעץ אַ מנין, אָדער אַ קראַנקער קרעכץ פֿון ערגעץ אַ פֿענצטער... דער רבי האַלט זיך אַלץ אין די זייַטן פֿון די גאַסן, אין די שאָטנס פֿון די הייַזער... פֿון איין הויז צום אַנדערן שווימט ער אַרויס און דער ליטוואַק נאָך אים...

און דער ליטוואַק הערט, ווי זייַן אייגן האַרץ־קלאַפּן מישט זיך צוזאַמען מיטן קול פֿון רבינס שווערע טריט; אָבער גיין גייט ער, און קומט צוזאַמען מיטן רבין פֿון דער שטאָט אַרויס.

***

הינטער דער שטאָט שטייט אַ וועלדל.

דער רבי, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אַרייַן. ער מאַכט אַ דרייַסיק־פֿערציק טריט און שטעלט זיך אָפּ בייַ אַ ביימל און דער

טוט ער וואָס אַ ייִד דאַרף טון — ער גיסט אָפּ נעגל־וואַסער.
אַלמער — closet
לייַוונטענע פּלודערן — linen trousers
סערמענגע — sheepskin coat
שטאַרט אַרויס — שטעקט אַרויס.
פֿוטערן — fur
פּחד (פּאַכעד) — שרעק.

ליטוואַק ווערט ניבֿהל ונשתּומם, זעענדיק, ווי דער רבי נעמט אַרויס פֿון פּאַס די האַק און שלאָגט אין ביימל אַרײַן.

ער זעט, ווי דער רבי האַקט און האַקט, ער הערט ווי דאָס ביימל קרעכצט און קנאַקט. און דאָס ביימל פֿאַלט. און דער רבי שפּאַלט עס אויף ליפּעס . . . די ליפּעס — אויף דינע שײַטלעך ; און ער מאַכט זיך אַ בינטל האָלץ, נעמט עס אַרום מיטן שטריק פֿון קעשענע, ער וואַרפֿט דאָס בינטל האָלץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַרײַן די האַק אינעם פּאַס, לאָזט זיך אַרויס פֿון וואַלד און גייט צוריק אין שטאָט אַרײַן.

אין אַ הינטערגעסל שטעלט ער זיך אָפּ בײַ אַן אָרעם, האַלב-אײַנגעבראָכן הײַזל און קלאַפּט אָן אין פֿענצטערל.

— ווער איז ? פֿרעגט מען דערשראָקן פֿון שטוב אַרויס, דער ליטוואַק דערקענט, אַז עס איז אַ קול פֿון אַ ייִדענע, פֿון אַ קראַנקער ייִדענע.

— יאַ ! — ענטפֿערט דער רבי אויף פּויעריש לשון.

— קטאָ יאַ ? — פֿרעגט מען ווײַטער פֿון שטוב.

און דער רבי ענטפֿערט ווײַטער : — וואַסיל !

— וואָס פֿאַר אַ וואַסיל און וואָס ווילסטו, וואַסיל ?

— האָלץ, זאָגט דער פֿאַרשטעלטער וואַסיל, האָב איך צו פֿאַרקויפֿן ! זייער ביליק . . .

און נישט וואַרטנדיק אויף אַ תּשובֿה, נעמט ער זיך אין שטוב אַרײַן.

דער ליטוואַק גנבֿעט זיך אויך אַרײַן און בײַם גרויען ליכט פֿון פֿריִען מאָרגן זעט ער אַן אָרעמע שטוב... אין בעט ליגט אַ קראַנקע ייִדענע, פֿאַרוויקלט מיט שמאַטעס, און זי זאָגט מיט אַ ביטער קול :

ניבֿהל ונשתּומם (ניווהעל-וווינישטאָמעם) — שטאַרק דערשטוינט, to be stunned, utterly amazed

קנאַקט — crackles

ליפּעס — logs

שײַטלעך — קליינע שטיקלעך האָלץ, faggots

יאַ (רוסיש) — איך.

קטאָ יאַ (רוסיש) — ווער איך.

פֿאַרשטעלטער — איבערגעטאָנענער, disguised

תּשובֿה (טשואווע) — ענטפֿער.

נעמט ער זיך אין שטוב אַרײַן — גייט ער אין שטוב אַרײַן.

— קויפֿן? מיט וואָס זאָל איך קויפֿן? וואו האָב איך, אָרעמע אַלמנה, געלט?

— איך וועל דיר באָרגן! — ענטפֿערט דער פֿאַרשטעלטער וואַסיל, — אין גאַנצן זעקס גראָשן!

— פֿון וואַנען וועל איך דיר באַצאָלן? — קרעכצט די אָרעמע ייִדענע.

— נאַריש מענטש — מוסרט זי דער רבי, — זע, דו ביסט אַן אָרעמע, קראַנקע ייִדענע און איך געטרוי דיר דאָס ביסל האָלץ, איך בין בטוח, אַז דו וועסט באַצאָלן; און דו האָסט אַזאַ שטאַרקן, גרויסן גאָט, און געטרויסט אים נישט... און האָסט אויף אים אויף נאַרישע זעקס גראָשן פֿאַרן בינטל האָלץ קיין בטחון נישט!

— און ווער וועט מיר אײַנהייצן? — קרעכצט די אַלמנה, — איך האָב דען כּוח אויפֿצושטיין? מײַן זון איז אויף דער אַרבעט געבליבן.

— איך וועל דיר אײַנהייצן אויך — זאָגט דער רבי.

***

און אַרײַנלייגנדיק דאָס האָלץ אין אויוון, האָט דער רבי, קרעכצנדיק, געזאָגט פֿון סליחות דעם ע ר ש ט ן פּיזמון...

און אַז ער האָט אונטערגעצונדן, און דאָס האָלץ האָט פֿריילעך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אַ ביסל לוסטיקער, פֿון די סליחות דעם צווייטן פּיזמון.

דעם דריטן פּיזמון האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגעברענט און ער האָט די בלעך פֿאַרמאַכט...

***

דער ליטוואַק, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, איז שוין געבליבן אַ נעמיראָווער חסיד.

און שפּעטער, אויב אַ חסיד האָט אַ מאָל דערציילט, אַז דער נעמיראָווער הייבט זיך אויף, סליחות-צײַט, יעדן פֿרימאָרגן, און

אַלמנה (אַלמאָנע) — widow

מוסרט (מוסערט) — שטראָפֿט, reproaches

איך בין בטוח (באָטואַך) — איך בין זיכער, איך האָב דעם גלויבן.

בטחון (ביטאָכן) — גלויבן, האָפֿענונג.

אײַנהייצן — מאַכן דאָס פֿײַער.

פּיזמון (פּיזמוין) — טייל פֿון די סליחות.

פֿליט אַרויף אין הימל אַרײַן, פֿלעגט שוין דער ליטוואַק נישט לאַכן, נאָר צוגעבן שטילערהייט:
— אויב נישט נאָך העכער!

דער נזיר און דער פּראָם

איך וועל אײַך נאָכדערציילן אַ מעשׂה פֿון אַ גרויסן אינדישן נזיר.

— אַמאָל, — האָט בודאַ דערציילט, — איז בײַם ברעג פֿון טײַך אַ וואַנדערער געגאַנגען.

אַ לאַנגן, שווערן וועג האָט ער געהאַט, און דער ברעג, אויף וועלכן ער איז געגאַנגען, איז אומרואיק געווען.

אין היילן האָבן זיך גזלנים געהאַלטן, אין וואַלד — ווילדע חיות. אומעטום לאָקערט די געפֿאַר.

און אויף י ע נ ע ר זײַט טײַך איז רואיק און שטיל. יענער ברעג איז זיכערקייט — בודאַס איינציקער אידעאַל.

איז אָבער דער טײַך אַ ברייטער געווען און אַ טיפֿער...

שטעלט זיך דער וואַנדערער אָפּ, האַקט אוים אַ פּאָר ביימלעך אין וואַלד, שלאָגט זיי צוזאַמען און מאַכט פֿון זיי אַ פּראָם, און שווימט אַריבער דעם טײַך, און קומט צום רואיקן ברעג, וואו זיכער וועט שוין זײַן זײַן וועג...

איז אָבער דער וואַנדערער נישט קלוג געווען און אַזוי געטון:

אַריבערגעקומען, האָט ער געזאָגט צום פּראָם: „פּראָם, טײַערער פּראָם, דו האָסט מיך פֿון גזלנים געראַטעוועט, פֿון ווילדע חיות באַפֿרײַט, נישט איבערגעענטפֿערט מיך דעם וואַסער פֿון טײַך, ד אַ נ ק ב אַ ר בין איך דיר, הייליק ביסטו מיר, מײַן רעטער, נישט פֿאַרלאָזן וועל איך דיך!..

און ער האָט דעם פּראָם אויף זײַנע אַקסל גענומען און אויף דער טריקעניש געטראָגן...

נזיר (נאָזיר) — איינער וואָס לעבט אָפּגעזונדערט פֿון דער וועלט.
פּראָם — a small ferry
הייל — cave
לאָקערן — to lie in wait
איבערענטפֿערן — איבערגעבן.

דרײַ מתּנות

א) אויבן בײַ דער וואָג

אַמאָל, מיט יאָרן און דורות צוריק, איז ערגעץ ניפטר געוואָרן אַ ייִד.

מילא, אַ ייִד איז ניפטר געוואָרן — אייביק לעבן קען מען נישט, טוט מען אים זײַן רעכט... ברענגט מען אים צו קבֿר־ישׂראל...

דער יתום זאָגט קדיש — פֿליט די נשמה אַרויף, צום מישפּט, צום בית־דין של מעלה...

קומט זי אַרויף, הענגט שוין דאָרט פֿאַרן בית־דין די וואָג, אויף וועלכער מען וועגט די עבֿרות און די מצוות...

קומט דעם בר־מינגס סניגור, זײַן געוועזענער יצר־טובֿ — און שטעלט זיך מיט אַ קלאָר ווײַס זעקל ווי שניי אין דער האַנט בײַ דער וואָגשאָל פֿון דער רעכטער זײַט...

דורות (דוירעס) — generations

ניפטר (ניפטער) **געוואָרן** — געשטאָרבן.

מילא (מײלע) — well

טוט מען אים זײַן רעכט — טוט מען אים וואָס מען דאַרף טון מיט אַ טויטן.

קבֿר־ישׂראל (קייווער ייִסראָעל) — מען באַגראָבט אים לויטן ייִדישן דין (rites)

קדיש (קאַדעש) — אַ געבעט וואָס מען זאָגט נאָך אַ געשטאָרבענעם.

מישפּט (מישפּעט) — דאָ: judgment

בית־דין (בעזדן) — דאָס געריכט; court house

בית־דין של מעלה (בעזדן שעל מאַלאָ) — דאָס געריכט אין הימל.

די וואָג — scale

עבֿרות (אַוויירעס) — זינד; sins, bad deeds

מצוות (מיצוועס) — virtues, good deeds

בר־מינן (באַרמענען) — טויטער; אויך: טויטער קערפּער; dead body, corpse

סניגור (סאַנייגער) — דער פֿאַרטיידיקער.

יצר־טובֿ (יעצער־טאָוו) — גוטער ווילן.

וואָגשאָל — the pan of the scales

קומט דעם בר־מיננס קטיגור — זײַן געװעזענער יצר־הרע — און שטעלט זיך מיט אַ קויטיק זעקל אין דער האַנט בײַ דער װאָג־שאָל אויף דער לינקער זײַט...

אין װײַסן קלאָרן זעקל זײַנען מצוות, אין ברודיק שװאַרצן זעקל — עבֿרות. שיט דער סניגור, פֿון שנײ־װײַסן זעקל אויף דער װאָגשאָל פֿון דער רעכטער זײַט מצוות — שמעקן זײ װי פּאַרפֿומען און לײַכטן װי די שטערנדלעך אין הימל.

שיט דער קטיגור פֿון ברודיקן זעקל אַרויס, אויף דער װאָגשאָל פֿון דער לינקער זײַט עבֿרות — זײַנען זײ, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, שװאַרץ װי קױל און אַ ריח האָבן זײ — פּעך און סמאָלע.

שטייט אַזױ די אָרעמע נשמה און קוקט, און גאַפֿט — זי האָט זיך גאָרנישט געריכט, עס זאָל זײַן אַזאַ חילוק צװישן „גוט" און „שלעכט"; דאָרט האָט זי גאַנץ אָפֿט ביידע נישט דערקענט, איינס פֿאַרן אַנדערן געַנומען.

און די װאָגשאָלן הייבן זיך פּאַמעלעך, אַרויף און אַראָפּ, אַ מאָל די, אַ מאָל יענע... און דאָס צינגל בײַ דער װאָגשאָל אין דער הייך ציטערט. נעמט זיך אויף אַ האָר לינקס, אויף אַ האָר רעכטס...

נאָר אויף אַ האָר... און נישט מיט אַ מאָל! אַ פּראָסטער ייִד געװען... קלײנע מצװהלעך, קלײנע עבֿרהלעך, שרײַטעלעך, שטיבעלעך... טייל מאָל — קוים מיטן אויג צו דערזען.

און די מלאָכים שיטן פּאַמעלעך, מיט כּוונה, אַ שרויט נאָך אַ שרויט. אַ שטויב נאָך אַ שטויב.

קטיגור (קאַטייגער) — דער באַשולדיקער.
יצר־הרע (יעצער־האָרע) — שלעכטער װילן.
קויטיק — שמוציק; dirty
ברודיק — שװאַרץ, שמוציק; filthy
ריח (רייאַך) — odor, smell
פּעך — pitch
סמאָלע — tar
גאַפֿן — to gape in astonishment
זיך געריכט — imagined
חילוק (כילעק) — אונטערשייד; difference
דאָס צינגל — דאָ; the pointer
אויף אַ האָר — אויף זייער װייניק; a hair's breadth
שרויט, שרײַטעלעך — פּיצעלעך; tiny bits
מיט כּוונה (קאַװאָנע) — ערנסט; with devotion

נאָר אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אויס, די זעקלעך ווערן ליידיק.

— שווין ? — פֿרעגט דער בית־דין־שמש, — אויך אַ מלאך צווישן אַלע מלאָכים.

דער יצר־טובֿ, ווי דער יצר־הרע, דרייען אויס די זעקלעך קאַפּויער: נישטאָ מער! און דעמאָלט גייט דער שמש צו צום צינגל זען, ווי עס האָט זיך אָפּגעשטעלט: רעכטס צי לינקס.

קוקט ער און קוקט אַזוי, און זעט אַזוינס, וואָס עס איז נאָך נישט געשען, זינט הימל און ערד זײַנען באַשאַפֿן געוואָרן...

— וואָס דויערט אַזוי לאַנג ? — פֿרעגט דער אַבֿ־בית־דין.

שטאַמלט דער שמש:

— גלײַך! דאָס צינגל שטייט אין סאַמע מיט!..

די עבֿרות האָבן גלײַך געוואויגן מיט די מצוות.

— אַקוראַט ? — פֿרעגט מען נאָך אַ מאָל.

קוקט ער נאָך אַ מאָל, דער שמש, און ענטפֿערט:

— אויף דער האָר!

האָט דאָס בית־דין של מעלה אַ יישובֿ און גיט אַרויס אַ פּסק:

„היות די חטאים וועגן נישט איבער די מעשׂים טובֿים — קומט דער נשמה קיין גיהנום נישט...

„און פֿון צווייטן צד — וועגן די מצוות נישט מער פֿאַר די עבֿרות — קען מען איר נישט עפֿענען די טויערן פֿון גן־עדן.

„על־כּן נע־ונד זאָל זי זײַן...

אַבֿ־בית־דין (אוו־בעזדן) — דער פֿאַרזיצער פֿון בית־דין. presiding officer

אַ יישובֿ — deliberation

פּסק (פּסאַק) — אורטייל, שטראָף; decision, sentence

היות (העיִאָס) — אַזוי ווי; since

חטא (כעט), **חטאים** (כאַטאָיִם) — זינד; sins

מעשׂים טובֿים (מײַסים טויווים) — good deeds

גיהנום (געהענעם) — hell

צד (צאַד) — פֿון דער צווייטער זײַט, on the other hand

טויערן — gates, portals

גן־עדן (גאַניידן) — paradise

על־כּן (אַל־קיין) — דעריבער, hence

זײַן נע־ונד (נאַ־ווענאַד) — אַרומוואָגלען, ניט האָבן קיין רואָרט; to be homeless

„זאָל זי אַרומפֿלִיען אין דער מיט, צווישן הימל און ערד — ביז גאָט וועט זיך אָן איר דערמאָנען און דערבאַרעמען זיך, און צורופֿן צו זיך מיט זײַן גענאָד.״

און דער שמש נעמט די נשמה און פֿירט זי אַרויס.

יאָמערט נעבעך די נשמה און קלאָגט אויף איר מזל.

— וואָס ווײַנסטו אַזוי? — פֿרעגט ער זי: וועסט נישט האָבן קיין נחת און פֿרייד פֿון גן־עדן, וועסטו אָבער אויך נישט האָבן קיין צער און יסורים פֿון גיהנום.

די נשמה אָבער לאָזט זיך נישט טרייסטן:

— בעסער די גרעסטע יסורים, זאָגט זי, איידער גאָרנישט! גאָרנישט איז שרעקלעך!

קריגט ער אויף איר, דער בית־דין־שמש, רחמנות, גיט ער איר אַן עצה:

„פֿלי, זאָגט ער איר, נשמהלע, אַראָפּ און האַלט זיך נידעריק אַרום דער לעבעדיקער וועלט...

„אין הימל אַרײַן, זאָגט ער, קוק נישט... וואָרעם וואָס וועסטו זען אין יענער זײַט הימל? נײַערט שטערנדלעך! און דאָס זײַנען ליכטיקע, נאָר קאַלטע ברואים, זיי ווייסן פֿון קיין רחמנות נישט, זיי וועלן זיך נישט מיִען פֿאַר דיר, זיי וועלן גאָט אין דיר נישט דערמאָנען...

„מיִען זיך פֿאַר אַן אָרעמער פֿאַרוואָגלטער נשמה קענען נאָר די צדיקים פֿון גן־עדן . . . און זיי, הער, נשמהלע, — האָבן ליב מתּנות... שיינע מתּנות...

„פֿלי זשע, נשמהלע, — זאָגט ער ווײַטער, — נידעריק אַרום דער לעבעדיקער וועלט און קוק זיך צו ווי עס לעבט זיך, וואָס עס

דערבאַרעמען — קריגן רחמנות, to have compassion

יאָמערט — ווײַנט ביטער, ווײַנט הויך אויפֿן קול.

נחת (נאַכעס) — פֿרייד; joy

צער (צאַאַר) — האַרצווייטאָג; דאָ: torments

יסורים (ייִסורים) — ווייטאָגן; sufferings, pains

עצה (אייצע) — advice

נײַערט — נאָר.

ברואים — באַשעפֿענישן; creatures

פֿאַרוואָגלטע — פֿאַרטריבענע.

צדיקים (צאַדיקים) — Saints

טוט זיך און דערזעסטו עפּעס אַזוינס, וואָס איז אויסטערליש שיין און גוט, כאַפּ עס און פֿלי דערמיט אַרויף; עס וועט זײַן אַ מתּנה פֿאַר די צדיקים אין גן־עדן... און מיט דער מתּנה אין דער האַנט זאָלסטו אָנקלאַפּן און מעלדן זיך אין מײַן נאָמען בײַם מלאך פֿון דער פֿאָרטקע. זאָג: איך האָב געהייסן!..

„און אַז דו וועסט האָבן געבראַכט דרײַ מתּנות, זײַ זיכער — וועלן זיך פֿאַר דיר עפֿענען די טויערן פֿון גן־עדן."

און אַזוי רעדנדיק, שטופּט ער זי מיט רחמנות פֿון הימל אַרויס.

ב) די ערשטע מתּנה

פֿליט עס אַזוי, דאָס אָרעמע נשמהלע, נידעריק איבער דער לעבעדיקער וועלט. און עס פֿליט אַרום און אַרום, איבער דערפֿער און שטעט; צווישן ברענענדיקע שטראַלן אין די גרעסטע היצן; אין רעגן־צײַט — צווישן טראָפּן און וואַסער־נאָדלען; סוף זומער — צווישן זילבערנעם שפּינוועבס, וואָס הענגט אין דער לופֿט; ווינטער צווישן די שנייעלעך, וואָס פֿאַלן פֿון דער הייך... און קוקט, און קוקט, און קוקט זיך די אויגן אויס...

וואו זי דערזעט אַ ייִד, פֿליט זי האַסטיק צו און קוקט אים אין די אויגן אַרײַן — צי גייט ער נישט מקדש־השם זײַן?

וואו עס לײַכט בײַנאַכט דורך אַ שפּאַלט פֿון אַ לאָדן, — זי איז דאָ און קוקט אַרײַן, צי וואַקסן נישט אין דער שטילער שטוב גאָטס שמעקעדיקע בלימעלעך — באַהאַלטענע מעשׂים־טובֿים?

אויסטערליש — extraordinary

מעלדן זיך — to report

פֿאָרטקע — אַ קליין פֿענצטערל; gate; dormer-window

שטראַלן — rays

שפּינוועבס — spider-web

קוקט זיך די אויגן אויס — קוקט אָנגעשטרענגט (tense)

האַסטיק — גיך.

מקדש השם (מעקאַדעש־האַשעם) זײַן — הייליקן גאָטס נאָמען, טון אַ העלדישע טאַט פֿון גאָטס וועגן; to sanctify the name of God

שפּאַלט — עפֿענונג.

לאָדן — shutter

לײדער!.. מערסטנטײלס שפּרינגט זי אַפּ פֿון אויגן און פֿענצטער דערשראָקן און פֿאַרציטערט...

און אַז עס גײען װײַטער פֿאַרבײַ זמנים און יאָרן, פֿאַלט זי כּמעט אין אַ מרה־שחורה אַרײַן. זײַן ליבער נאָמען האָט זיך אין איר נישט דערמאָנט, און קײן אױסטערליש גוטס און שײנס האָט זי נישט געפֿונען...

טראַכט זי בײַ זיך:

„די װעלט איז אַזױ אָרעם, די מענטשן — אַזױ מיטלמעסיק און גרױ אױף דער נשמה, און די מעשׂים זײַנען אַזױ קלײן... אױף אײביק בין איך נע־ונד און פֿאַרשטױסן"...

נאָר װי זי טראַכט אַזױ, שלאָגט איר אַ רױטע פֿלאַם אין די אױגן אַרײַן, אין מיטן דער פֿינצטערער, שװערער נאַכט אַ רױטע פֿלאַם.

זי קוקט זיך אום — פֿון אַ הױך פֿענצטער שלאָגט די פֿלאַם...

גזלנים זײַנען אַ גבֿיר באַפֿאַלן, גזלנים מיט מאַסקעס אױף די פּנימער. אײנער האַלט אַ ברענענדיקן שטורקאַץ אין דער האַנט און לײַכט; אַ צװײטער שטײט בײַם גבֿירס ברוסט מיט אַ בליצנדיק מעסער און חזרט אים אַלץ אין אײנעם איבער: „רירסטו זיך, ייִד, איז דײַן סוף! גײט דיר דער שפּיץ מעסער פֿון יענער זײַט רוקן אַרױס"... און די רעשט עפֿנט קאַסטנס און שרענק און רױבט.

און דער ייִד שטײט בײַם מעסער און קוקט געלאַסן צו... קײן ברעם איבער זײַנע קלאָרע אױגן, קײן האָר פֿון דער װײַסער באָרד רירט זיך נישט... נישט זײַן זאַך. „גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען, — טראַכט ער, — געלױבט איז זײַן הײליקער נאָמען!

זמן (זמאַן), **זמנים** (זמאַנים) — אַ צײַט, אַ האַלב יאָר; דאָ: seasons

מרה־שחורה (מאָרע־שכױרע) — melancholy

זײַן ליבער נאָמען — גאָט.

מיטלמעסיק — mediocre

שטורקאַץ — torch

חזרט (כאַזערט) — האַלט אין אײן זאָגן.

די רעשט — די איבעריקע.

שרענק — closets

געלאַסן — רואיק.

ברעם — eyelash

מיט דעם ווערט מען נישט געבוירן און דאָס גיט מען נישט מיט אין קבֿר אַרײַן" — שעפּטשען זײַנע בלאַסע ליפּן.

און ער קוקט גאַנץ רואיק צו, ווי מען עפֿנט דעם לעצטן שופֿלאַד פֿון דער לעצטער קאָמאָדע און ווי מען שלעפּט אַרויס זעקלעך מיט גאָלד און זילבער, זעקלעך מיט צירונג און אַלערליי טײַערע כּלים — און ער שווײַגט...

נאָר פּלוצלונג, אַז די גזלנים טרעפֿן צום לעצטן באַהעלטעניש און ציִען אַרויס אַ קליין זעקעלע, דאָס לעצטע, דאָס באַהאַלטנסטע, — פֿאַרגעסט ער זיך, ציטערט ער אויף, צעפֿלאַמען זיך אים די אויגן, ציט ער אויס צום ווערן די רעכטע האַנט, ווײַל ער אַ געשריי טון: „רירט נישט!"

נאָר אויפֿן אָרט פֿון אַ געשריי שפּריצט אַרויס אַ רויטער שטראַל פֿון רויכערדיקן בלוט — דאָס מעסער האָט זײַנם געטון... עס איז דאָס בלוט פֿון האַרץ און שפּריצט אויפֿן זעקל אַרויף!

ער פֿאַלט, און געשווינד רײַסן די גזלנים אויף דאָס זעקל — דאָ וועט זײַן דאָס בעסטע, דאָס טײַערסטע!

זיי האָבן אָבער אַ ביטערן טעות געהאַט; אומזיסט בלוט פֿאַרגאָסן — נישט קיין זילבער, נישט קיין גאָלד און נישט קיין צירונג איז אין זעקל געווען; גאָרנישט פֿון דעם וואָס איז טײַער און האָט אַ ווערט אויף דער דאָזיקער וועלט! עס איז געווען אַ ביסל ערד, ארץ־ישׂראל ערד אין קבֿר אַרײַן, און דאָס האָט דער גבֿיר געוואָלט ראַטעווען פֿון פֿרעמדע הענט און אויגן, — און מיט זײַן בלוט באַשפּריצט...

כאַפּט די נשמה אַ פֿאַרבלוטיקטן שטויב פֿון ארץ־ישׂראל ערד און מעלדעט זיך דערמיט בײַ דער פֿאָרטקע אין הימל...

די ערשטע מתּנה איז אָנגענומען געוואָרן.

שעפּטשען — רעדן שטיל; to murmur

שופֿלאַד — drawer

קאָמאָדע — chest of drawers

צירונג — jewelry

כּלים (קיילים) — utensils

צעפֿלאַמען זיך — צעברענען זיך; to flame; דאָ: to glare

ג) די צווייטע מתנה

— געדענק, — האָט דער מלאך צוגערופֿן, פֿאַרמאַכנדיק הינ־טער איר די פֿאַרטקע פֿון הימל, — נאָך צוויי מתנות.

— גאָט וועט העלפֿן! — האָפֿט די נשמה און פֿליט פֿריילעך צוריק אַראָפּ.

די פֿרייד האָט מיט דער צײַט אָבער אויפֿגעהערט. עס גייען ווײַטער אַוועק יאָרן און יאָרן, און זי זעט נישט קיין אויסטערליש שיינס... און עס באַפֿאַלן זי צוריק טרויעריקע געדאַנקען:

„ווען גאָט, — טראַכט זי, — זאָל הייסן איבערוועגן מיט אַ מאָל די מצוות מיט די עבֿרות פֿון דער גאַנצער וועלט, וואָלט זיך אויך דאָס צינגל קוים גערירט, קוים־קוים געציטערט...”

פּלוצלונג וועקן זיך קולות פֿון טראָמפּייטן און הערנער...

זי קוקט אַראָפּ — אַ דײַטשישע שטאָט (פֿאַרשטייט זיך, אַ פֿאַרצײַטישע), אַלערליי אויסגעבויגענע דעכער רינגלען אַרום דעם פּלאַץ פֿאַרן מאַגיסטראַט, און פֿול מיט פֿאַרשיידן־פֿאַרביק־געקליידטע מענטשן איז דער פּלאַץ; פֿול קעפּ אין די פֿענצטער; מענטשן ליגן אויף די דעכער אַרום, טייל זיצן רײַטנדיק אויף די באַלקנס, וואָס שטאַרן אַרויס בײַ די ווענט אונטער די דעכער, פֿול געפּראָפּט זײַנען די באַלקאַנען...

פֿאַרן מאַגיסטראַט שטייט אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרין טוך מיט גאָלדענע פֿראַנדזן און טראָלבן. בײַם טיש זיצן די הערן פֿון מאַגיסטראַט, אין סאַמעטענע קליידער אויף גאָלדענע האָקלען, אין סויבלנע היטלען מיט ווײַסע פֿעדערן אויף בריליאַנטענע קנעפּ; אויבנאָן זיצט דער פּרעזידענט אַליין. אַ פּרעסיקער אָדלער ווייט אים איבערן קאָפּ...

אין אַ זײַט שטייט געבונדן אַ יידיש מיידל, נישט ווײַט האַלטן צען קנעכט אַ ווילד פֿערד און דער פּרעזידענט הייבט זיך אויף און

פֿאַרצײַטישע — פֿון גאָר אַלטע צײַטן.

wooden beams — באַלקנס

overflowed ; דאָ: פֿול מיט מענטשן — געפּראָפּט

braids, fringes — פֿראַנדזן

tassels — טראָלבן

velvet — סאַמעטענע

an ornamental fastening for the front of a coat — האָקלען

לייענט פֿאַרן ייִדישן מיידל אַ פּסק פֿון אַ פּאַפּיר, און ער ווענדט זיך מיטן פּנים צום מאַרק:

„אַט די ייִדין דאָ, די ייִדישע טאָכטער, איז אַ שווערע זינד באַגאַנגען; אַ שווערע זינד, וואָס גאָט אַליין, ווי גרויס זײַן בארעמהאַרציקייט זאָל נישט זײַן, וואָלט איר נישט געקאָנט מוחל־זײַן.

„זי האָט זיך אַרויסגעגנבֿעט פֿון געטאָ און איז אַרומגעגאַנגען אין אונדזער לעצטן הייליקן יום־טובֿ אויף אונדזערע ריינע גאַסן . . .

„און זי האָט באַפֿלעקט מיט אירע אומפֿאַרשעמטע אויגן אונדזער הייליקע פּראָצעסיע; אונדזערע הייליקע בילדער, וואָס מיר האָבן מיט לויב־געזאַנג איבער די גאַסן געטראָגן...

„מיט אירע פֿאַרשאָלטענע אויערן האָט זי אײַנגעזאַפּט דאָס געזאַנג פֿון אונדזערע ווײַס־געקליידטע, אומשולדיקע קינדער און דאָס קלאַפּן פֿון די הייליקע פּויקן... און ווער ווייסט צי האָט דער טײַוול, — דער אומריינער טײַוול, וואָס האָט אויף זיך גענומען די געשטאַלט פֿון דער ייִדישער טאָכטער, פֿון פֿאַרשאָלטענעם רבֿס טאָכטער, — זיך נישט צוגערירט און נישט באַפֿלעקט אונדזערם אַ ריינקייט?

„וואָס האָט ער געוואָלט דער טײַוול אין דער שיינער געשטאַלט? ווארעם לייקענען קאָן איך נישט — שיין איז זי, שיין, ווי נאָר אַ טײַוול קאָן זיך מאַכן, — זעט די חוצפּה־שטראַלנדיקע אויגן פֿון אונטער די צנועהדיק אַראָפּגעלאָזטע זײַדענע ברעמען... זעט דאָס אַלבאַסטער־פּנים, וואָס איז אין דער לאַנגער תּפֿיסה

באַרעמהאַרציקייט — mercy

מוחל זײַן (מויכל זײַן) — פֿאַרגעבן, to forgive

באַפֿלעקט — שמוציק געמאַכט; desecrated

אומפֿאַרשעמטע — shameless

פֿאַרשאָלטענע — accursed

אײַנגעזאַפּט — אַרײַנגענומען, דאָ: זיך צוגעהערט.

פּויקן — drums

דער טײַוול — the devil

די געשטאַלט — דאָס אויסזען.

חוצפּה — insolently

שטראַלנדיקע — sparkling

צנועהדיק (צנועדיק) — modest

תּפֿיסה (טפֿיסע) — געפֿענקעניש, prison

נאַר בלאַסער, אָבער נישט טונקעלער געוואָרן!.. זעט אירע פֿינ־
גער, אירע שמאָלע, לאַנגע פֿינגער פֿון די הענט; די זון לויכט
דורך זיי אַדורך!..

„און וואָס האָט ער געוואָלט, דער טײַוול? אָפּרײַסן אַ נשמה
פֿון דער פּראָצעסיע... און עס איז אים געראָטן:

„— זעט דאָס שיינע מיידל! — האָט אויסגערופֿן אונדזערער
אַ ריטער, פֿון איינער פֿון אונדזערע שענסטע משפחות...

„און דאָס איז שוין געווען איבער דער מאָס — די האַלע־
באַרדניקעס האָבן זי באַמערקט און געכאַפּט...

„און דאָס איז דעם טײַוולס, אין געשטאַלט פֿון דעם ייִדישן
מיידל, פּסק:

„צובינדן זאָל מען זי בײַ די האָר, בײַ די לאַנגע, טייוולאָנישע
צעפּ, צום ווײדל פֿון אַט דעם ווילדן פֿערד...

„זאָל עס לויפֿן און שלעפּן זי איבער די גאַסן, וואָס אירע פֿיס
האָבן געטראָטן קעגן אונדזער הייליקן געזעץ...

„זאָל איר בלוט באַשפּריצן און אָפּוואַשן די שטיינער, וואָס
זי האָט פֿאַראומרייניקט מיט אירע פֿיס!"

אַ ווילד פֿרייד־געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אַלע מײַלער
אַרום און אַז די כוואַליע פֿון ווילדע געשרייען איז אַריבער, פֿרעגט
מען די פֿאַרמישפּטע צום טויט, אויב זי האָט זיך נישט וואָס צום
לעצטן מאָל צו ווינטשן.

— איך האָב — ענטפֿערט זי געלאַסן: עטלעכע שפּילקעס
בעט איך!

— זי איז דול פֿאַר שרעק! — מיינען די הערן פֿון מאַגיסטראַט.

ריטער — knight

איבער דער מאָס — צו פֿיל.

האַלעבאַרדניקעס — the armed attendants, halberdiers

פּסק (פּסאַק) — punishment, שטראָף.

צאָפּ, צעפּ — braid, braids

ווײדל — tail, עק.

באַשפּריצן — to besprinkle

כוואַליע — wave דאָ: hysteria

פֿאַרמישפּטע — doomed

שפּילקעס — pins

דול — משוגע.

— ניין! — ענטפֿערט זי רויִק און קאַלט: דאָס איז מײַן לעצטער ווילן און פֿאַרלאַנג.

מען האָט עס איר צוליב געטון...

— און אַצינד, — קאָמאַנדירט דער פּרעזידענט, — בינדט צו!

עס גייען צו האַלעבאַרדניקעס און בינדן צו מיט ציטערדיקע הענט דעם רבֿס טאָכטערס שוואַרצע לאַנגע צעפּ צום ווײדל פֿון ווילדן פֿערד, וואָס מען קען שוין קוים דערהאַלטן...

— מאַכט אַ וואַרע! — קאָמאַנדירט ווײַטער דער פּרעזידענט צום עולם אויפֿן פּלאַץ, און עס ווערט אַ גערודער. דער עולם שטעלט זיך און דרינגט זיך צו צו די ווענט פֿון די הײַזער, און אַלע הייבן אויף די הענט, ווער מיט אַ בײַטש, ווער מיט אַ שפּיצרוט, ווער מיט אַ טוך אין דער האַנט, און אַלע זײַנען גרייט צו יאָגן דאָס ווילדע פֿערד. יעדערנס אָטעם איז געשטיקט. אַלע פּנימער פֿלאַמען, אַלע אויגן בליצן, און אין גערודער באַמערקט נישט קיינער, ווי די פֿאַר־מישפּטע בייגט זיך שטיל אַראָפּ און שפּיליעט זיך צו די זוים פֿונעם קלייד צו די פֿיס און שטעקט טיף, טיף אַרײַן די שפּילקעס זיך אין לײַב — עס זאָל איר לײַב נישט אַנטפּלעקט ווערן, ווען דאָס פֿערד וועט זי שלעפּן אין די גאַסן...

באַמערקט האָט עס נאָר די נע־ונדניצע — די נשמה...

— לאָזט דאָס פֿערד! — קאָמאַנדירט דערווײַל דער פּרעזי־דענט, און די קנעכט זײַנען דערפֿון אָפּגעשפּרונגען, און מיט אַ מאָל האָט עס זיך אויסגעריסן, און אויסגעריסן האָט זיך אויך אַ געשריי פֿון אַלע מײַלער, און עס ווייען און פֿײַפֿן אין דער לופֿט אַלע בײַטשן, שפּיצרוטן און טיכער. און ווילד־דערשראָקן יאָגט דאָס פֿערד אי־בערן מאַרק, איבער גאַסן און הינטערגאַסן אַרויס, אַרויס פֿון שטאָט...

און די נשמה, די נע־ונדניצע, האָט שוין אַרויסגעצויגן אַ פֿאַר־

קאָמאַנדירט — באַפֿעלט, commands

מאַכט אַ וואַרע — רוקט זיך אָפּ, מאַכט פּלאַץ.

גערודער — טומל, commotion

דרינגט זיך צו — רוקט זיך צו.

בײַטש — whip

שפּיצרוט — rod

שפּיליעט זיך צו — fastens, pins

די זוים — ענד, edge

אַנטפּלעקט — אויפֿגעדעקט, exposed

בלוטיקטע שפּילקע פֿון דער פֿאַרמישפּטערס פּוס און פֿליט שוין מיט איר צום הימל אַרויף!

— נאָך איין מתּנה אין גאַנצן! — טרייסט זי דער מלאך ביי דער פֿאַרטקע.

ד) די דריטע מתּנה

און צוריק פֿליט אַראָפּ די נשמה, אין גאַנצן נאָך איין מתּנה דאַרף זי.

און עס גייען ווייטער אַוועק זמנים און יאָרן, און עס באַפֿאַלט זי ווייטער אַ מרה־שחורה. די וועלט, דאַכט זיך איר, איז נאָך קלענער געוואָרן.. נאָך קלענערע מענטשן, נאָך קלענערע מעשׂים... די גוטע ווי די שלעכטע...

איין מאָל טראַכט זי:

„ווען גאָט, געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען, זאָל וועלן אַ מאָל אָפּשטעלן און סוף־כּל־סוף מישפּטן די וועלט, אַזוי ווי עס איז, מיט אַ מאָל... און פֿון איין זייט זאָל זיך שטעלן אַ סניגור און שיטן פֿון ווייסן זאַק אַרויס שרעטעלעך און שטייבעלעך; און פֿון דער צווייטער זייט — דער קטיגור זאָל שיטן זיינע פּיצלעך און ברעקלעך, וואָלט געדויערט און געדויערט איידער די זעק וואָלטן ליידיק געוואָרן... אַזוי פֿיל קלייניקייטן, אַזוי פֿיל!

„אָבער אַז די זעקלעך וואָלטן שוין ליידיק געוואָרן, וואָס וואָלט געווען?

„דאָס צינגל וואָלט געווים געבליבן שטיין אין דער מיט!

„ביי אַזוינע קלייניקייטן, ביי אַזוי פֿיל קלייניקייטן קען גאָרנישט איבערוועגן... וואָרעם וואָס? נאָך אַ פֿעדערל, נאָך אַ שטויב!..

דער נשמה איז אָבער באַשערט געווען אויסגעלייזט צו ווערן. פֿון די שווערע מחשבֿות — וועקט זי אַ קול פֿון פֿויקן...

וואו איז זי, ווען?

סוף־כּל־סוף (סאָף־קאָל־סאָף) — ענדלעך, finally
באַשערט — געווען באַשטימט, destined
אויסגעלייזט צו ווערן — to be redeemed
מחשבֿות (מאַכשאָוועס) — געדאַנקען, thoughts
אַ קול (קאָל) — דאָ: קלאַנג, sound

זי דערקענט נישט דאָס אָרט, נישט די צײַט . . .

נאָר אַ פּלאַץ פֿאַר אַ תּפֿיסה זעט זי... אויף די אײַזערנע גראַטן אין די קליינע פֿענצטערלעך ציִען זיך שפּילנדיק די שטראַלן פֿון דער זון. זיי גליטשן זיך אויך אויף די שטיקן פֿון צוזאַמענ־געשטעלט געווער בײַ דער וואַנט. די סאָלדאַטן האָבן אין האַנט אַרײַן — ריטער באַקומען...

אין צוויי לאַנגע שורות, מיט אַ שמאָלן דורכגאַנג אין דער מיט, האָט מען זיי אויסגעשטעלט: „דורך אַ סטראָי" וועט מען טרײַבן . . .

װעמען?

עפּעס אַ ייִדל מיט אַ צעריסן העמד אויפֿן מאָגערן לײַב, מיט אַ יאַרמלקע אויפֿן האַלב געגאָלטן קאָפּ. אָט פֿירט מען אים צו.

פֿאַרוואָס קומט עס אים? ווער ווייס? אַ פּאַרצײַטישע זאַך! אפֿשר פֿאַר אַ גנבֿה, אפֿשר פֿאַר אַ גזלה צי אַ רציחה, און אפֿשר אַ בילבול... עס איז דאָך געווען פֿאַרצײַטן . . .

און די זעלנערס שמייכלען און טראַכטן: נאָך וואָס האָט מען אונדז אַזוי פֿיל גענומען און אויסגעשטעלט? ער וועט נישט אויסהאַלטן די העלפֿט!

נאָר אָט שטופּט מען אים צווישן די שורות אַרײַן, אָט גייט ער... און ער גייט גלײַך און שטרויכלט נישט און פֿאַלט נישט... ער לייזט שמיץ און האַלט זיי אויס...

געווער — דאָ: guns

ריטער — דאָ: knouts

סטראָי — gantlet

יאַרמלקע — skullcap

געגאָלטן — shaven

גנבֿה (גנייווע) — theft

גזלה (גזיילע) — רויבערײַ, robbery

רציחה (רעציכע) — מאָרד, murder, cruelty

בילבול (בילבול) — פֿאַלשע, אויסגעטראַכטע באַשולדיקונג, false accusation

שורות (שורעס) — רייען, lines

שטרויכלט נישט — does not stumble

לייזט — דאָ: קריגט אַ סך שמיץ (lashes)

אַ גרימצאָרן כאַפּט אָן דעמאָלט די סאָלדאַטן! ער גייט נאָך, ער גייט!

און די ריטער פֿײַפֿן אין דער לופֿט ווי די רוחות און כאַפּן אַרום דעם לײַב ווי די שלאַנגען, און דאָס בלוט פֿון מאָגערן גוף שפּריצט און שפּריצט און הערט נישט אויף צו שפּריצן!

הו—האַ! הו—האַ!

אין מיטן טרעפֿט אַ סאָלדאַט צו הויך און וואַרפֿט דעם פֿאַר־מישפּטן אַראָפּ די יאַרמלקע פֿון קאָפּ. נאָך עטלעכע טריט באַ־מערקט ער עס, דער פֿאַרמישפּטער... ער גיט זיך אַ ריר, גלײַך ער האָט אַ יִשוּבֿ, און איז זיך מיישבֿ און דרייט זיך אום: ער וועט נישט גיין בגילוי הראָש, און ער גייט צוריק ביז צום אָרט, וואו די יאַרמלקע ליגט. ער בייגט זיך אײַן און הייבט זי אויף, און דרייט זיך צוריק אוים און גייט ווײַטער, רואיק, רויט פֿאַרבלוטיקט, נאָר מיט דער יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ. אַזוי גייט ער, ביז ער פֿאַלט...

אָן אַז ער איז געפֿאַלן, איז צוגעפֿלויגן די נשמה און געכאַפּט די יאַרמלקע, וואָס האָט אַזוי פֿיל אומזיסטע שמיץ געקאָסט, און איז אַרויף מיט איר צו דער פֿאָרטקע פֿון הימל.

און די דריטע מתּנה איז אויך אָנגענומען געוואָרן!

און די צדיקים האָבן זיך פֿאַר איר געמיט: די טויערן פֿון גן־עדן האָבן זיך איר נאָך די דרײַ מתּנות געעפֿנט!

און אַ צדיק האָט געזאָגט:

— אמת שיינע מתּנות, אויסטערליש שיינע... צו ניץ קומען זיי נישט, אָבער לנוי — אויסטערליש.

גרימצאָרן — בייזער כּעס, fierce anger

רוחות (רוכעס) — טייוולאָנים, demons

מיישבֿ (מעיאַשעוו) — **באַשליסט**, makes up his mind

בגילוי הראָש (בעגילוי האַראָש) — מיט אַ ניט־צוגעדעקטן קאָפּ.

לנוי (לענאָי) — צוליב שיינקייט.

בײַם גוסס צוקאַפּנס

א.

דער שמש פֿון גן־עדן — אַ ליכטיקער מלאך — אַן אָפּגלאַנץ פֿון זײַן ליבן נאָמענס שטראַלנדיקער גענאָד, קומט איין מאָל פֿאַר־נאַכט פֿון גן־עדן אַרויס און עפֿנט, צערודערט און פֿאַרזאָרגט, אַ פֿענצטערל פֿון הימל, בייגט אַרויס דעם שטראַלנדיקן קאָפּ, און ווענדט זיך מיט אַ טרויעריקער, ציטעריקער שטים צו דער אונ־טערגייענדיקער זון און פֿרעגט:

— ווייסטו נישט, זון, וואָס בײַ לייבל קאַנסקעוואָלער טוט זיך?

די זון שווײַגט, זי ווייסט נישט.

נאָך אומרואיקער ציט דער מלאך זײַן שטראַלנדיקן קאָפּ צוריק.

און נישט אומזיסט איז אומרואיק דער מלאך.

שוין פֿון יאָרן און יאָרן רויִשן צוויי מאָל אין טאָג אַלע זיבן הימלען מיט לייבל קאַנסקעוואָלערס „שמע ישׂראל" . . .

ווי אַ זילבערנער שרויט צעשיט זיך זײַן „אח — — — ד" צו־פֿוסנס בײַם כּיסא הכּבֿוד . . . און עס קוילערט זיך דער „אחד" און זומט, און ברומט, און זידט, ווי אַ מחנה זומער־פֿייגעלעך, וואָס גלוסט און בענקט צו דער פֿלאַם, ווערט צוגעצויגן צו איר און בריט זיך און ברענט אין איר . . .

גוסס (גויסעס) — איינער וואָס האַלט בײַם שטאַרבן.

גן־עדן (גאַניידן) — paradise

אָפּגלאַנץ — reflection

זײַן ליבער נאָמען — גאָט.

שטראַלנדיקער גענאָד — radiant grace

צערודערט — upset

שמע ישׂראל (שמאַ יִסראָעל) — די ערשטע צוויי ווערטער פֿון דעם יִדישן אויסרוף: שמע ישׂראל יהוה אלהינו יהוה אחד — הער, ישׂראל, גאָט איז אונדזער גאָט, גאָט איז איינער.

שרויט — pellets

אחד (עכאָד) — איינער.

כּיסא הכּבֿוד — (קיסיי־האַקאָווער) — גאָטס שטול.

קוילערט זיך — קײַקלט זיך, rolls

מחנה (מאַכנע) — a host

גלוסטן — to yearn

בריִען זיך — ברענען זיך

דאָס לעצטע מאָל האָט ער אים צו שחרית געהערט.
צו מינחה האָט ער שוין געפֿעלט!
אין אָרקעסטער איז פּלוצלונג שטיל געוואָרן אַ כּלי; אַ סטרונע בײַ אַן ערשטער פֿידל האָט געפּלאַצט און איז פֿאַרשטומט געוואָרן.
צי האָט לייבל קאָנסקעוואָלער פֿאַרגעסן צו דאַוונען מינחה?
וועט ער זאָגן צוויי שמונה־עשׂרהס בײַ מעריבֿ?
נידעריקער לאָזט זיך דערווײַל אַראָפּ די זון.

און אָט איז אַראָפּ די זון אין גאַנצן. לבֿנה און שטערן בלאַנקען שטיל־שווײַגנדיק אויף און נעמען איבער די ממשלה איבער דער וועלט אויף איבער נאַכט . . . און זיי שפּינען און וועבן זייער פֿאַרכּישופֿט שפּינוועבס — אַ זילבער־דינע נעץ איבער דער פֿאַרמאַטערטער ערד . . .

עס דויערט נישט לאַנג, און מען הערט ווי מען קלאַפּט אונטן צו חצות . . .

דער גן־עדן־שמש וועקט זיך פֿון אַ טיפֿן חלום, גייט צו און

שחרית (שאַכרים) — דאָס ערשטע מאָל דאַוונען, גלײַך אין דער פֿרי פֿאַרן עסן.
מינחה (מינכע) — דאָס צווייטע מאָל דאַוונען אין פֿאַרלויף פֿון טאָג, נאָך מיטאָג, אָדער פֿאַרנאַכט איידער די זון פֿאַרגייט.
כּלי (קיילע) — אינסטרומענט.
סטרונע — string
געפּלאַצט — snapped
שמונה עשׂרה (שימענעסרע) — אַכצן; די פֿײַערלעכע תּפֿילה פֿון אַכצן ברכות (בראָכעס — graces) וואָס מען זאָגט בײַ יעדן דאַוונען.
מעריבֿ (מאַריוו) — דאָס דריטע מאָל דאַוונען אין פֿאַרלויף פֿון טאָג, ווען עס איז שוין אָוונט.
בלאַנקען — to shine
ממשלה (מאַמשאָלע) — rule
שפּינען — to spin
וועבן — to weave
פֿאַרכּישופֿט (פאַרקישעפט) — magic
שפּינוועבס — web
חצות (כצאָס) — דאָס זאָגן תּפֿילות פּונקט האַלבע נאַכט. midnight service

עפֿנט נאָך אַ מאָל אַ פֿענצטערל אין הימל, בייגט אַרויס דעם קאָפּ און רופֿט פֿרעגנדיק:

— לבֿנה און שטערן, איידער איר פֿאַרשווינדט, צי קענט איר מיר נישט זאָגן, וואָס עס האָט מיט לייבל קאָנסקעוואָלער פּאַסירט?

און דעמאָלט האָט זיך גאָלדן צעפֿלאַקערט אַ קליין שטערנדל פֿון ווײַטן, איז צוגעשוואומען צום פֿענצטערל און האָט געענטפֿערט:

— איך ווייס, ליכטיקער מלאך!

איך בין דורך קאָנסקעוואָליע געשוואומען און האָב אין זײַן פֿענצטערל אַרײַנגעקוקט... ער שטאַרבט, לייבל קאָנסקעוואָלער... אַן אַלטער מאַן... זײַן ווײַסע באָרד איבער דער קאָלדרע בלאַנקט ווי ריין זילבער... נאָר דאָס פּנים איז אײַנגעשרומפּן און געל...

און דער מלאך, דער שמש פֿון גן־עדן, האָט בײַ קיינעם קיין רשות נישט גענומען, איז אַראָפּגעשאָסן אויף דער ערד נאָך לייבל קאָנסקעוואָלערס נשמה...

עס וועט אַן אומגעריכטע פֿרייד זײַן אין גן־עדן.
אַזוי האָט ער געטראַכט.

ב.

פֿלינק פֿליִען מלאָכים, נאָר — די שוואַרצע ווי די ווײַסע..

און אַז דער ליכטיקער מלאך איז אַראָפּגעקומען, האָט ער שוין געטראָפֿן אַ פֿינצטערן מלאך בײַם גוסס צוקאָפּנס...

צי איז דער פֿינצטערער פֿריִער אַרויס, צי האָט ער צו אונדז אַ קירצערן וועג? ווער ווייס?

— וואָס טוסטו דאָ? — וואונדערט זיך דער ליכטיקער מלאך, דערשראָקן. עס איז דאָך לייבל קאָנסקעוואָלער!

— איז וואָס? — לאַכט דער שוואַרצער, און צוויי שורות ווײַסע ציין בליצן אים אַרויס פֿון אויסגעקרימטן מויל...

צעפֿלאַקערט — צעברענט, flared up
אײַנשרומפּן — to shrink
רשות (רעשוס) — דערלויבעניש, permission
אומגעריכטע — unexpected
שורות (שורעס) — רייען, rows
בליצן — דאָ: to sparkle
אויסגעקרימטן — distorted

— דאָס איז מײַן נשמה! איך בין שמשׂ פֿון גן־עדן.

— זייער אָנגענעם! — מאַכט דער שוואַרצער — איך בין נאָר אַ לאַפּיטוט פֿון גיהנום, נאָר לאָמיר זען!

און ער גיט אַ שאַר מיט אַ פֿוס אונטערן קראַנקנס בעט, און עס רוקט זיך אַרויס אַ פֿאַרבונדענער זאַק.

— וואָס ליגט דאָ אין זאַק?

— טלית־ותּפֿילין, וויל דער גוטער מלאך טרעפֿן.

— אונטערן בעט באַהאַלטן? עבֿרות באַהאַלט מען!

און ער בייגט זיך אַראָפּ צום זאַק און בינדט אים אויף, און עפֿנט אים, און דערלאַנגט אים אַ שטויס מיטן פֿוס — אַ גאָלדענער גלאַנץ וואַרפֿט זיך איבער דער שטוב, אַ גאָלדענער קלאַנג לויפֿט אים נאָך: גאָלדענע רענדלעך שיטן זיך אויס . . .

— גנבֿה־געלט, גזלה־געלט! — רופֿט אויס דער שוואַרצער מלאך. אויסגענאַרט בײַ נישט־קלוגע, געראַבעט בײַ אַלמנות, גע־גזלט בײַ יתומים, פֿון צדקה־פּושקעס אַרויסגענומען . . . מיט בלו־טיקע טרערן זײַנען זיי געוואַשן און האַרציקע בלוטפֿלעקן קלעפּן אין זיי . . . און זע, ווי ער וועקט זיך, אַז מען רירט זײַן גאָלד!

מיט פֿאַרשלאָסענע אויגן וואַרפֿט זיך דער גוסס . . .

פֿאַרציטערט בלײַבט דער ווײַסער מלאך און פֿאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט דער ערשטער פּאָר פֿליגל . . . דורך אַ שפּאַלט פֿון

לאַפּיטוט — אַ דינער אין גיהנום.
גיהנום (געהענעם) — hell
אַ שאַר געבן — אַ רוק טון, to poke
עבֿרות (אַווייִרעס) — sins
רענדלעך — coins
גנבֿה (גנייווע) **געלט** — stolen money
גזלה (גזיילע) **געלט** — robber's money
אַלמנה, אַלמנות (אַלמאָנע, אַלמאָנעס) — widow (s)
געגזלט (געגזאָלט) — swindled
יתומים (יעסוימים) — orphans
צדקה (צדאָקע) **פּושקע** — charity box
שפּאַלט — crack

לאָדן רײַסט זיך אַרײַן אַ שטראַל פֿון דער מאָרגנדיקער זון, ער פֿאַלט איבערן גוססעם ברעמען — זיי ציטערן.

צום לעצטן מאָל עפֿנט ער האַלב די אויגן אויף:

— ווער איז דאָ? — פֿרעגן די פֿאַרגעלטע ליפּן מיט אַ שאָרך פֿון אַ פֿאַרפֿוילטן בלאַט...

— איך! — ענטפֿערט דער שלעכטער מלאך — איך, וואָס איך בין נאָך דײַן נשמה געקומען... קום!

— וואו אַהין?

— אין גיהנום אַרײַן!

פֿאַר שרעק פֿאַלן דעם גוסס צוריק די אויגן צו.

— בעט, בעט גאָט! — רופֿט דער גוטער מלאך. — טו תשובֿה... עס איז נאָך צײַט... זײַ מפֿקיר דײַן גאָלד...

— שמע... — הייבט דער גוסס אָן.

— ער וועט נישט מפֿקיר זײַן! — זאָגט דער שלעכטער מלאך און לייגט זײַן שווערן, שוואַרצן פֿליגל איבערן גוססעם פּנים, און אונטערן פֿליגל ווערט דאָס קול צוזאַמען מיטן גוסס דערשטיקט.

דער ווײַסער מלאך רוקט זיך אָפּ פֿאַרשעמט.

ג.

אין אַ פֿינצטערער, פֿאַרגאַסענער האַלבער נאַכט, צווישן גע־רויש, געשריי און געפּילדער אין גיהנום, שנײַדט זיך דורך אַ שאַרף שנײַדנדיקער באַפֿעל:

— נחמנקע פֿון זבאַרזש גייט אויס... ער פֿלעגט זיך שנײַדן די נעגל נישט איבערגעהיפּט, אָוועקוואַרפֿן... נישט איין מאָל פֿאַרגעסן מינחה צו דאַווענען, — ווער גייט נאָך זײַן נשמה?

— איך! — רופֿט זיך אָן אַ מלאך־חבלה.

לאָדן — shutter

שטראַל — ray

ברעמען — eyebrows

שאָרך — rustle

פֿאַרפֿוילט — rotten

תשובֿה (טשואווע) טאָן — to repent

מפֿקיר (מאַפקיר) זײַן — זיך אָפּזאָגן פֿון עפּעס.

איבערהיפּן — to skip ; דאָ: שנײַדן די נעגל ניט לויטן רעליגיעזן דין

מלאך־חבלה (מאַלעך כאַבאָלע) — infernal angel

— גרייט דערוויַיל צו אַ קאָכעדיקן קעסל סמאָלע!

ער שפּרינגט אונטער און פֿליט אַרויס פֿון גיהנום . . .

געשווינד פֿליִען שלעכטע מלאָכים, צום גליק אָבער גוטע אויך; די גוטע זיַינען אפֿשר וויַיטער פֿון אונדז, נאָר דאָס גרעסטע רחמנות טראָגט זיי . . . .

און אַז דער מלאך־חבלה איז צום קראַנקנס בעט געקומען, האָט ער שוין צוקאָפּנס אַ וויַיסן גוטן מלאך געטראָפֿן. ער איז געזעסן און האָט געטרייסט:

— שרעק זיך נישט, אָרעמער מענטש, פֿאַרן טויט . . . עס איז נאָר אַ בריק, אַ קורצע גרענעץ צווישן פֿינצטערקייט און ליכט . . . פֿון זאָרג און אומרו אַן איבערגאַנג צו רו און גליק . . .

נאָר דער קראַנקער, דאַכט זיך, הערט נישט. ער איז פֿאַר־טראַכט, און די פֿלאַמענדיקע אויגן בלאָנדזשען אַרום אויף די ווענט . . .

און דער שוואַרצער מלאך בליַיבט שטיין ביַי דער טיר און קוקט פֿאַרוואונדערט . . . .

— האָסט נישט קיין טעות, חבֿר? — פֿרעגט ער דעם ליכטיקן מלאך.

— ניין! — ענטפֿערט דער גוטער. — איך בין געשיקט געוואָרן נאָך דער נשמה, נאָך דער ריינער באַרעמהאַרציקער נשמה; דו קענסט איבער איר קיין שליטה נישט האָבן!

— ער האָט נישט על־פּי־דין די נעגל געשניטן!..

— איך ווייס, — האָקט אים איבער דער גוטער מלאך, — נאָר דערפֿאַר קיין איינציקע רגע פֿאַר זיך נישט געלעבט . . . נאָר פֿאַר שוואַכע און קראַנקע, פֿאַר אַלמנות און יתומים, פֿאַר פֿאַר־פֿינצטערטע, פֿאַרוואָגלטע, פֿאַרמאַטערטע . . .

— ביַי אונדז אין בוך איז פֿאַרשריבן, וויפֿל מאָל ער האָט מינחה פֿאַרפֿעלט . . .

— נאָר קיין מאָל נישט פֿאַרפֿעלט, ווען מען האָט געדאַרפֿט

קעסל — kettle

סמאָלע — pitch

רחמנות (ראַכמאָנעס) — pity

בלאָנדזשען — to ramble

באַרעמהאַרציקער — pitying

שליטה (שליטע) — control

על־פּי־דין (אַל־פּי־דין) — לויטן געזעץ.

פֿאַרוואָגלט — homeless

עמעצן העלפֿן, קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן צו טרייסטן, צו האַרציקן און צו קרעפֿטיקן דאָרט, וואו די פֿליגל זײַנען אָראָפּגעפֿאַלן מיד, וואו די לעצטע האָפֿענונג, האָט זיך געדאַכט, איז פֿאַרשוואונדן . . .

ער האָט זיך קיין הויז נישט געבויט . . . דעם דאָך איבערן קאָפּ נישט פֿאַרריכט, זײַן בעט זיך נישט ווייך געבעט, אויף קיין נחת פֿון קינדער נישט געהאָפֿט... נאָר אַלץ פֿאַר אַנדערע... ווײַל אַלע אַנדערע האָט ער געהאַלטן בעסער פֿאַר זיך . . .

שוואַרצע וואָלקנס ציִען זיך אין דרויסן איבערן הימל . . . אויף אַ רגע שנײַדט זיך דורך אַ בליץ, נאָר ער ווערט פֿאַרלאָשן און נאָך פֿעסטער ציִען זיך, נאָך ענגער שליסן זיך צוזאַמען די דיקע, פֿינצטערע וואָלקנס.

דער בליץ האָט צום לעצטן מאָל דעם גוסס געוועקט.

— ווער איז דאָ בײַ מיר? ווער זיצט מיר צוקאָפּנס? — פֿרעגן די פֿאַרברענטע ליפּן.

— איך, איך, אַ ליכטיקער מלאך . . . פֿון זײַן ליבן נאָמען נאָך דײַן נשמה געשיקט!.. קום מיט מיר!

— וואו אַהין? — פֿרעגט דער קראַנקער.

— צום הימל אַרויף, אין גן־עדן אַרײַן!

— הימל... גן־עדן... — שטאַמלט נאָך דער גוסס אין היץ: און ווי אַזוי לעבט זיך דאָרט אין הימל, אין גן־עדן דאָרט?

— גוט . . . פֿון גאָטס גענאָד באַשטראַלט, אין גלאַנץ פֿון כּיסא הכּבֿוד . . . מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ . . .

— גלאַנץ . . . גאָלד . . . קרוינען . . . — שטאַמלט דער גוסס נאָך — וואָס וועל איך דאָרט טון?

— וועסט נישט דאַרפֿן טון . . . דאָרט איז אייביק רו, אייביק ליכטיקער נחת, אָן אויפֿהער שטראַלנדיק גליק . . . קום!

— אָבער וואָס וועל איך דאָרט טון? — דרייט זיך מיטן לעצטן כּוח דער גוסס אוים צום מלאך — איז דאָרט דאָ, וועמען צו העלפֿן, געפֿאַלענע אויפֿצוהייבן, קראַנקע צו היילן, הונגעריקע צו זעטיקן, דאָרשטיקע די ליפּן צו נעצן, פֿאַרלוירענע צו זוכן און געפֿינען? דאָס איז דאָך מײַן גליק געווען!..

---

to encourage — האַרציקן

נחת (נאַכעס) — פֿרייד.

to mutter — שטאַמלען

to feed — זעטיקן

— ניין, דאָס נישט! — ענטפֿערט מיט אַ נישט־זיכער קול דער מלאך: — דאָס איז דאָרט נישט פֿאַראַן, דאָרט וועט קיינער נישט דאַרפֿן דײַן הילף . . .

— און וואָס וועל איך דאָרט טון, מלאך? דאָרט, וואו קיינער דאַרף מײַן נשמה נישט, מײַן האַרץ נישט; נישט מײַן רחמנותדיקע טרער אין אויג, נישט מײַן וואָרט צו טרייסטן פֿון מויל, און נישט מײַן האַנט, אויפֿגעהויבן צו ווערן פֿון גרוב?

דער שלעכטער מלאך הערט און שטעקט אַרויס די צונג און באַלעקט זיך . . . אַ חוזק־שמייכל לייגט זיך אים איבערן מויל פֿון אויער צו אויער . . . ער עפֿנט דאָס מויל און צוויי שורות ווײַסע ציין בליצן אויף אין דער פֿינצטערער שטוב . . .

און צערודערט זיצט דער ליכטיקער מלאך און וויים נישט, וואָס צו ענטפֿערן דעם גוסס . . .

— וואָס פֿאָרט, מלאך! וואָס פֿאָרט?

און דער גוטער מלאך דרייט זיך אוים צום פֿענצטער און קוקט אַרוים צום הימל און וואַרט פֿון דאָרט אַן עצה און אַ ראָט . . . נאָר פֿאַרשלאָסן איז דער הימל; אָן אַ וואָרט, אָן אַ שטראַל, אָן אַ פֿונק . . . און עס יאָגן אָן אַלץ נײַע און נײַע, אַלץ שווערערע וואָלקנס — אַ שאָטן פֿאַלט איבערן ליכטיקן מלאכס פּנים. דער הימל זעט אוים האַרט און בייז, אָן רחמנות זעט ער אוים. ער האָט אים נאָך קיין מאָל אַזוי נישט געזען . . . ער בלײַבט פֿאַרציטערט.

מיט דער ווײַלע באַנוצט זיך דער שלעכטער מלאך און גענענט זיך צום בעט פֿון דער צווייטער זײַט.

— קום בעסער מיט מיר — רוימט ער אײַן דעם גוסס.

— וואו אַהין?

— דאָרט, וואו דײַן האַרץ גלוסט . . . צו די אומגליקלעכע,

גרוב — abyss
באַלעקן זיך — דאָ: זײַן גליקלעך, צופֿרידן.
חוזק (כויזעק) — שפּאָט, derision
צערודערט — פֿאַרלאָרן, lost
פֿאָרט — דאָך.
עצה (אייצע) — advice
גענענען — צוגיין נאָענט.
אײַנרוימען — to whisper
גלוסטן — to desire

הונגעריקע, דאַרשטיקע . . . צו די פֿאַרחלשטע און פֿאַרמאַטערטע,
צו די פֿאַרלוירענע, פֿאַרשאָלטענע, צו די פֿון גאָט פֿאַרגעסענע . . .
העלפֿן וועסטו נישט קענען, אָבער — צוזאַמען לײַדן, מיטפֿילן . . .

— איך גיי! איך גיי! — רופֿט דער קראַנקער אויס מיט קראַפֿט — —

און דער ווײַסער מלאך איז אַוועק מיט לײדיקע הענט.

טרייסט

טרייסט מײַן פֿאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פֿעסט דעם גײַסט.
זײַט נ י ש ט דער ווינט וואָס לעשט די פֿלאַם,
נאָר בלאָזט זי אויף, ווײַל נאַכט איז סם!
נאָר בוימל גיסט און פּוצט די קנויט,
ווײַל נאַכט איז גיפֿט און שלאָף איז טויט!
טרייסט מײַן פֿאָלק, עס דאַרף די טרייסט!

מאַכט פֿעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גײַסט, —
עס האָט געלײַכט שוין נישט איין נאַכט,
עס האָט געזיגט שוין נישט איין שלאַכט,
און נישט געלאָזט די פֿאָן פֿון האַנט!
עס שטייט — אַן אײַזן־פֿעסטע וואַנט
אין וויסטן ווילד־פֿאַרקאָכטן ים!
אָ, שטאַרקט דאָס פֿאָלק! בלאָזט אויף די פֿלאַם.

אָ, שטאַרקט דאָס פֿאָלק! נישט אָפּגעשלאָפֿט!
זאָל שפּריצן העל די לעבנס־קראַפֿט,
אַ פֿײַערדיקע זײַל בײַנאַכט — — —

עס זינקט די נאַכט, דער טאָג דערוואַכט!
און שיקט אַ שטראַל — אַ גאָלדענע פֿײַל —
אַ גרוס דער פֿײַערדיקער זײַל!
אָ, טרייסט מײַן פֿאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
מאַכט פֿעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גײַסט!

פֿאַרחלשט (פֿארכאַלעשט) — weary-hearted
פֿאַרשאָלטן — accursed

צווישן צוויי בערג

פֿון בריסקער רבֿ און ביאַלער רבין האָט איר אַוודאי געהערט. דאָך נישט אַלע ווייסן, אַז דער ביאַלער צדיק, ר׳ נחקע, איז פֿריִער געווען דעם בריסקער רבֿס אַ תּלמיד, אַז ער האָט בײַ אים געלערנט אַ שיינע פּאָר יאָר און דערנאָך ערשט איז ער נעלם געוואָרן, אָפּגעריכט אַ פּאָר יאָר „גלות״, און איז נתגלה געוואָרן אין ביאַלע.

און אַוועק איז ער מהאי טעמא: מען האָט געלערנט תּורה, נאָר די תּורה, האָט דער רבי געפֿילט, איז טרוקענע תּורה . . . קומט ראובֿן ושמעון האָבן אַ דין־תּורה, קומט אַ משרת אַ שאלה פֿרעגן, אָדער אַן אישה האָט אַ שאלה, — קריגט באותו הרגע דאָס לערנען אַ חיות, לעבט עס אויף און עס האָט אַ ממשלה אויף דער וועלט. אָבער אַזוי, אָן זיי, פֿילט דער רבי, אַז די תּורה, דאָס הייסט: דער גוף פֿון דער תּורה, דאָס וואָס עס ליגט פֿון אויבנאויף — איז טרוקן. נישט דאָס, האָט ער געפֿילט, איז ת ו ר ת ח י י ם! — תּורה דאַרף לעבן! לערנען אַנדערע קבלה־ספֿרים האָט מען אין בריסק ניט געטאָרט. דער בריסקער רבֿ איז געווען אַ מתנגד. איינעם האָט

בריסק, ביאַלע — שטעט אין פּוילן.

צדיק (צאַדיק) — הייליקער מאַן.

נחקע (נויעבקע) — אַ נאָמען.

נעלם (נעלעם) ווערן — פֿאַרשווינדן, to disappear

אָפּריכטן גלות (גאָלעס) — נעמען אויף זיך פֿרײַוויליק די צרות פֿון אַרומוואַנדערן, פֿון זײַן אָן אַ היים.

נתגלה (ניסגאַלע) ווערן — זיך באַווײַזן, to reappear

מהאי טעמא (מעהיי טײַמע) — דערפֿאַר.

דין־תּורה (דין־טוירע) — a trial before a Jewish religious court

משרת (מעשאָרעס) — אַ דינער, servant

שאלה (שײַלע) — religious question, problem

אישה (אישע) — פֿרוי.

באותו הרגע (בעאויסוי האָרעגע) — אין יענעם מאָמענט.

חיות (כײַעס) קריגן — become alive

ממשלה (מעמשאָלע) — הערשאַפֿט, power, rule

תּורת חיים (טוירעס כאַיִם) — די תּפֿילה פֿון לעבן.

קבלה (קאַבאָלע) — Jewish mysticism

מתנגד (מיסנאַגעד) — אַ קעגנער פֿון די חסידים.

מען געכאַפּט בײַ אַ קבלה־ספר, האָט ער אים געלאָזט אָפּגאָלן די באָרד. איז דער מענטש אין מרה־שחורה אַרײַנגעפֿאַלן. און פֿון דעסטוועגן, ווי פֿאַרט מען עס אַוועק פֿון בריסקער רבֿס ישיבֿה?!

אַ צײַט לאַנג האָט ער זיך טאַקע געשלאָגן מיט דער דעה.

נאָר איין מאָל האָט מען אים געוויזן אַ חלום. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז דער בריסקער רבֿ איז צו אים אַרײַנגעקומען און גע־זאָגט: קום, נח, וועל איך דיך פֿירן אין גן־עדן התחתון אַרײַן. און ער האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און געפֿירט. זיי זײַנען געקומען אין אַ גרויסן פּאַלאַץ אַרײַן. אין פּאַלאַץ איז נישט געווען, נישט קיין טיר און נישט קיין פֿענצטער, אויסער די טיר, דורך וועלכער זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען. ליכטיק איז דאָך אין פּאַלאַץ געווען, ווײַל די ווענט, ווי עס האָט זיך דעם רבין געדאַכט, זײַנען געווען פֿון קרישטאָל און האָבן געשלאָגן פֿון זיך אַ ליכטיקן גלאַנץ.

און זיי גייען אַזוי, און גייען און מען זעט נישט קיין סוף.

— האַלט דיך אָן מײַן יופּעצע, — מאַכט דער בריסקער רבֿ — דאָ זײַנען פֿאַראַנען סאַליעס אין לשער ואין לספר, און קום רײַסטו דיך אָפּ פֿון מיר, וועסטו פֿאַרבלאָנדזשען אויף אייביק . . .

דער רבי טוט אַזוי, און זיי גייען אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און אויפֿן גאַנצן וועג זעט ער נישט קיין בענקל, קיין שום כּלי־בית, גאָרנישט!

— דאָ זיצט מען נישט, — פֿאַרטײַטשט אים דער בריסקער

אָפּגאָלן — to shave

מרה־שחורה (מאָרע־שכוירע) — melancholy

ישיבֿה (יעשיווע) — school for higher Jewish studies

זיך שלאָגן מיט דער דעה (דייע) — נים קענען באַשליסן, to hesitate

גן־עדן התחתון (גאַן־איידן האַטאַכטן) — earthly paradise

אחוץ דעם גן־עדן אויף יענער וועלט איז, לויט דער לעגענדע, פֿאַראַן אויך אַ גן־עדן ערגעץ אויף דער ערד.

קרישטאָל — crystal

יופּעצע — overcoat for men

סאַליעס — גרויסע צימערן.

אין לשער (איין לעשאַער) — זיך ניט פֿאָרצושטעלן.

ואין לספר (וויאיין לעסאַפּער) — ניט צו דערציילן.

כּלי בית (קליי־באַיִס) — הויז־זאַכן, מעבל.

פֿאַרטײַטשן — דערקלערן.

רבֿ, — נאָר מען גייט אַלץ ווײַטער און ווײַטער! — און ער איז אים נאָכגעגאַנגען. און איין זאַל איז גרעסער און ליכטיקער געווען פֿון דעם צווייטן, און די ווענט האָבן געשײַנט דאָ מיט דער, דאָ מיט אַן אַנדער קאָליר; דאָ מיט עטלעכע, דאָרט מיט אַלערליי קאָלירן... נאָר קיין מענטשן האָבן זיי נישט געטראָפֿן אויפֿן וועג...

דער רבי איז מיד געוואָרן גייענדיק. עס האָט אים באַגאָסן אַ שוויים, אַ קאַלטער שוויים. קאַלט איז אים אויך געוואָרן אין אַלע אבֿרים. דערצו הייבן אים נאָך אָן די אויגן ווי צו טון פֿון באַשטענדיקן גלאַנץ...

און עס איז אים אָנגעפֿאַלן אַ שטאַרקע בענקשאַפֿט, אַ בענקשאַפֿט צו ייִדן, צו חבֿרים, צו כּל ישׂראל! אַ קלייניקייט — מען זעט קיין ייִד נישט פֿאַר זיך!...

— בענק נישט צו קיינעם, — מאַכט דער בריסקער רבֿ — דאָס איז אַ פּאַלאַץ נאָר פֿאַר מיר און פֿאַר דיר... דו וועסט אויך אַ מאָל זײַן בריסקער רבֿ!

און דער רבי האָט זיך נאָך מער דערשראָקן און אָנגעכאַפּט זיך אין דער וואַנט, נישט אומצופֿאַלן. און די וואַנט האָט אים אָפּגעבריט! נאָר נישט ווי פֿײַער בריט, נאָר ווי אײַז בריט!

— רבי! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — די ווענט זײַנען אײַז, נישט קרישטאָל! פּשוט אײַז!

דער בריסקער רבֿ שווײַגט.

און דער רבי שרײַט ווײַטער:

— רבי, פֿירט מיך אַרויס פֿון דאַנען! איך וויל נישט זײַן אַליין מיט אײַך! איך וויל זײַן צוזאַמען מיט כּל ישׂראל!

און קוים האָט ער עס אַרויסגעזאָגט, איז דער בריסקער רבֿ נעלם געוואָרן און ער איז געבליבן איינער אַליין אין פּאַלאַץ.

קיין וועג, וואו אויס און וואו אײַן, ווייס ער נישט; פֿון די ווענט שלאָגט אויף אים אַ קאַלטער פּחד; און די בענקשאַפֿט צו אַ ייִד, צו דערזען אַ ייִד, זאָל זײַן אַ שוסטער, אַ שנײַדער, איז אַלץ בײַ אים שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן. האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען...

אבֿרים (אייוורים) — limbs

בענקשאַפֿט — longing

כּל ישׂראל (קאָל ייִסראָעל) — אַלע ייִדן.

אָפּבריִען — אָפּברענען.

פּחד (פּאַכעד) — שרעק.

— „רבונו של עולם, — האָט ער זיך געבעטן, — נעם מיך אַרויס פֿון דאַנען! בעסער אין גיהנום מיט כּל ישׂראל צוזאַמען, איידער דאָ איינער אַליין!"

און באותו הרגע, האָט זיך אים באַוויזן אַ פּראָסט ייִדל, מיט אַ רויטן בעל־עגלהשן גאַרטל אויף די לענדן און אַ לאַנגער בײַטש אין דער האַנט. דאָס ייִדל האָט אים, שווײַגנדיק, אַנגענומען בײַם אָרבל, אַרויסגעפֿירט פֿון פּאַלאַץ, און איז — פֿאַרשוואונדן געוואָרן. אַזאַ חלום האָט מען אים געוויזן!

אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿאַרטאָג, קוים וואָס עס האָט אָנגעהויבן גרויען, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט קיין פּראָסטער חלום געווען. ער האָט זיך געשווינד אָנגעטאָן און געוואָלט לויפֿן אין בית־המדרש אַרײַן. דורכגייענדיק דעם מאַרק, האָט ער אָבער דערזען אַ שטייענדיקע בויד, אָן אײַנגעשפּאַנטע גרויסע, פֿאַרצײַטישע בויד, און בײַ דער בויד איז געשטאַנען אַ בעל־עגלה, מיט אַ רויטן גאַרטל אַרום די לענדן, מיט אַ לאַנגער בײַטש אין דער האַנט, און פּונקט אַזאַ ייִדל ווי דער וואָס האָט אים אין חלום אַרויסגעפֿירט פֿון פּאַלאַץ.

גייט ער צו און פֿרעגט:

— וואוּ אַהין פֿאָרט אַ ייִד?

— נישט דײַן וועג! — ענטפֿערט דער בעל־עגלה גאָר גראָב.

— פֿאָרט? — בעט ער זיך, — אפֿשר וועל איך מיטפֿאָרן!

דער בעל־עגלה האָט זיך אַ ביסל פֿאַרטראַכט און דערנאָך געענטפֿערט:

— און צו פֿוס, — זאָגט ער, — קען אַזאַ בחור נישט גיין? גיי דיר דײַן וועג!

רבונו של עולם (ריבוינע־שעל־אוילאָם) — האַר פֿון דער וועלט, גאָט.
גיהנום (געהענעם) — hell
בעל־עגלה (באַלעגאָלע) — driver, wagoner
גאַרטל — girdle
לענדן — hips
בײַטש — whip
בית־המדרש (בעסמעדרעש) — Synagogue, Study House
בויד — פֿור, איבערגעדעקט מיט אַ ליַיוונט, market-wagon
אײַנגעשפּאַנט — דאָ: harnessed with horses
פֿאַרצײַטישע — old fashioned

— און וואו אהין זאל איך גיין?
— וואו די אויגן וועלן דיך טראגן, — ענטפערט דער בעל־עגלה און דרייט זיך אפ, — מיין דאגה!
דער רבי האט פארשטאנען, און האט זיך געלאזט אין גלות אריין!

ב.

ווי געזאגט, נתגלה איז ער געווארן עטלעכע יאר שפעטער אין ביאלע. און, לערך א יאר נאך זיין התגלות, האט מיך א ביאלער באלעבאס, ר׳ יחיאל האט ער געהייסן, אראפגעברענגט צו זיך פאר א מלמד.

לכתחילה האב איך אפילו נישט געוואלט אננעמען דאס מלמדות. ר׳ יחיאל, מוזט איר וויסן, איז געווען אן עושר, א פארצייטישער, אנגעשטאפטער עושר. די טעכטער פלעגט ער געבן צו טויזנט רענדלעך נדן און טון מיט די גרעסטע רבנים, און זיין לעצטע שנור איז געווען טאקע דעם בריסקער רבס טאכטער!

און איך בין דווקא א ביאלער חסיד, נו — ווי לאזט מען זיך אין אזא הויז אריין?

האט עם מיך אבער פארט געצויגן קיין ביאלע! א קלייניקייט — מיטן רבין אין איין שטאט! געקלערט אהין, געקלערט אהער, איך פאר!

און ר׳ יחיאל אליין, האט זיך אויסגעוויזן, איז אן אמת פשוטער, כשרער ייד. איך בין אייך אפילו ערב, אז זיין הארץ האט געצויגן

מיין דאגה (דייגע) — none of my business
גלות (גאלעס) — exile
לערך (לערעך) — approximately
התגלות (היסגאלעס) — revelation
מלמדות (מעלאמדעס) — די שטעל פון א מלמד.
ר׳ יחיאל (רעב יעכיעל) — נאמען.
עושר (אוישער) — א רייכער.
רענדלעך — ducats
נדן (נאדן) — dowry
שנור — daughter-in-law
דווקא (דאפקע) — נאר.
ערב (ארעוו) זיין — גאראנטירן.

צו אַ רבין ווי מיט צוואַנגען. וואָרעם באמת, קיין למדן איז ער נישט געווען, אויפֿן בריסקער רבֿ פֿלעגט ער אוודאי קוקן ווי אַ האָן אויף בני אָדם! פֿאַרווערט ער מיר נישט צו האַלטן זיך אין ביאַלער רבין... אַז איך דערצייל עפּעס פֿון רבין, מאַכט ער זיך גענעצן, כאַטש די אויערן, זע איך, שפּיצט ער אויף. נאָר דער זון זיינער, דעם בריסקער רבֿס איידעם, דער קנייטשט אײַן דעם שטערן, קוקט אויף מיר מיט כּעס און ליצנות צוזאַמען, נאָר שפּאָרן שפּאַרט ער זיך נישט; ער פֿלעגט בטבֿע ווייניק ריידן.

ג.

ויהי היום — ר׳ יחיאלם שנור, דעם בריסקער רבֿס טאָכטער, דאַרף גיין צו קינד! דאַכט זיך, מאַלע אַ ווײַבל גייט צו קינד? איז אָבער אַ מעשׂה דערבײַ! ווײַל דער בריסקער רבֿ האָט אַ מאָל געהייסן אָפּגאָלן אַ חסיד באָרד און פּאות, זײַנען צוויי זין אים, במשך אַ פֿינף־זעקס יאָר ניפֿטר געוואָרן, און אַלע זײַנע דרײַ טעכטער האָבן קיין בנים זכרים נישט געהאַט.

מיר איז גיטעלע (אַזוי האָט זי, דעם בריסקער רבֿס טאָכטער, געהייסן) באמת אַ שאָד געווען, זייער אַ שאָד געווען. ערשטנס —

צוואַנגען — tongs : דאָ: irresistible force
למדן (לאַמדן) — געלערנטער, learned
קוקן ווי אַ האָן אויף בני אָדם (בניי אָדאַם) — גאָרנישט פֿאַרשטיין וואָס עס טוט זיך אַרום.
איידעם — son-in-law
ליצנות (לעצאָנעס) — derision
שפּאָרן זיך — to argue
בטבֿע (בעטעווע) — as was his habit
ויהי היום (וואַיעהי האַיאָם) — עס טרעפֿט אַמאָל.
גיין צו קינד — to be confined
פּאות (פּייעס) — side-locks; פֿרומע ייִדן שערן ניט די האָר פֿון די שלייפֿן. זיי הענגען אַראָפּ אין לאָקן. אַזעלכע לאָקן הייסן פּאות.
במשך (בעמעשעך) — within
ניפֿטר (ניפּטער) געוואָרן — געשטאָרבן.
בני־זכרים (בניי זכאָרים) — ייִנגלעך.
אַ שאָד געווען — was sorry for

אַ ייִדישע נשמה; צוווייטנס — אַ ייִדישע, כּשרע נשמה; עס איז נאָך אַזאַ צדקת, אַזאַ כּשרע זאַך אויף דער וועלט נישט געווען...

קיין איינציקע אָרעמע כּלה האָט אָן איר הילף נישט חתונה געהאַט; אַזאַ זײַדענע בריאה! און דאָס דאַרף געשטראָפט ווערן פֿאַרן פֿאָטערס כּעס! און דעריבער, אַזוי ווי איך האָב נאָר באַמערקט, אַז די באָבע הייבט זיך אָן דרייען אין שטוב, האָב איך שוין אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַלע כּלים, מען זאָל שיקן צום ביאַלער רבין...

מיט וועמען אָבער רעדט מען?

איך פּרוּוו מיטן בריסקער רבס איידעם. וואָרעם, ווי ער האָט זיך נישט באַהאַלטן, האָט דאָס שלום־בית אַרויסגעשמעקט פֿון יעדן ווינקעלע. איז ער דאָך אָבער דעם בריסקער רבס איידעם! שפּײַט ער אויס, גייט אַוועק און לאָזט מיך שטיין מיט אַן אָפֿן מויל.

נעם איך מיך צו ר' יחיאלן אַליין, ענטפֿערט ער מיר: עס איז דעם בריסקער רבס טאָכטער! איך וועל עס אים, דעם בריסקער רבֿ, נישט טון, אַפֿילו בײַ סכּנות־נפֿשות, חס ושלום!

אַז איך האָב אָבער געהערט דעם ערשטן געשריי, בין איך אַליין געלאָפֿן צום רבין.

— שמעיה, — ענטפֿערט ער מיר, — וואָס זאָל איך טון? איך וועל מיתפּלל זײַן!

— גיט מיר, רבי, — בעט איך, — פֿאַר דער יולדת, וואָס עס

נשמה (נעשאָמע) — soul

צדקת (צאַדייקעס) — saintly woman

בריאה (ברִיע) — creature

זײַדענע בריאה — אַ מענטש וואָס טוט נאָר גוטס.

באָבע — דאָ: midwife

אַרבעטן אויף אַלע כּלים (קיילים) — טון אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך. to move heaven and earth

שלום־בית (שאָלעם־באַיִס) — ליבע צווישן מאַן און ווײַב.

סכּנות־נפֿשות (סאַקאָנעס נעפֿאָשעס) — ווען דאָס לעבן איז אין געפֿאַר.

חס ושלום (כאַס וועשאָלעם) — Good heavens! God forbid

שמעיה (שמאַיע) — אַ נאָמען.

מיתפּלל (מיספּאַלעל) **זײַן** — to pray

יולדת (יוילדעס) — a woman in child-bed

איז — אַ שמירהלע, אַ מטבע, אַ קמיעלע . . . וואָס עס איז גיט מיר . . .

עס וועט, חס ושלום, ערגער מאַכן, — ענטפֿערט ער, — אָן אמונה שאַדן אַזוינע זאַכן, און זי האָט דערינען קיין אמונה נישט . . .

וואָס האָב איך געקענט טון? עס איז די ערשטע טעג סוכּות, העלפֿן קען איך נישט, בלײַב איך שוין בעסער בײַם רבין אין שטוב. אַ בן־בית בין איך געווען, טראַכט איך מיר, איך וועל קוקן יעדע רגע מיט געבעט צום רבין, אפֿשר וועט ער זיך מרחם זײַן . . .

הערן הערט זיך אַז עס איז נישט גוט: דעם דריטן טאָג שטייען שוין די ווייען... מען האָט שוין אַלץ געטון וואָס מען האָט געקאָנט: הונדערטער פֿונט ליכט אויסגעברענט אין שול, אין בתּי־מדרשים, הײַנט צדקה — אַ מטמון! . . . . עס איז דען נאָכ־צודערציילן? אַלע קליידער־שענק זײַנען געשטאַנען אָפֿן; אַ באַרג מיט אַלערליי מטבעות איז געלעגן אויפֿן טיש, און אָרעמע־לײַט זײַנען אַרײַנגעקומען און גענומען, ווער עס וויל, וואָס ער וויל, וויפֿל ער וויל!

עס האָט מיך שטאַרק אָנגעכאַפּט דאָס האַרץ.

— רבי, — זאָג איך, — עס שטייט דאָך: צדקה תּציל ממות.

און ער ענטפֿערט מיר:

— אפֿשר וועט קומען דער בריסקער רבֿ!

און באותו הרגע קומט אַרײַן ר׳ יחיאל! צום רבין רעדט ער נישט, גלײַך ער וואָלט אים נישט געזען, נאָר —

שמירהלע (שמירעלע) —amulet, a note with the rabbi's blessing

מטבע (מאַטבייע) — a coin, **מטבעות** (מאַטבייעס) — coins

קמיעלע (קאַמייעלע) — amulet

אמונה (עמונע) — faith

בן־בית (בען באַיִס) — אָן אייגענער, אַ טייל פֿון דער פֿאַמיליע.

מרחם (מעראַכעם) **זײַן** — to have pity

ווייען — pangs, pains

בתּי מדרשים (באָטיי מעדראָשים) — Synagogues

צדקה (צדאָקע) — charity

אַ מטמון (מאַטמוין) — אַ סך געלט.

שענק — closets

אָנכאַפּן בײַם האַרצן — פֿילן אַ שטאַרקן ווייטיק.

צדקה תּציל ממות (צדאָקע טאַציל מימאָוועס) — Charity saves from death

— שמעיה, — זאָגט ער צו מיר, און כאַפּט מיך אָן בײַם לאַץ, הינטן שטייט אַ פֿור, גיי זעץ דיך אויף און פֿאָר צום בריסקער רבֿ, זאָל ער קומען...

און געפֿילט האָט ער שוין, אַפּנים, אין וואָס עס גייט, וואָרעם צוגעגעבן האָט ער:

— זאָל ער אַליין זען, וואָס עס טוט זיך! זאָל ער זאָגן, וואָס צו טון!

און אַ פּנים האָט ער געהאַט, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, — מתים זײַנען שענער פֿאַר אים!

ד.

מילא, פֿאָר איך! טראַכטן, טראַכט איך מיר, אַז אויב דער רבי ווייסט, אַז ער וועט קומען, וועט שוין עפּעס דערפֿון אַרויס! אפֿשר נאָך אַ שלום! דאָס הייסט: נישט צווישן בריסקער רבֿ מיטן ביאַלער רבין, זיי אַליין האָבן קיין מחלוקות נישט געפֿירט, נאָר צווישן די צדדים בכלל! וואָרעם באמת, אַז ער וועט קומען, וועט ער דאָך זען! אויגן האָט ער דאָך!

נאָר מן השמים, אַפּנים, לאָזט מען אַזאַ זאַך אַזוי געשווינד נישט צו. מן השמים האָט מען מיט מיר מלחמה געהאַלטן. קוים בין איך אַרויסגעפֿאָרן פֿון ביאַלע, גיט זיך איבערן הימל אַ יאָג אַ כמאַרע, אָבער ווי הייסט אַ כמאַרע! אַ שוואַרצער, שווערער וואָלקן, ממש ווי אַ סמאָלע, און אַ בלאָז האָט פּלוצלונג געטון, גלײַך עס וואָלטן רוחות געפֿלויגן און פֿון אַלע זײַטן מיט אַ מאָל. אַ פֿויער,

---

לאַץ — lapel

מילא (מײלע) — זאָל זײַן אַזוי.

מחלוקות (מאַכלויקעס) — quarrels

צד (צאַד), **צדדים** (צדאָדים) — party, parties

בכלל (ביכלאַל) — אין אַלגעמיין, in general

מן השמים (מין האַשאָמאַיִם) — פֿון הימל.

כמאַרע — גרויסער וואָלקן.

סמאָלע — pitch

רוחות (רוכעס) — demons

להבדיל, פֿאַרשטייט זיך אויף אַזוינע זאַכן. צלמט ער זיך און זאָגט, אַז עס וועט זײַן, חס-ושלום, אַ שווערער וועג, און ווײַזט מיר מיט דער בײַטש אין הימל אַרײַן . . . מאַכט זיך נאָך אַ שטאַרקערער ווינט, ער צערײַסט די כמאַרע, ממש ווי מען צערײַסט אַ שטיק פּאַפּיר, און הייבט אָן צו יאָגן און צו טרײַבן איין שטיק כמאַרע אויף דער צווייטער, איינע אויף דער צווייטער, גלײַך ווי ער וואָלט קריִעס געטריבן אויף אַ טײַך. איך האָב שוין איבערן קאָפּ צוויי שטאָק און דרײַ שטאָק כמאַרע. לכתחילה האָב איך אַפֿילו קיין מורא נישט געהאַט: אויסגענעצט ווערן איז בײַ מיר קיין נײַס נישט געוועזן און פֿאַר דונערן שרעק איך מיך נישט. אַז עס האָט אָבער געגעבן אַ פּלאַסק מיר אין פּנים אַרײַן, ווי מיט אַ בײַטש... איין מאָל, דאָס צווייטע מאָל, דאָס דריטע מאָל... איז מיר טאַקע דער מוטערם מילך אַנטפֿאַלן! איך האָב געזען בחוש, אַז דער הימל פּאַטשט מיך, אַז מען טרײַבט מיך צוריק!

און דער פּויער, להבדיל, בעט זיך אויך: לאָמיר צוריקפֿאָרן.

איך ווייס אָבער, עס איז סכּנות-נפֿשות. איך זיץ אויף דער פֿור, און, אינעם שטורעם, הער איך, ווי די יולדת קרעכצט, ווי דעם

להבדיל (לעהאַוודל) — צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן צוויי זאַכן וואָס מען פֿאַרגלײַכט זיי און זיי זײַנען דאָך נישט גלײַך ווײַל מען באַציט זיך צו זיי אַנדערש; למשל, בײַם דערמאָנען צוזאַמען אַ הייליקע זאַך און אַ געוויינטלעכע זאַך, אַ ריינע און אַן אומ-ריינע זאַך.

צלמען (ציילעמען) זיך — to cross oneself

ממש (מאַמעש) — טאַקע, באמת, exactly

קריִעס — icefloes

שטאָק — story, floor

לכתחילה (לעכאַטכילע) — אין אָנהייב.

אויסגענעצט ווערן — to get soaked

אַ פּלאַסק געבן — to slap

דער מוטערס מילך אַנטפֿאַלן — דאָס זעלביקע וואָס דער ענגלישער אויסדרוק:

the blood in me curled down to the bottom of my boots

בחוש (בעכוש) — plainly, clearly

קרעכצן — to moan

בריסקער רבֿס איידעמס פֿינגער קנאַקן; ער ברעכט זיך די הענט; אויך זע איך פֿאַר מיר ר׳ יחיאלס שוואַרץ פּנים מיט אײַנגעפֿאַלענע, ברענענדיקע אויגן! פֿאַר, בעט ער מיך, — פֿאָר — און מיר פֿאָרן.

און דאָ גיסט און גיסט, עס גיסט פֿון אויבן, עס שפּריצט פֿון אונטער די רעדער, און פֿון אונטער די פֿערדס פֿיס. און דער וועג ווערט אין גאַנצן פֿאַרגאָסן, ממש באַדעקט מיט וואַסער. די פֿור, דאַכט זיך, הייבט שוין אָן שווימען — — וואָס זאָל איך אײַך דער־ציילן? מיר האָבן נאָך דערצו געבלאָנדזשעט... נאָר אויסגע־האַלטן האָב איך!

מיטן בריסקער רבֿ בין איך געקומען אויף הושענא־רבה!

נאָר, דעם אמת צו זאָגן, אַזוי ווי דער בריסקער רבֿ האָט זיך אַרויפֿגעזעצט אויף דער פֿור, איז שטיל געוואָרן! די כמאַרע האָט זיך איבערגעריסן, פֿון שפּאַלט האָט זיך אַרויסגעוויזן די זון, און מיר זײַנען בשלום שיין און טרוקן אַרײַנגעפֿאָרן קיין ביאַלע.

ה.

נאָר דער עיקר איז געווען אונדזער אַרײַנקומען!

ווי די הײשעריקן זײַנען צו אים צוגעפֿאַלן די ווײַבער, וואָס זײַנען אין שטוב געווען... כמעט אויפֿן פּנים זײַנען זיי פֿאַר אים געפֿאַלן און געוויינט . . . די יולדת פֿון דער צווייטער שטוב הערט מען נישט, אָדער דורכן געוויין פֿון די ווײַבער, אָדער, טראַכט איך, זי האָט שוין, חס־ושלום, קיין כּוח נישט צו קרעכצן... ר׳ יחיאל האָט אונדז אַפֿילו נישט געזען, ער איז געשטאַנען אַרײַנגעדריקט מיטן שטערן אין אַ שויב, דער קאָפּ האָט אים אַפּנים געברענט...

דעם בריסקער רבֿס איידעם דרייט זיך אויך נישט איבער צו דערלאַנגען שלום, ער שטייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, און איך זע, ווי דער גוף זײַנער ציטערט און ווי דער קאָפּ קלאַפּט אין דער וואַנט!..

קנאַקן — to crack

הושענא־רבה (הוישאַנאַ־ראַבאַ) — דער זיבעטער טאָג סוכּות.

שפּאַלט — crack

דער עיקר (איקער) — די הויפּטזאַך. דאָ: the real excitement

הײשעריקן — locusts

צו דערלאַנגען שלום — צו באַגריסן, to greet

איך האָב געמיינט, איך פֿאַל! אַזוי האָט מיך דער צער און דער שרעק דורך און דורך גענומען. עס איז מיר קאַלט געוואָרן אין אַלע אבֿרים, איך האָב געפֿילט, אַז די נשמה ווערט אין מיר קאַלט!..

נאָר צי האָט איר געקענט דעם בריסקער רבֿ?

דאָס איז געווען אַ הויכער־הויכער ייִד... אַן אימה האָט ער געוואָרפֿן, ווי אַ מלכות! — אַ ווײַסע לאַנגע באָרד, איין שפּיץ, געדענק איך נאָך ווי הײַנט, האָט זיך אים אַרײַנגערוקט אונטערן גאַרטל, דער צווייטער שפּיץ באָרד ציטערט איבערן גאַרטל...

ברעמען — ווײַסע, דיקע, לאַנגע — אַ האַלב פּנים האָבן זיי אים פֿאַרשטעלט. און, אַז ער האָט זיי אויפֿגעהויבן — רבונו של עולם! די נשים זײַנען ממש צוריקגעפֿאַלן, ווי פֿון אַ דונער צוריקגעוואָרפֿן, אַזוינע אויגן האָט ער געהאַט! — חלפֿים, בלאַנקע חלפֿים האָבן אין זיי געבליצט! און אַ געשריי האָט ער געטון ווי אַ לייב: אַוועק, נשים!

דערנאָך האָט ער שטילער און איידעלער געפֿרעגט:

— און וואו איז מײַן טאָכטער?

מען האָט אים געוויזן.

ער איז אַרײַנגעגאַנגען, און איך בין געבליבן שטיין, ממש אַרויס פֿון די כּלים: אַזוינע אויגן, אַזאַ בליק, אַזאַ קול! עס איז גאָר אַן אַנדער דרך, אַן אַנדער וועלט! דעם ביאַלער רבינס אויגן לײַכטן אַזוי גוט, אַזוי שטיל, עס קומט אַרײַן אַ חיות אין האַרץ; ער וואַרפֿט אויף דיר אַ בליק, האָט ער דיך מיט גאָלד באַשאָטן... און

צער (צאַאַר) — האַרצווייטאָג.
אימה (איימע) — שרעק.
אַ מלכות (מאַלכעס) — ווי אַ קיניג.
ברעמען — eyebrows
נשים (נאָשים) — פֿרויען.
חלפֿים (כאַלאָפֿים) — שאַרפֿע מעסערן, blades
איידל — soft
אַרויס פֿון די כּלים (קיילים) — to be very excited
דרך (דערעך) — דאָ: manner of behavior
לײַכטן — to shine
חיות (כײַעס) — פֿרייד, joy
אַ חיות אין האַרץ — the heart expands with joy

זײַן קול, דאָס סאַמעטענע, זיסע קול — רבונו של עולם — בײַם האַרץ כאַפּט עס אָן, בײַם האַרץ גלעט עס אַזוי שטיל, אַזוי מחיה-דיק... נישט קיין מורא, חס ושלום, האָט מען פֿאַר אים, נאָר די נשמה צעגייט אין ליבשאַפֿט, זי וויל אַרויס פֿון גוף און באַהעפֿטן זיך מיט זײַן נשמה... זי רײַסט זיך, ווי ,להבֿדיל, אַ זומער-פֿליגעלע צו אַ העלער פֿלאַם!.. און דאָ, רבונו של עולם: אימה ופחד! אַ גאון, אַ פֿאַרצײַטישער גאון! און ער גייט אַרײַן צו אַ יולדת!

לויף איך צום רבין.

און דער רבי באַגעגנט מיך באַלד אין טיר מיט אַ שמייכל:

— האָסט געזען, — מאַכט ער, — כּבֿוד התורה? ריינעם כּבֿוד התורה?

איך האָב מיך באַרואיקט. אַז דער שמייכלט, טראַכט איך, איז גוט!

ו.

און עס איז טאַקע גוט געווען. שמיני עצרת איז זי איבער-געקומען. שימחת-תּורה האָט שוין דער בריסקער רבֿ געזאָגט תּורה בײַם טיש. איך האָב געוואָלט אַפֿילו ערגעץ אַנדערש זײַן בײַם טיש, נאָר איך האָב מורא געהאַט. בפֿרט, אַז מיט מיר איז גע-ווען אַ מנין.

מילא, וואָס זאָל איך אײַך דערציילן? דעם בריסקער רבֿס תּורה? אויב די תּורה איז אַ ים, איז ער געווען דער לויתן אין ים.

סאַמעט — velvet

עס כאַפּט אָן בײַם האַרצן — עס ווערט זייער גוט אויפֿן האַרצן.

מחיהדיק (מעכאַיעדיק) — pleasurable

אַ גאון (גאָען) — אַ גאָר גרויסער למדן (לאַמדן), געלערנטער.

כּבֿוד התורה (קאָוועד האַטוירע) — די גרייסקייט פֿון דער תּורה; the Majesty of the Torah

שמיני עצרת (שמינאַצערעס) — דער אַכטער טאָג סוכּות.

שימחת-תּורה (סימכאַס טוירע) — די פֿרייד פֿון דער תּורה, דער יום-טובֿ, ווען ייִדן פֿרייען זיך מיט דער תּורה.

מנין (מיניען) — צען פּערזאָן וועלכע מען מוז בײַ ייִדן האָבן צו דאַוונען און צו אַנדערע רעליגיעזע צערעמאָניעס.

לויתן (לעוויאָסן) — אַ לעגענדאַרער פֿיש; the Leviathan

אַז עס הילכט און שפּריצט, זידט און קאָכט, טאַקע, ווי מען דערציילט פֿון אַמתן ים... דעם קאָפּ האָט ער מיר צעשרויפֿט... נאָר דאָס האַרץ מײַנס האָט פֿאָרט נישט געהאַט קיין שימחת יום-טובֿ! און דעמאָלט האָב איך מיר דערמאָנט אין רבינס חלום... און איך בין פֿאַרשטאַרט געוואָרן! די זון איז געלעגן אין פֿענצטער, ווײַן האָט בײַם טיש נישט געפֿעלט. דער גאַנצער עולם, זע איך, שוויצט, און מיר? מיר איז געווען קאַלט, קאַלט ווי אײַז! און דאָרטן, האָב איך געוואוסט, זאָגט מען אַנדערע תורה... דאָרטן איז ליכטיק און וואַרעם... יעדער וואָרט איז דורכגעוועבט און דורכגעווייקט מיט אַהבֿה און דבֿקות . . . מלאָכים, פֿילט מען, פֿליִען אַרום שטוב; ממש מען הערט ווי עס רוישן די גרויסע, ווײַסע פֿליגל... אײַ, רבונו של עולם! נאָר אָוועקגיין טאָר מען נישט!

פּלוצלונג האַקט ער איבער, דער בריסקער רבֿ, און גיט אַ פֿרעג:

וואָס פֿאַר אַ רבין האָט איר עס דאָ?

— איינעם, אַ נח, ענטפֿערט מען אים.

מילא, שנײַדט עס מיך בײַם האַרץ! „איינעם, אַ נח."

— אַ בעל-מופֿת? — פֿרעגט ער ווײַטער.

— ווייניק, מען הערט נישט... ווײַבער אַפֿילו דערציילן, נאָר ווער הערט זיי?

— ער נעמט אַ ז ו י געלט, אָן מופֿתים...

זאָגט מען אים שוין דעם אמת, אַז געלט נעמט ער ווייניק און גיט אַ סך אַוועק.

הילכט — קלינגט

זידן — to boil, to seethe

צעשרויפֿן דעם קאָפּ — to make one dizzy

שימחת (סימכאַס) — פֿרייד.

פֿאַרשטאַרט ווערן — אַ פֿראָסט גייט דורך דורכן קערפּער.

דורכוועבן — to interweave

דורכווייקן — to soak thoroughly

אַהבֿה (אַהאַווע) — ליבע.

דבֿקות (דווייקעס) — religious ecstasy, devotion

רוישן — to flutter

איבערהאַקן — to break off

בעל-מופֿת (באַל מויפֿעס) — wonder-worker

דער בריסקער רבֿ פֿאַרקלערט זיך.

— און לערנען קען ער?

— מען זאָגט — אַ גדול!

— פֿון וואַנען איז ער, דער נח?

קיינער ווייסט נישט, און איך מוז ענטפֿערן. מאַכט זיך שוין אַ שמועס צווישן מיר מיטן בריסקער רבֿ.

— איז ער נישט, דער נח, אַמאָל אין בריסק געווען? — פֿרעגט ער.

— צי דער רבֿ, שטאַמל איך, איז געווען אין בריסק? דאַכט זיך — יאָ!

— אַ! מאַכט ער, — אַ חסיד זײַנער! און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער האָט אויף מיר אַ קוק געטון ווי אויף אַ שפּין.

און ער האָט זיך איבערגעדרייט צום עולם:

— בײַ מיר, — זאָגט ער, — איז אַמאָל געווען אַ תּלמיד נח... אַפֿילו אַ גוט קעפּל, נאָר עס האָט אים געצויגן אין יענער זײַט אַרײַן — — איך האָב אים איין מאָל געזאָגט, צוויי מאָל... איך האָב אים געוואָלט זאָגן צום דריטן מאָל, איז ער מיר נעלם געוואָרן... צי איז עס נישט דער?

— ווער ווייסט?

און ער הייבט אָן אויסמאָלן: אַ דאַרער, אַ קליינער, אַ שוואַרץ בערדל, שוואַרצע געקרײַזלטע פּאות, אַ פֿאַרטראַכטער, אַ שטיל קול און דעסגלײַכן.

— עס קען זײַן, — זאָגט דער עולם, — אַז דאָס איז ער; קרובֿ לאמת!

איך האָב שוין גאָט געדאַנקט, אַז מען האָט אָנגעהויבן בענטשן.

נאָר נאָך דעם בענטשן איז געשען אַזוינס, וואָס עס האָט זיך מיר גאָרנישט געקאָנט חלומען.

דער בריסקער רבֿ הייבט זיך אויף פֿון בענקל, רופֿט מיך אוועק

אַ גדול (גאָדל) — אַ גרויסער מענטש.

שטאַמלען — to stammer

חסיד (כאָסיד) — דאָ: follower

שפּין — spider

אויסמאָלן — to describe

קרובֿ לאמת (קאָרעוו לע־עמעס) — נאָענט צום אמת.

בענטשן — the grace after a meal

אין אַ זײַט און זאָגט מיר שטילערהייט: פֿיר מיך צו דײַן רבין און מײַן תּלמיד. נאָר, הערסט, — קיינער זאָל נישט וויסן!

מן הסתּם פֿאָלג איך, נאָר אויפֿן וועג פֿרעג איך אים מיט שרעק:

— בריסקער רבֿ, זאָג איך, מיט וואָס פֿאַר אַ כּוונה גייט איר?

און ער ענטפֿערט מיר פּשוט:

— זען וויל איך, איך וויל אַליין זען, און אפֿשר — האָט ער שפּעטער צוגעגעבן — וועט מיר גאָט העלפֿן, איך וועל אַרויס־ראַטעווען מײַנעם אַ תּלמיד.

— ווייסט, שייגעץ, — מאַכט ער ווײַטער מיט הלצה, — אַז אויב דײַן רבי איז דער נח, וואָס האָט בײַ מיר געלערנט, קען ער זײַן אַ גדול בישׂראל. אַ בריסקער רבֿ אַ מאָל!

אַצינד האָב איך שוין זיכער געוואוסט, אַז דאָס איז ער, און דאָס האַרץ האָט ערשט אָנגעהויבן צאַפּלען....

ז.

און די צוויי בערג האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן... אַז איך בין אין דער מיט נישט געבליבן אויפֿן אָרט, איז טאַקע אַ נס מן השמים.

דער ביאַלער רבי, זכרונו לבֿרכה, פֿלעגט שׂימחת־תּורה אַרויס־שיקן די חסידים שפּאַצירן אַרום דער שטאָט, און ער אַליין איז זיך געזעסן אויפֿן גאַניקל, און געקוקט, און מקבל נחת געווען....

עס איז נישט געווען הײַנטיק ביאַלע. עס איז געווען דע־מאָלט גאָר אַ קליין שטעטל. סאַמע קליינע, נידעריק געבױטע

מן הסתּם (מינעסטאָם) — of course

כּוונה (קאַוואָנע) — דאָ: intention

שייגעץ — אַ גויאישער יונג, אָדער ייִנגל; אַ ווילדער, גראָבער יונג.

הלצה (האַלאָצע) — שפּאַס, playful mockery

גדול בישׂראל (גאָדעל בע־ייִסראָעל) — אַ גרויסער מענטש בײַ ייִדן.

צאַפּלען — דאָ: ציטערן, שפּרינגען, to jump

זכרונו לבֿרכה (זיכרוינע ליווראָכע) — his memory be our blessing

גאַניק — porch

מקבל נחת (מעקאַבל נאַכעס) **זײַן** — to take pleasure

הײַזלעך; אויסער דער שול מיטן רבינס בית־מדרש. דעם רבינס גאַניקל איז געווען אויפֿן צווייטן שטאָק און מען האָט פֿון גאַניקל אַלץ געזען ווי אויף דער האַנט — די בערגלעך פֿון מיזרח־זײַט, דעם טײַך פֿון מערבֿ . . . — — און דער רבי זיצט אויפֿן גאַניקל און קוקט. דערזעט עטלעכע חסידים וואָס גייען און שווײַגן, וואַרפֿט ער זיי אַראָפּ פֿון דער הייך אַן התחלה פֿון אַ ניגון. זיי כאַפּן אונטער און גייען שוין ווײַטער זינגענדיק — און פּיתות, פּיתות גייען פֿאַרבײַ, און לאָזן זיך אַרויס פֿון שטאָט, מיט געזאַנג, מיט אמתער פֿרייד, מיט אמתער שׂימחת־תּורה . . . און דער רבי פֿלעגט זיך נישט רירן פֿון גאַניקל.

דעמאָלט אָבער האָט דער רבי אַפֿנים דערהערט אַנדערע טריט, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און איז געגאַנגען אַקעגן דעם בריסקער רבֿ.

— שלום עליכם, רבי, — מאַכט ער מיט ענווות און מיט זײַן זיס קול.

— עליכם שלום, נח! — האָט דער בריסקער רבֿ געענטפֿערט.

— זיצט, רבי!

דער בריסקער רבֿ זעצט זיך און דער ביאַלער רבי שטעלט זיך פֿאַר אים.

— זאָג נאָר, נח, — מאַכט דער בריסקער רבֿ מיט אויפֿגעהויבענע ברעמען, — וואָס ביסטו עס אַנטלאָפֿן פֿון מײַן ישיבֿה? וואָס האָט דיר דאָרטן געפֿעלט?

— עס האָט מיר, רבי, — ענטפֿערט ער געלאַסן, — אָטעם פֿאַרפֿעלט... איך האָב נישט געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן...

— ווי הייסט? וואָס רעדסטו, נח?

— נישט מיר, — פֿאַרטײַטשט דער רבי מיט אַ שטיל קול, — נאָר מײַן נשמה האָט אָטעם פֿאַרפֿעלט...

— פֿאַרוואָס, נח?

מיזרח (מיזרעך) — east

מערבֿ (מאַרעוו) — west

התחלה (האַסכאָלע) — אָנהייב.

ניגון (ניגן) — melody

פּיתה (קיטע), **פּיתות** (קיטעס) — גרופּע, גרופּעס.

ענווות (אַניוועס) — modesty

— אײַער תּורה, רבי, איז סאַמע דין, אָן רחמים איז זי! אָן אַ פֿונק חסד איז אײַער תּורה! און דעריבער איז זי אָן שׂימחה, אָן פֿרײַען אַטעם... אײַזערנע חוקים, קופּערנע דינים... און סאַמע הויכע תּורה, פֿאַר לומדים, פֿאַר יחידי סגולה!...

דער בריסקער רבֿ שווײַגט און דער רבי זאָגט װײַטער:

— און זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט איר פֿאַרן כּלל-ישׂראל? פֿאַרן האָלצהעקער, פֿאַרן קצבֿ, פֿאַרן בעל־מלאָכה, פֿאַרן פּראָסטן ייִד?.. בפֿרט — פֿאַר אַ זינדיקן ייִד? וואָס, רבי, האָט איר פֿאַר נישט לומדים?

דער בריסקער רבֿ שווײַגט, גלײַך ער פֿאַרשטייט נישט, וואָס מען רעדט צו אים. און דער ביאַלער רבי שטייט אַלץ פֿאַר אים און זאָגט װײַטער מיט זײַן זיס קול:

— זײַט מיר מוחל, רבי, נאָר דעם אמת מוז איך אײַך זאָגן... האַרט איז געווען אײַער תּורה, האַרט און טרוקן, ווײַל זי איז נאָר דער גוף און נישט די נשמה פֿון דער תּורה!

— די נשמה? — פֿרעגט דער בריסקער רבֿ און רײַבט זיך דעם הויכן שטערן.

— אוודאי! אײַער תּורה, רבי, האָב איך געזאָגט, איז נאָר פֿאַר יחידי סגולה, פֿאַר למדנים, נישט פֿאַר כּל ישׂראל. און די תּורה מוז זײַן פֿאַר כּל ישׂראל! די שכינה מוז רוען אויף כּל ישׂראל! וואָרעם די תּורה איז די נשמה פֿון כּל ישׂראל!

— און דײַן תּורה, נח?

— איר ווילט זי זען, רבי?

— תּורה — זען? — וואונדערט זיך דער בריסקער רבֿ.

— קומט, רבי, איך וועל זי אײַך ווײַזן!.. איך וועל אײַך איר

רחמים (ראַכמים) — compassion

חסד (כעסעד) — tenderness

חוקים, דינים — רעליגיעזע געזעצן, religious laws

לומדים (לאָמדים), למדנים (לאַמדאָנים) — געלערנטע.

יחידי סגולה (יעכידײ סגולע) — chosen ones

קצבֿ — butcher

בעל־מלאָכה (באַלמעלאָכע) — דאָ: laborer

בפֿרט (ביפּראַט) — particularly

שכינה (שכינע) — divine glory

גלאַנץ ווײַזן; די שׂימחה, וואָס שטראַלט אַרויס פֿון איר אויף אַלע, אויף כּל ישׂראל!

דער בריסקער רבֿ רירט זיך נישט.

— איך בעט אײַך, רבי, קומט, נישט ווײַט!

ח.

ער האָט אים אַרויסגעפֿירט אויפֿן גאַניקל. שטילערהייט בין איך זיי נאָכגעגאַנגען.

דער רבי האָט דאָך דערפֿילט: מען גייט נאָכגיין, — מאַכט ער, — שמעיה, הײַנט וועסטו אויך זען... דער בריסקער רבֿ וועט אויך זען... שׂ י מ ח ת ת ּו ר ה וועט איר זען... איר וועט זען אמתע שׂימחת תּורה!

און איך האָב געזען דאָס אייגענע, וואָס אַלע שׂימחת־תּורה, נאָר איך האָב אַ נ ד ע ר ש געזען... ווי אַ פֿאָרהאַנג איז מיר אַוועקגעפֿאַלן פֿון די אויגן.

אַ גרויסער, ברייטער הימל — ממש אין־סוף, און בלאָ, אַזוי העל־בלאָ איז דער הימל געווען, אַז עס האָט מחיה געווען דאָס אויג. איבערן הימל זײַנען געשוואומען ווײַסע, ממש זילבערנע וואָלקנדלעך, און אַז מען האָט זיך אין זיי אײַנגעקוקט, האָט מען געזען ווי זיי ציטערן ממש פֿאַר פֿרייד, ווי זיי טאַנצן אונטער מיט שׂימחת תּורה! הינטן ווײַטער האָט אַרומגענומען די שטאָט אַ גרינער, ברייטער גאַרטל, אַ טונקל גרינער, נאָר דאָס גרינע איז געווען לעבעדיק גרין, אַזוי לעבעדיק, גלײַך עס וואָלט אַ חיות אַרומגעפֿלויגן צווישן די גראָזן; וואָס אַ מאָל, האָט זיך געדאַכט, פֿלאַמט ערגעץ אַנדערש אויס אַ חיות, אַ געשמאַק, אַ לעבן; — מען האָט געזען בחוש, ווי די פֿלעמלעך שפּרינגען און טאַנצן צווישן די גרעזעלעך... גלײַך זיי האַלדזן זיי און קושן זיי...

און אויף די לאַנקעס מיט די פֿלעמלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט כּיתּות און כּיתּות חסידים... די אַטלאַסענע און אַפֿילו

גלאַנץ — דאָ: glory

אין־סוף (איין סאָף) — אָן אַן ענד.

מחיה (מעכאַיע) געווען דאָס אויג —the eye was filled with delight

חיות (כײַעס) — living spirit

אַטלאַסענע — satin

די לאַסטינגענע קאַפּאָטעס האָבן געבלאַנקט ווי די שפּיגל, די צע־ריסענע ווי די גאַנצע.. און די פּלעמלעך, וואָס האָבן זיך אַרויס־געריסן פֿון צווישן די גרעזלעך, האָבן זיך געכאַפּט און געטשע־פּעט אין די שפּיגלדיקע בגדי יום־טובֿ, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי טאַנצן אַרום יעדן חסיד, מיט התלהבֿות, מיט ליבשאַפֿט . . . און אַלע פּיתּות חסידים האָבן געקוקט מיט וואונדערלעך דורשטיקע אויגן אַרויף צום רבינס גאַניקל... און די דורשטיקע אויגן, האָב איך געזען ממש בחוש, זייגן פֿון גאַניקל, פֿון רבינס פּנים, די ליכט, און וואָס מער ליכט זיי האָבן געזויגן, העכער געזונגען האָבן זיי . . . אַלץ העכער און העכער... אַלץ לוסטיקער, אַלץ הייליקער...

און יעדע פּיתּה האָט זיך געזונגען איר ניגון, נאָר אין דער לופֿט האָבן זיך אַלע ניגונים מיט אַלע קולות אויסגעמישט; און צום רבינס גאַניקל איז צוגעקומען א י י ן זמר, א י י ן ניגון... גלײַך אַלע זינגען איין זמר. און אַלע זינגען — דער הימל זינגט, און די ערד פֿון אונטן זינגט, און די נשמה פֿון דער וועלט זינגט — — — אַלץ זינגט!

רבונו של עולם! איך האָב געמיינט איך צעגיי אין מתיקות... עס איז אָבער נישט באַשערט געווען.

— מען דאַרף מינחה דאַוונען! — האָט פּלוצלונג דער ברים־קער רבֿ אַרויסגעזאָגט שאַרף; און אַלץ איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן...

שטיל — — דער פֿאַרהאַנג איז מיר צוריקגעפֿאַלן פֿאַר די אויגן; אויבן — אַ פּשוטער הימל, אונטן — פּשוטע פּאַשע, פּשוטע חסידים אין צעריסענע קאַפּאָטעס . . . אַלטע צעריסענע שטיקלעך

לאַסטינגענע — plain cotton

קאַפּאָטע — אַ ראָק (coat, frock) וואָס פֿרומע ייִדן פֿלעגן טראָגן: ער איז געווען לאַנג איבער די קני.

בלאַנקען — to glitter

טשעפּען — רירן אָן.

בגדי (ביגדיי) — קליידער, attire

התלהבֿות (היסלאַוועס) — exultation

זמר (זעמער) — song, tune

מתיקות (מעסיקעס) — זיסקייט.

מינחה (מינכע) — דאָס דאַוונען נאָך מיטאָג.

ניגונים... אויסגעלאָשן די פּלעמלעך — איך קוק אויפן רבין, זײַן פּנים איז אויך חושך — — —

זיי האָבן זיך נישט אויסגעגלײַכט; דער בריסקער רבֿ איז געבליבן אַ מתנגד ווי פֿריִער; מיט דעם איז ער אַוועקגעפֿאָרן.
דאָך אַ פּעולה האָט עס געהאַט! גערודפֿט האָט ער שוין נישט.

משיחס צײַטן

א.

אַזוי ווי אין אַלע ייִדישע שטעט און שטעטלעך אין גאַליציע איז אויך געווען אין דער קהילה וואו מײַנע עלטערן האָבן געוואוינט — אַ משוגענער.

כאָטש דער אָרעמער משוגענער האָט קיינעם נישט גערעדט קיין שלעכט וואָרט, קיינעם נישט אָנגערירט מיטן מינדסטן פֿינגער, האָבן אויף אים אַלע געשריגן. טייל האָבן אים געשלאָגן, און די גאַסן־יונגן פֿלעגן אים נאָכוואַרפֿן בלאָטע און שטיינער.

איך האָב תּמיד רחמנות געהאַט אויף דעם משוגענעם. עס האָט מיך עפּעס צו אים געצויגן. איך האָב מיט אים געוואָלט רעדן, אים טרייסטן, אַ גלעט טון! נאָר צוגיין צו אים איז געווען אוממעגלעך. איך וואָלט באַקומען אַ טייל פֿון דער בלאָטע און שטיינער, מיט וועלכע מען פֿלעגט אים באַמבאַרדירן. איך בין געווען אַ יונג קינד, איך האָב געטראָגן אַ פֿײַנעם אָנצוג און האָב מיר

חושך (כווישעך) — פֿינצטער.
אויסגלײַכן זיך — to come to an understanding
פּעולה (פּולע) — נוצן, effect
רודפֿן (רוידעפֿן) — to persecute
משיח (מאָשיִאַך) — Messiah
קהילה (קהילע) — community
בלאָטע — mud
תּמיד (טאָמיד) — always
אָנצוג — suit

אָפּגעהיט מײַנע פּלייצעס פֿון שטיינער און מיין אָנצוג פֿון בלאָטע און זיך געהאַלטן פֿון־דער־ווײַטנס.

דאָס שטעטל, וואו מײַנע עלטערן האָבן געוואוינט, און איך האָב איבערגעלעבט מײַנע קינדער־יאָרן, איז געווען אַ פֿעסטונג, אַרומגעצוימט מיט גריבער, וואַסער, וואַלן און הויכע מויערן. אויף די מויערן זײַנען געשטאַנען האַרמאַטן און זעלנערס מיט ביקסן האָבן זיי געהיט.

קוים איז נאָר צוגעפֿאַלן די נאַכט, האָט מען אויפֿגעהויבן די אײַזערנע בריק איבערן וואַסער, פֿאַרשלאָסן אַלע טויערן און אָפּגעריסן דאָס שטעטל פֿון דער רעשט וועלט ביז אין דער פֿרי. בײַ יעדן פֿאַרמאַכטן טויער איז געשטאַנען אַ וואַך, באַוואָפֿנט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

ערשט נישט לאַנג, בײַטאָג, זײַנען מיר אַלע פֿרײַ געווען, מען האָט געמעגט גיין אַרויס און אַרײַן; מען האָט זיך אויך געמעגט באָדן אין טײַך הינטער דער שטאָט, אַפֿילו זיך אויסציִען אויף דער גרינער לאָנקע בײַם טײַך און קוקן אין הימל אַרײַן, אָדער ווײַט ערגעץ אין דער וועלט אַרײַן, ווי איינער האָט געוואָלט; קיינער האָט נישט פֿאַר דעם קיין שלעכט וואָרט גערעדט. איז עמעץ אַפֿילו נישט צוריקגעקומען, האָט מען אויף אים נישט געפֿרעגט. נאָר בײַנאַכט האָט מען געוואָלט, זאָל זײַן שטיל אין שטעטל, מען זאָל זיך נישט דרייען אַרום און אַרײַן. „אַ גליק, — פֿלעג איך דעמאָלט קלערן בײַ מיר, — וואָס מען לאָזט אונדז כאָטש אַרײַן די לבֿנה״...

און אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן, וועל איך נישט פֿאַרגעסן דעם „בין השמשות״, דאָס צופֿאַלן פֿון דער נאַכט. צוזאַמען מיט

פֿעסטונג — fortress

אַרומגעצוימט — fenced off

גרוב, גריבער — pit, hell

וואַלן — rampart, bulwark

האַרמאַטן — batteries

ביקסן — muskets

וואַך — watchman, guard

באַוואָפֿנט — armed

לאָנקע — meadow

בין־השמשות (בען האַשמאָשעס) — twilights

דעם אָונטלעכן שאָטן פֿאַרשפּרייט זיך אַ שוידער איבער דעם גאַנצן שטעטל. מענטשן און הײַזער ווערן פּלוצלונג ווי אײַנגעהוי־קערטער. מען ציט די בריק, די אײַזערנע קייטן רײַבן זיך אָן די אומגעהײַערע בלאָקן. דאָס אײַזערנע קראַצן, די האַרטע, אָפּגעריסענע טענער פֿאָרן דורך די ביינער. דערנאָך פֿאַלט צו אַ טויער נאָך אַ טויער. יעדן אָונטט געשעעט דאָס זעלבע, און דאָך ציטערן יעדער מאָל די פּיס אונטער דעם מענטש; אַ שטומפּיקע מידקייט לייגט זיך אויף אַלע פּנימער, אַלע אויגן לעשן זיך אויס, ווי בײַ טויטע; די ברעמען פֿאַלן אַראָפּ ווי בלײַערנע; דאָס האַרץ בלײַבט שטיל, און מען אָטעמט קוים. דערנאָך הייבט אָן דער פּאַטרול צו קורסירן אין די גאַסן, עס קלאַפּן די נאָכגעלאָזטע שווערדן אָן די גרויסע וואַסער־שטיוול, די באַגנעטן בלישטשען, און מען שרײַט: „ווער איז דאָ?" אויף דעם מוז מען ענטפֿערן: „אַ היימישער, אָן אייגענער!" אַז נישט, ווייס גאָט, צו וואָס עס קאָן קומען. פֿלעגט מען שוין בעסער זיך פֿאַרמאַכן אונטער שלאָס און ריגל; מען האָט מורא זיך אַפֿילו אַרויסצואווײַזן אויף דער גאַס...

איין מאָל האָט זיך מיר געמאַכט אַ צופֿאַל: איך האָב זיך געבאָדן הינטער דער שטאָט. איך האָב זיך פֿאַרקוקט, צי פֿאַרטראַכט, צי גלאַט אַזוי פֿאַרגעסן, אַז נאָך דעם טאָג גייט נאַכט. פּלוצלונג זע איך ווי מען הייבט די בריק; עס שנײַדט אין די אויערן, עס פֿאַלן צו די טויערן, עס קנאַקט און שלאָגט זיך אָפּ מיר אין האַרץ. פֿאַרפֿאַלן! איך מוז שוין בלײַבן איבער נאַכט הינטער דער שטאָט...

און אַ וואונדערלעכע זאַך: ליגנדיק אין דער היים, אין וואַרעמען בעט, פֿלעגט זיך מיר נאַכט אויף נאַכט חלומען פֿון דער פֿרײַער וועלט אויסער דער פֿעסטונג; און דאָס ערשטע מאָל, אַז מײַן חלום איז מקוים געוואָרן, איז מיך באַפֿאַלן אַ שרעק! עס האָט

שוידער — ציטער, shudder
אײַנגעהויקערט — cowered together
אומגעהײַערע בלאָקן — huge blocks
שטומפּיק — dull
ברעמען — eye-lids
באַגנעטן — bayonets
עס קנאַקט און שלאָגט זיך אָפּ מיר אין האַרץ — דאָס זעלבע ווי דער ענגלישער אויסדרוק: my heart goes by leaps and bounds
מקוים (מעקוי־יעם) ווערן — to come true

זיך אָנגעהויבן דער באַוואוסטער שטרײַט צווישן קאָפּ און האַרץ. דער קאָפּ האָט גערופֿן: רואיק, גענים אויך אַ מאָל די ריינע, פֿרײַע לופֿט, דעם אויסגעשטערנטן פֿרײַען הימל. און דאָס האַרץ האָט זיך געטון זײַנס, געוואָרפֿן זיך און געצאַפּלט, צום אַרויסשפּרינגען.

עס האָט מיר אָנגעהויבן צו קלינגען אין די אויערן און צו פֿינטלען אין די אויגן. מיט יעדן לײַכטן געדויש, פֿון יעדן לײַכטן שאָטן פֿון אַ צווײַג, פֿון קלענסטן גרעזל, האָט זיך מיר אַרײַנגעזאַפּט דורך די אויגן, ווי דורך די אויערן, אַ מין שוידער, אַ שרעק, וואָס האָט מיך געוואָרפֿן אויף דער ערד.

איך האָב באַהאַלטן דאָס פּנים אין זאַמד...

צי בין איך געשלאָפֿן, צי ניין, און ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן — אָסור אויב איך ווייס! נאָר פּלוצלונג האָב איך דערהערט, אַז מען אָטעמט נאָענט לעבן מיר. איך שפּרינג אויף. איך בין נישט אַליין. צוויי גוט באַקאַנטע, טיפֿע, שוואַרצע אויגן קוקן אויף מיר האַרציק און געטרײַ.

עס איז געווען דער משוגענער.

— וואָס טוסטו דאָ? — פֿרעג איך מיט אַ דומפּיקער שטים.

— איך שלאָף קיין מאָל נישט אין שטאָט! — ענטפֿערט ער מיר טרויעריק, און דער בליק זײַנער איז אַזוי ווייך, די שטים אַזוי ברידערלעך, אַז איך קום צו זיך אין גאַנצן און פֿאַרגעס מײַן שרעק.

אַמאָל, דערמאָן איך זיך פּלוצלונג, פֿלעגט מען האַלטן משוגעים פֿאַר נביאים, און איך פֿרעג זיך: צי איז ער נישט באמת איינער פֿון זיי? צי יאָגט מען אים נישט ווי אַ נביא? צי וואַרפֿט מען אים נישט נאָך קיין שטיינער ווי אַ נביא? צי לײַכטן אים נישט די אויגן ווי די שטערן? צי ליגט נישט אין אים דער שמערץ פֿאַר אַלע וואָס לײַדן, פֿאַרן גאַנצן דור? אפֿשר ווייסט ער טאַקע אויך וואָס שפּעטער וועט זײַן?..״

שטרײַט — dispute

גענימען — to enjoy

פֿינטלען — to flicker

געדויש — sound

אַרײַנזאַפּן — אַרײַננעמען.

אָסור (אָסער) — God forbid

דומפּיקע — smother, suffocate

שמערץ — sorrows

דור (דאָר), דורות (דוירעס) — generation,(s)

איך פרואוו און הייב אָן פֿרעגן, און ער ענטפֿערט מיר אַזוי שטיל, אַזוי זיס, אַז עס דאַכט זיך מיר טייל מאָל, אַז עס איז נאָר אַ חלום, אַ זיסער חלום פֿון אַ זומערנאַכט אויף יענער זײַט פֿעסטונג.

— דו גלייבסט אין משיחס-צײַטן? — פֿרעג איך אים.

— געווים! — ענטפֿערט ער שטיל און זיכער, — משיח מוז קומען!

ער מוז?!

גאַנץ זיכער! אַלע וואַרטן אויף אים, אַפֿילו הימל און ערד וואַרטן! ווען נישט, וואָלט זיך קיינעם נישט געגלוסט צו לעבן, צו טון די האַנט אין קאַלט וואַסער... און אויב מען לעבט און מען טוט, גלײַך מען וויל לעבן, איז אַ סימן, אַז אַלע פֿילן אַז משיח קומט, אַז ער מוז קומען, אַז ער איז שוין אין וועג...

— צי איז אמת, — פֿרעג איך ווײַטער, — אַז פֿריִער וועלן זײַן שרעקלעכע מלחמות איבער פֿאַלשע משיחים? די מענטשן וועלן זיך אַרומרײַסן, ווי ווילדע חיות; די ערד וועט אָנגעזאַפּט ווערן מיט בלוט. טײַכן בלוט וועלן פֿליסן פֿון מיזרח קיין מערבֿ און פֿון דרום קיין צפֿון; אַלע חיות, בהמות וועלן טרינקען מענטשן-בלוט; אַלע פֿעלדער, אַלע גערטנער, אַלע טראַקטן און אַלע וועגן וועלן פֿאַרגאָסן ווערן מיט מענטשן-בלוט... און אין מיטן דער צײַט פֿון בלוטיקן מבול וועט זיך ערשט באַווײַזן דער אמתער משיח, דער רעכטער. איז דאָס אמת?

— אמת!

— און מען וועט אים דערקענען?

— יעדער וועט אים דערקענען, עס וועט קיינער נישט האָבן קיין טעות. ער וועט זײַן משיח מיט יעדער מינע, מיט יעדן וואָרט, מיט יעדן בליק. ער וועט נישט האָבן קיין חיילות, ער וועט נישט

גלוסטן — וועלן, to desire
אָנגעזאַפּט — be soaked
מיזרח (מיזרעך) — east
מערבֿ (מאַרעוו) — west
דרום (דאָרעם) — south
צפֿון (צאָפֿן) — north
מבול (מאַבל) — flood, deluge
חיילות (כאַיאָלעס) — armies

רײַטן אויף קיין פֿערד, און אַ שווערד וועט אים נישט הענגען אויף די לענדן...

— וואָס דען?

— פֿליגל וועט ער האָבן... משיח וועט האָבן פֿליגל, און אַלע וועלן דערנאָך באַקומען פֿליגל. עס וועט זײַן אַזוי: פּלוצלונג וועט געבוירן ווערן אַ קינד מיט פֿליגל, דערנאָך — אַ צווייטס, אַ דריטס, און אַזוי וועט עס שוין גיין כּסדר... פֿריִער וועלן זיך די מענטשן דערשרעקן, דערנאָך וועט מען זיך צוגעוואוינען, ביז עס וועט אַרויסקומען אַ גאַנצער דור מיט פֿליגל; אַ דור, וואָס וועט זיך נישט מער וואַלגערן אין דער בלאָטע...

לאַנג נאָך האָט ער אַזוי גערעדט, נאָר איך האָב אים אויפֿגעהערט צו פֿאַרשטיין. זײַן שטים איז געווען אַזוי אומעטיק־זיס. אַז ער האָט אויפֿגעהערט צו רעדן, האָט שוין געטאָגט. מען האָט שוין די טויערן געעפֿנט און די בריק אַראָפּגעלאָזט...

ב.

זינט יענער נאַכט אויסער דער פֿעסטונג איז מיר דאָס לעבן אין איר נאָך שווערער, נאָך אומדערטרעגלעכער געוואָרן. די אַלטע מויערן, די אויפֿגעצויגענע בריק, די אײַזערנע טויערן, די וואַכטן און פּאַטרולן, דער הייזעריק־צאָרנדיקער: „ווער איז דאָ?“; דער אונטערטעניק פֿאַלשער: „אַ היימישער, אַן אייגענער!“; דאָס אייביקע ציטערן פֿון די ליימיקע פּנימער, די איבערגעשראָקענע האַלב־פֿאַרלאָשענע אויגן, דער מאַרק מיט די פֿאַרבלאָנקעטע, צעטריק־פֿוילע שאָטנס, — דאָס אַלץ האָט זיך מיר געלייגט ווי בלײַ

לענדן — hips

כּסדר (קעסיידער) — in succession

וואַלגערן — ליגן אין; דאָ: to struggle

טאָגן — to dawn

אומדערטרעגלעך — unbearable

וואַכטן — sentinels

הייזעריק־צאָרנדיקער — hoarsely-angry

אונטערטעניק — servile

ליימיקע — muddy

פֿאַרבלאָנקעטע — פֿאַרלאָרענע.

אויף דער נשמה, נישט אָפּצוועטעמען, נישט פֿרײַ צו ווערן... עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ פֿאַרצווייפֿלונג, עס האָט מיך דורכגענומען אַ שרעקלעכע בענקשאַפֿט. און איך האָב באַשלאָסן — משיחן אָקעגן צו פֿאָרן...

*
**

איך זעץ מיך אויף דעם ערשטן בעסטן וואָגן. דער בעל־עגלה דרייט זיך צו מיר איבער און פֿרעגט:

— וואו אהין?

— וואו דו ווילסט, — ענטפֿער איך, — נאָר אוועק, ווײַט, ווײַט פֿון דאַנען!

— אויף ווי לאַנג?

— ווי לאַנג דאָס פֿערד וועט אויסהאַלטן!..

דער בעל־עגלה נעמט די לייצעס אין האַנט און מיר פֿאָרן.

מיר פֿאָרן אַלץ ווײַטער און ווײַטער. אַנדערע פֿעלדער, אַנדערע וועלדער, אַנדערע דערפֿער, אַנדערע שטעט, אַלצדינג אַנדערש; עס איז אָבער נאָר אַנדערש פֿון אויבן, דער תּוך איז שטענדיק דער זעלביקער. אַז איך האָב מיך גוט אײַנגעקוקט, איז אומעטום און אויף אַלץ געלעגן די זעלבע מרה־שחורה; יעדער מענטשנבליק איז געווען ציטערדיק פֿאַלש, יעדער טאָן — איבערגעבראָכן און שטאָלפּעריק... אויף אַלץ איז געלעגן אַ טרויעריקער נעפּל, וואָס האָט פֿאַרשטעלט יעדן שײַן און האָט געלאָשן יעדע פֿרייד. אַלץ איז געווען צוזאַמענגעדריקט און פֿאַרשטיקט. און איך שרײַ אַלץ אין איינעם:

„ווײַטער!..” איך הענג אָבער אָפּ פֿון בעל־עגלה און דער בעל־עגלה פֿון פֿערד... דאָס פֿערד וויל עסן, און מיר מוזן זיך אָפּשטעלן.

פֿאַרצווייפֿלונג — despair

בענקשאַפֿט — longing

בעל־עגלה (באַלעגאָלע) — driver

לייצעס — reins

תּוך (טאָך) — דאָס אינעווייניקסטע, דאָס וויכטיקסטע.

מרה־שחורה (מאָרע־שכוירע) — melancholy

שטאָלפּעריק — halting; ניט זיכער.

נעפּל — mist

פֿאַרשטיקט — stifled

איך קום אין אַ קרעטשמע אַרײַן. עס איז אַ גרויסע שטוב, איבער־געטײלט אין דער העלפֿט מיט אַן אַלטער פֿאָרהאַנג, וואָס גייט פֿון איין וואַנט צו דער צווייטער. אין דער זייט פֿאָרהאַנג זיצן דרײַ מענער בײַ אַ גרויסן טיש. זיי באַמערקן מיך נישט, און איך האָב צײַט זיי צו באַטראַכטן. עס זײַנען דרײַ דורות. דער עלטסטער איז גראָ ווי אַ טויב, דאָך זיצט ער גלײַך און קוקט מיט שאַרפֿע אויגן, אָן ברילן, אין אַ גרויס ספֿר, וואָס ליגט פֿאַר אים אויפֿן טיש. דאָס אַלטע פּנים איז ערנסט, די אַלטע אויגן קוקן זיכער, און דער אַלטער מענטש מיט דעם ספֿר גיסן זיך צוזאַמען דורך דער ווײַסער באָרד, וואָס האָט זיך צעלייגט מיט אירע זילבערנע עקן אויף די בלעטער פֿונעם ספֿר.

לעבן אים רעכטס זיצט אַ ייִנגערער, געוויס אַ זון זײַנער: דאָס זעלבע געזיכט, נאָר ייִנגער, רירעוודיקער, נערוועזער; סע־קונדנווײַז, מידער און צעגאָסענער. ער קוקט אויך אין ספֿר אַרײַן, נאָר ער קוקט שוין אויף אַ בריל. דאָס ספֿר איז קלענער, און ער האַלט עס נעענטער צו די אויגן, אָנגעשפּאַרט אויפֿן ראַנד פֿונעם טיש. ער איז אין די מיטעלע יאָרן; באָרד און פּאות — האַלב זיל־בערנע. ער שאָקלט זיך אַהין און צוריק. זײַן גוף, דאַכט זיך, וויל זיך יעדער מאָל אָפּרײַסן פֿונעם ספֿר, נאָר דאָס ספֿר ציט אים צו זיך צוריק. ער שאָקלט זיך, און די ליפּן ציטערן שטיל. אַ מאָל קוקן די אויגן אַהין צום אַלטן: יענער דאָך באַמערקט אים נישט.

לינקס פֿונעם אַלטן זיצט דער ייִנגסטער, דאַכט זיך — אַן אייניקל פֿונעם אַלטן. אַ יונגערמאַן מיט שוואַרץ־גלאַנצנדיקע האָר

קרעטשמע — inn
ברילן — eye-glasses
געזיכט — פּנים, face
רירעוודיק — באַוועגלעך, lively
צעגאָסן — drawn
אָנגעשפּאַרט — resting
ראַנד — edge
פּאה (פּייע), פּאות (פּייעס) — side-locks; פֿרומע ייִדן שערן ניט די האָר פֿון די שלייפֿן (temples) הענגען פֿון די שלייפֿן אַראָפּ לאָקן. אַזאַ לאָק הייסט אַ פּאה.
גלאַנצנדיקע — shiny

און אַ ברענענדיק-צעוואָרפֿענעם בליק. ער קוקט אויך אין אַ ספֿר אַרײַן, נאָר דאָס ספֿר איז קליין, און ער האַלט עס נאָענט צו די לעבעדיקע אויגן. גאַנץ אָפֿט רוקט ער עס אַוועק פֿון זיך, וואַרפֿט אַ בליק, אויסגעמישט פֿון שרעק און דרך-ארץ אויפֿן אַלטן, קוקט אַריבער צום פֿאָטער מיט אַ האַלב איראָנישן שמייכל און בייגט זיך איבער צו הערן, וואָס עס טוט זיך אין יענער זײַט פֿאָרהאַנג. און פֿון יענער זײַט פֿאָרהאַנג הערט זיך קרעכצן, גלײַך עמעץ גייט דאָרט צו קינד...

איך וויל הוסטן, מען זאָל מיך באַמערקן. אין דער זעלבער סעקונדע פֿאַרבייגט זיך אַ שטיק פֿאָרהאַנג און עס באַווײַזן זיך צוויי פֿרויען. איינע אַן אַלטע מיט אַ שאַרף ביינערדיק פּנים און שאַרפֿע אויגן, די צווייטע אַ יִינגערע פֿרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ ווייך, אָפּגעשמאָלצן פּנים און אַ נישט-זיכערן בליק. זיי שטייען, קוקן צו די מענער און וואַרטן מען זאָל זיי פֿרעגן. דער עלטסטער באַמערקט זיי נישט. זײַן נשמה האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער נשמה פֿונעם ספֿר. דער מיטעלער באַמערקט די פֿרויען און קלערט, ווי אַזוי דעם פֿאָטער צו וועקן; דער יִינגסטער שפּרינגט דערווײַל אויף...

— מאַמע! באָבע! נו?..

זײַן פֿאָטער שטעלט זיך אויף אומרואיק, דער זיידע רוקט נאָר אַ ביסל אַוועק דאָס ספֿר און הייבט אויף די אויגן צו די פֿרויען.

— וואָס טוט זי? — פֿרעגט ווײַטער דער יִינגסטער מיט אַ ציטערדיקער שטים.

— איבערגעקומען! — ענטפֿערט די אַלטע רואיק.

— איבערגעקומען? איבערגעקומען? — שטאַמלט דער יונגער.

— זאָגסט נישט, מאַמע, „מזל-טובֿ“? — פֿרעגט דער מיטעלער.

דער אַלטער קלערט איבער און פֿרעגט:

— וואָס איז געשען? און ווען אַפֿילו אַ מיידל...

— ניין! — ענטפֿערט ערשט אַצינד די אַלטע, — אַפֿילו אַ יִינגל...

בליק — glance
דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — respect
קרעכצן — to moan
גיין צו קינד — a woman in child-birth
אָפּגעשמאָלצן פּנים — flabby face
מזל־טובֿ (מאַזל־טאָוו) — good luck

— אַ טויטס?

— ניין, עס לעבט! — ענטפֿערט די אַלטע. אין דעם קול קלינגט דאָך נישט קיין פֿרייד.

— אַ קריפּל? אַ קאַליקע?

— אַ צייכן האָט ער! אויף ביידע אַקסל...

— וואָס פֿאַר אַ צייכן?

— פֿון פֿליגל...

— פֿון פֿליגל?

— יאָ, פֿון פֿליגל, און זיי וואַקסן...

דער אַלטער בלײַבט זיצן פֿאַרזאָרגט, דער מיטעלער — פֿאַר־וואונדערט, דער יִינגסטער נאָר שפּרינגט אונטער פֿאַר פֿרייד.

— וואויל, וואויל! זאָלן זיי וואַקסן, זאָל פֿון זיי ווערן עכטע פֿליגל, גרויסע, שטאַרקע פֿליגל, וואויל, וואויל!

— וואָס איז די שׂימחה? — פֿרעגט דער מיטעלער.

— אַ שרעקלעכער קאַליקע! — זיפֿצט דער אַלטער.

— פֿאַרוואָס? — פֿרעגט דאָס אייניקל.

— פֿליגל, — ענטפֿערט דער אַלטער שטרענג, — הייבן אין דער הייך... מיט פֿליגל קאָן מען זיך נישט דערהאַלטן אויף דער ערד.

— אַ וויכטיקע זאַך! — מאַכט דאָס אייניקל, — וואַלגערט מען זיך נישט אין דער בלאָטע; לעבט מען אין דער הייך... צי איז דען דער הימל נישט שענער פֿון דער ערד?

דער אַלטער ווערט בלאַס און דער מיטעלער נעמט דאָס וואָרט.

— נאַריש קינד! פֿון וואָס קאָן מען לעבן אין דער הייך? לופֿט שלינגען איז ווייניק...

דער אַלטער שלאָגט איבער:

— אין דער הייך, — זאָגט ער פֿעסט און האַרט ווי אײַזן, — איז נישטאָ קיין שול, קיין בית־המדרש, קיין קלויז צום דאַווענען,

---

קאַליקע — deformitive, defective

שלינגען — to swallow

איבערשלאָגן — to interrupt

בית־המדרש (ביים האמעדרעש) — house-of-study

קלויז — שול צו דאַווענען.

צום לערנען; אין דער הייך איז נישטאָ קיין שטעג, אויסגעטראָטן פֿון קדמונים! אין דער הייך בלאָנקעט מען זיך, בלאָנדזשעט מען, ווײַל מען ווייסט נישט דעם וועג... מען איז טאַקע אַ פֿרײַער פֿויגל, נאָר ווי דעם פֿרײַען פֿויגל, אַז עס באַפֿאַלט אים אַ ספֿק, אַ מרה־שחורה!..

— ווי הייסט? — שפּרינגט אויף דער יינגסטער מיט היים בלוט און ברענענדיקע אויגן.

ליידער קומט ער נישט צום וואָרט...

איך גיב מיך אַ כאַפּ אויף. מײַן איבערנעכטיקן אויסער דער שטאָט, די נסיעה און דאָס קינד מיט די פֿליגל זײַנען נאָר אַ חלום געווען.

דער אייביקער פֿרידן אין ערגעץ־לאַנד

דערציילט אַזוי דאָס מעשׂהלע פֿון ערגעץ־לאַנד:

אין ערגעץ־לאַנד איז אַ הויכער גרויסער באַרג פֿאַראַן. האַלטן זיך אויפֿן שפּיץ פֿון באַרג די אָדלער די גרעסטע, שפּילן אויף זײַן הייך די ווינטן די שטאַרקסטע; שפּילן זיי און ראַנגלען זיך.

זעט אויך דער שפּיץ פֿון באַרג דאָס גרעסטע הימלשטיק פֿון געוועלב איבערן ערגעץ־לאַנד, און דעם שענסטן אויפֿגאַנג פֿון דער זון יעדן מאָרגן־פֿרי אין ערגעץ־לאַנד...

שטעג — pathway

קדמונים (קאַדמויניםׂ) — אַלטע צײַטן.

בלאָנקען — וואַנדערן.

בלאָנדזשען — פֿאַרלאָרן גיין, to get lost

ספֿק (סאָפֿעק) — doubt

איבערנעכטיקן — בלײַבן איבער נאַכט.

נסיעה (נעסיִע) — journey

אָדלער — eagle

געוועלב — arch of the heavens, firmament

באַדט זיך דער שפּיץ באַרג אין העלסטן, רײַכסטן ליכט. עס איז דאָך דער העכסטער באַרג אין ערגעץ־לאַנד: די זון פֿאַרשטעלט אים ק י י נ ע ר נישט, פֿון ערגעץ פֿאַלט אויף אים קיין שאָטן נישט . . .

און שטאַרק איז ער, דער באַרג: פֿעלדזן זײַנען זײַנע גלידער, קופּער און גאָלד — זײַנע אָדערן . . . דאָס ווײַס די ווילדע ציג, וואָס שפּרינגט איבער זײַן רוקן . . .

אָט אַזוי האָט דאָס מעשׂהלע פֿאַרציילט. —

— — — — — — — — — — —

שפּינט זיך און שפּינט ווײַטער דאָס מעשׂהלע.

פֿון לבֿנה־שטראַלן שפּינט זיך עס; אין שטילע נעכט, אין לבֿנה־נעכט . . .

דערציילט עס ווײַטער אַזוי:

צופֿוסנס בײַם הויכן באַרג אין ערגעץ־לאַנד ליגן לענדער פֿרײַע, פֿעט און שוואַרץ . . . וואַקסן וועלדער טיפֿע־טיפֿע, און שטראָמען יאָגן און טײַכן פֿליסן . . . און רינגלען אַרום דעם גרויסן הויכן באַרג . . .

און קומען די וואַנדערער, — איינציקווײַז, פֿאַרנווײַז אָדער פֿאַמיליעס גאַנצע — און דערגרייכן זיי דעם באַרג אין ערגעץ־לאַנד, באַזעצן זיי זיך אַרום און אַרום דעם באַרג, צופֿוסנס דעם באַרג . . .

גייט דער יעגער מיט פֿײַל־און־בויגן אין וואַלד אַרײַן; זעצט זיך דער פֿישער מיט נעץ און ווענטקע בײַם קלאָרן טײַך; זוכט זיך דער פֿעלדמאַן זײַן אַקער אויס; טרײַבט דער העַרט זײַן פֿי איבער דער פֿעטער לאָנקע . . . ווערן קאָלאָניעס מיט דער צײַט . . .

גרויס איז אָבער דער צופֿוסנס פֿון באַרג, טרעפֿט זיך איין

גליד, גלידער — limbs

אָדער — vein

שפּינען — to weave

יעגער — hunter

פֿײַל־און־בויגן — bow and arrow

ווענטקע — fishing-line

אַקער — plough

העַרט — פּאַסטעך.

פֿי — cattle

לאָנקע — meadow

קאָלאָניע מיט דער צווייטער נישט ; ווייסט איינע פֿון דער צווייטער נישט.

בויט זיך יעדערער איר וועלט פֿאַר זיך, און אָרדנט זיך אײַן די „א י י נ צ י ק ע” וועלט. בויט זיך איטלעכע איר הייליקטום פֿאַר גאָט דעם „איינציקן”, און דינט דעם האַר פֿון דער וועלט דעם איינ־ציקן . . .

און מען לעבט די יאָרן אויס, און מען שטאַרבט צו דער רעכטער צײַט, און אַלץ לויטן ווילן און געזעץ פֿון גאָט פֿון איינ־ציקן . . .

און מען בעט גאָט, און מען רעדט אויף דער „איינאיינציק” מענטשלעכער שפּראַך.

און מען אַרבעט ; און מען מערט, און מען פּרוכפּערט זיך, און מען הייבט זיך פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אויפֿן רוקן פֿון הויכן באַרג, פֿון געגלוסטן באַרג . . .

לאַנגזאַם — מיט ווייץ, האָבער און קאָרן, גייט דער אַקערמאַן ; מײַדט אים אויס דער פֿלאַנצער פֿון ווײַן ; העכער שפּרינגט דער הערט, איבער שטיין און פֿעלדז, נאָך דער ווילדער ציג ; מיט דער מעטאַלענער אָדער גייט דער בערגמאַן פֿעסט און טיף . . .

און טייל שטײַגן נאָך העכער . . .

דאָס זײַנען די, וואָס האָבן זיך, מיטן גאַנצן האָב־און־גאָב, באַ־רואיקן נישט געקאָנט . . .

שוין צו פֿאַרבענקטע נשמות זײַנען זיי ; צו פֿאַרבענקטע נשמות צו דער הייך, צו דער הויכער הייך.

לייגט מען אַ מאָל די ווענטקע אַוועק און דעם פֿײַל־און־בויגן, און מען גייט פֿון וואַלד און טײַך . . . פֿאַלט רידל און קאָסע אַ מאָל

פּרוכפּערן זיך — זיך מערן, to multiply
גלוסטן — to covet
ווייץ — wheat
האָבער — oats
קאָרן — rye
בערגמאַן — miner
שטײַגן — to climb
האָב־און־גאָב — אַלץ וואָס מען האָט, פֿאַרמאָגט.
פֿאַרבענקט — longing
רידל — spade
קאָסע — scythe

פֿון האַנט אַרויס; פֿאַרלאָזט מען דעם אַקער, פֿאַרלירט מען שער און שנײַדמעסער פֿון האַנט, קומט מען פֿון ווײַנבערג אַרויס, און מען וואַרפֿט די האַק אַוועק, און מען קוקט פֿון דער מעטאַלענער אָדער אַרויס אויף דער ליכטיקער שײַן . . . פֿאַרלאָזט מען אויף גאָטס באַראָט די ווילדע ציג, און מען שטײַגט . . .

עס ציט דער שפּיץ פֿון באַרג . . .

האָט יעדע קאָלאָניע איר בענקענדיקן מאַן, אַנדערע — אירע בענקענדיקע לײַט — שטײַגן זיי . . .

שטײַגן זיי.

איז, וואָס העכער, דינער און דינער דער רוקן פֿון באַרג; בלאָנדזשען זיי און טרעפֿן זיך אַ מאָל.

און טרעפֿט מען זיך . . .

און טרויעריק ווערט דאָס מעשׂהלע, ווען עס דערציילט דער־פֿון . . . און ש ר ע ק ל ע ך . . .

טרויעריקע געשיכטעס; בלוטיקע געפּעכטן . . .

***

עס שפּינט זיך און שפּינט דאָס מעשׂהלע אַזוי:

האָט יעדע קאָלאָניע איר בענקענדיקן מאַן; אַנדערע — אירע בענקענדיקע לײַט — —

צום שפּיץ פֿון באַרג בענקען זיי . . .

צו דיווינטן די שטאַרקע, צו די אָדלער די גרויסע . . . צום גרויסן פֿרײַען הימל; צום רײַכן העלסטן ליכט, צום שענסטן אויפֿגאַנג פֿון דער זון בענקען זיי . . .

עס ציט דער שפּיץ פֿון באַרג . . .

און איינציקווײַז גייען זיי, איבער די גרענעצן פֿון פֿעלדער גייען זיי . . . פֿון ווײַנבערג־געוועלבן קומען זיי אַרויס . . . בײַ די ראַנדער פֿון מעטאַלענע גרובן שלײַכט מען זיך . . .

ווײַנבערג — ווײַנגאָרטן אויף דער זײַט פֿון אַ באַרג.

אויף גאָטס־באַראָט — hap-hazardly

בלאָנדזשען — פֿאַרלירן דעם וועג.

געפּעכט, געפּעכטן — געשלעג.

ווײַנבערג־געוועלב — אָרט וואו מען מאַכט ווײַן פֿון די ווײַנטרויבן (grapes)

ראַנד, ראַנדער — border, edge

גרוב — pit

שלײַכן זיך — שטיל זיך רוקן.

איבער שטיין און פֿעלדז, איבעריאָגנדיק דיווילדע ציג.
מיט פֿאַרבענקטע אויגן, אין דער הויכער הייך פֿאַרקוקט, בלאָנדזשען זיי, זאַפּנדיק מיט אויפֿגעשפּיצטע אויערן די גערוישן פֿון דער הייך — און טרעפֿן זיך אַ מאָל . . .
און טרעפֿן און — דערשרעקן זיך.
און מיט אומצוטרוי פֿאַרוואונדערט, קוקט איינער אויפֿן צווייטן, זיך אָפּשטעלנדיק:
פֿון פֿאַרשיידענע ערטער געקומען, אויף פֿאַרשיידענע וועגן געגאַנגען און — אַנדערש געקליידט, אַנדערש געשוירן און אַנדערש דעם קאָפּ באַדעקט . . .
שטאַמלט מען, זיך גריסנדיק און זאָגנדיק:
— גוט מאָרגן!
זאָגט עס יעדערער אויף זײַן שפּראַך, אויף זײַן איינציקער שפּראַך... קלינגט עס דעם צווייטן פֿרעמד, האַרט, נישט מענטשלעך און פֿײַנדלעך אין די אויערן... מיינט יעדערער, דער צווייטער דראָט.
„ער באַליידיקט מיך, ער שילט!"
שטייט מען זיך קעגנזײַטיק צו:
— ביסטו אַ מענטש, גלייבסטו אין — —
און אָנגערופֿן ווערט דער נאָמען פֿון גאָט, פֿון „איינציקן" גאָט. . .
ווערן אין צוויי שפּראַכן גערופֿן צוויי נעמען פֿון גאָט; און יעדערער פֿון צווייטן טראַכט:
רעדן רעדט ער נישט ווי קיין מענטש און גלייבן גלייבט ער נישט אין גאָט . . .
גרייט מען זיך צום שטרײַט . . .
רופֿט יעדערער פֿאַרן שטרײַט זײַן גאָט צו הילף . . .
אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן ריידן זיי, פֿאַרשיידענע נעמען רופֿן זיי.
זאָגט יעדערער: ער לאַכט פֿון מיר און לעסטערט נאָך מײַן גאָט! —

זאַפּן — אַרײַננעמען.
to stammer — שטאַמלען
to threaten — דראָען
to scold — שילטן
quarrel — שטרײַט
to blaspheme, to have contempt for God — לעסטערן

אָדער: ער דינט אַן אַנדער גאָט, אַ פֿאַלשן גאָט, אַ שלעכטן גאָט!

פֿלאַקערט מיט אַ מאָל שטאַרקער אויף דער האַס, און מען ראַנגלט זיך: אויף טויט און לעבן גייט דער שטרײַט . . .

זיגט איין מענטש און זײַן איינציקער גאָט . . .

און דער באַזיגטער שילט צי בענטשט זײַן גאָט און — פֿאַלט . . .

קאָלערט זיך דעם באַזיגטנס קערפּער באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַראָפּ . . . און צייכנט מיט בלוט זײַן וועג איבערן באַרג, איבערן רוקן פֿון הויכן גרויסן באַרג . . .

און זײַן גאָט אויף זײַן שפּראַך דאַנקענדיק, שטײַגט דער זיגער אַלץ העכער און העכער . . .

און די צאָל פֿון די בענקענדיקע אין די קאָלאָניעס און די צאָל פֿון די, וואָס טרעפֿן זיך און ראַנגלען זיך אויפֿן רוקן פֿון באַרג, וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג . . .

עס וואַקסט די בענקשאַפֿט, וואָס טרײַבט אַלץ אַרויף און אַרויף . . . און עס וואַקסט דער צאָרן קעגן דעם ווילדן, וואָס מען טרעפֿט אויפֿן וועג; קעגן דער ווילדער חיה, וואָס גלייבט נישט אין גאָט, האָט אַ שלעכטן, פֿאַלשן גאָט און שטאַמלט אויף אַ נישט־מענטשלעכער שפּראַך...

און וואָס אַ מאָל העכער שטײַגט דער מענטש מיט זײַן צאָרן! און מיטן מענטש, אַלץ העכער און העכער — שטרײַט און שלאַכט . . .

ראַנגלט מען זיך וואָס אַ מאָל נעענטער צום שפּיץ פֿון באַרג . . .

און די טויטע קערפּערס פֿון באַזיגטע קאָלערן זיך אַלץ עפּטער און עפּטער, און פֿון אַ העכערער הייך, באַרג־אַפּ, באַרג־אַפּ . . . און צעפּליישן זיך, זיך קאָלערנדיק, אויף בלוטיקע פּיצלעך און פֿעדעם, אַן שפּיצן פֿון שטיין און פֿעלדז; און אַלץ עפּטער און עפּטער ריזלט דאָס בלוט באַרג־אַפּ, באַרג־אַפּ; און שטראָמט, און טרענקט, און רייטלט דעם רוקן פֿון באַרג . . .

און אַ דאַנק די אַראָפּגעפּאַלענע צעפּליישטע לעסטערערס פֿון

פֿלאַקערן — to blaze, to flame, זיך צעברענען.
בענטשן — to bless
קאָלערן זיך — קײַקלען זיך, to roll
צאָרן — כּעס, anger, wrath
צעפּליישן זיך — ווערן צעשניטן אין שטיקלעך פֿלייש.
ריזלען — רינען, to flow

גאָט, ווערט אַלץ פֿעטער און פֿעטער די ערד צופֿוסנס דעם באַרג;
אַלץ פֿולער און געבענטשטער — די זאַנג פֿון ווייץ און קאָרן; פֿולער
און גליִענדיקער — די טרויב, זיסער — דער זאַפֿט אין איר . . .
און דער ווילדער ציג שפּראָצט אַלץ מער און מער גראָז פֿון אונטער
די פֿיס, און אַלץ מער און פֿעטערע מילך גיט זי דעם הערט . . .
און די פֿאַרבענקטע זיגערס דאַנקען גאָט און — שטײַגן . . .

⁂

און ווײַטער פֿאַרציילט דאָס מעשׂהלע:
און עס פֿרוכפּערן זיך אַלץ, און עס מערן זיך די קאָלאָניעס צו־
פֿוסנס דעם באַרג. און די פֿאַרבענקטע צו דער הייך וואַקסן אויך
אין צאָל, — שטײַגן שוין מערערע מיט אַ מאָל . . .
און געפֿערלעך, און מיט יעדן טאָג געפֿערלעכער ווערט דער
וועג אַרויף; צו גרויסע אָדלער און פֿרײַע ווינטן דער שטעג . . .
און צום אויפֿגאַנג פֿון דער זון, און צו די ברייטע הימלען אין דער
הייך . . .
אַלץ מער ווילדע שטאַמלערס און גאָט־לעסטערערס טראָגן זיך
אויפֿן רוקן פֿון באַרג.
און שוין באַוואָפֿנט ווערט געשטיגן . . .
און מחנות באַוואָפֿנטע טרעפֿן זיך אָפֿט און עפֿטער . . .
און שלאַכטן ווערן בײַ יעדן טרעפֿן זיך געפֿירט, און אַלץ —
אין נאָמען פֿון גאָט, פֿון איינציקן גאָט!
און דערהערט מען אונטן די קריגס־געשרייען פֿון דער
הייך, לויפֿט מען אַרויף צו הילף . . .
קומט דער הערט פֿון זײַן געצעלט אַרויס, דער בערגמאַן פֿון
זיין גרוב, פֿון טרויבן־געוועלב לויפֿט דער ווײַנבערגער אַרויף, עס
אײַלט אויך דער ערדמאַן פֿון אַקער אַוועק, און דער פֿישער פֿון

זאַנג — ear (of corn)

גליִענדיקער — glowing, red-hot

טרויב — grape

שטעג — path

מחנות (מאַכנעס) — hordes

טרויבן־געוועלב — אָרט וואו מען האַלט די ווײַנטרויבן.

ברעג טײַך, און דער יעגער פֿון טיפֿן וואַלד... און באַוואָפֿנט זײַ־נען אַלע; דער בערגמאַן האָט פֿאַר אַלע וואָפֿן געמאַכט . . .

און אַלץ עפּטער און העפּטיקער ווערט די שלאַכט . . .

הילכט דער באַרג פֿון אײביקן קריג; פֿון העלדן־געשרײ, פֿון געווער־געקלאַנג . . . און פֿון גאָטס נעמען, וואָס ווערן אין אַלערלײ שפּראַכן גערופֿן . . .

און מאַסנווײַז קאַלערן זיך די טויטע אַראָפּ, אַראָפּ, און צעפּלײשן זיך אויף שטײן און פֿעלדז, איבער וועג און שטעג . . . און בלוטיקע טײַכן שטראָמען באַרג־אָפּ, באַרג־אָפּ . . . יאָגן זיך און שטראָמען.

און וואָס אַ מאָל, ווערט אונטן פֿעטער די ערד, פֿולער די זאַנג פֿון ווײץ, האָבער און קאָרן. זיסער און גלײַענדיקער דער ווײַן און אַלץ זאַטער און זאַטער פֿיטערט זיך די ווילדע ציג צווישן שטײן און פֿעלדז און גיט מער און פֿעטערע מילך . . .

***

נאָר אײן מאָל — אַזוי ווערט דאָס מעשׂהלע דערצײלט — האָבן זיך צוויי, אין צעפּלאַקערטן קאַמף, אַלץ העכער און העכער געיאָגט, ביז זײ האָבן פּלוצלונג דעם הויכן שפּיץ פֿון באַרג דערגרײכט, און פּלוצלונג גאָר פֿאַרבאָדן זיך אין אַ שטראָם פֿון ליכט, פֿון העלסטן רײַכסטן ליכט פֿון דער הייך . . .

און מיט אַ מאָל און פּלוצלונג רײַסט זיך זײ בײדע אַ נײַע, גאַנץ נײַע שפּראַך פֿון דער צונג אַראָפּ! — דאָס איז געווען די שפּראַך פֿ ו ן ד ע ר ה י י ך, די ליכטיקע שפּראַך, — די שטראַלן־שפּראַך.

און מיט אַ מאָל און פּלוצלונג האָט אײנער דעם צווייטן דער־הערט און פֿאַרשטאַנען; האָט י ע ד ע ר ע ר אינעם צווייטן אַ מענטש דערקענט, דעם זעלבן גאָטס נאָמען פֿון זײַנע ליפּן אַראָפּ גע־הערט, און זײ זײַנען זיך איבער די העלדזער געפֿאַלן. —

און נאָך זײ זײַנען געקומען אַנדערע און אַרײַנגעפֿאַלן אין ליכט, און נאָך אַנדערע — און אַלע, אַלע האָבן אָנגעהויבן רײדן אויף דער אײנציק־מענטשלעכער שטראַלן־שפּראַך . . .

איז אַ פֿרייד געווען!

הילכן — קלינגען.
שטראַלן־שפּראַך — די שפּראַך פֿון ליכט.

אָבער פּלוצלונג האָבן זיי דערהערט פֿון הינטן אַ קריגס־געשריי, פֿון אַלע זײַטן באַרג אַ ליאַרעם פֿון שלאַכטן...

אונטן איז געשען, וואָס עס האָט געמוזט געשען... ווי אויבן די איינצלנע פֿאַרבענקטע מענטשן, האָבן זיך אונטן די קאָלאָניעס געטראָפֿן . . .

געמערט איבער דער צײַט און געפּרוכפּערט זיך האָבן די קאָ־לאָניעס און פֿאַרשפּרייט זיך און פֿאַרשפּרייט, און אַלץ שמעלער און שמעלער זײַנען די פֿרײַע פֿעלדער און די פֿרײַע וועלדער געוואָרן . . . האָבן זיך יעגער מיט יעגער געטראָפֿן, דער ערדמאַן מיטן ערדמאַן; און הערטשאַפֿט מיט הערטשאַפֿט באַגעגנט, און בערגמאַן מיט בערג־מאַן — אונטער דער ערד . . .

פֿרעמדע זײַנען געקומען! פֿרעמדע אַקערן אונדזער לאַנד! ווילד־פֿרעמדע כאַפּן פֿיש אין אונדזערע טײַכן; שטאַמלערס אַן אַ שפּראַך גראָבן זיך אײַן אין אונדזער ערד. . . גאָט־לייקענערס האָבן אונדזערע ווײַנבערגער פֿאַרנומען; דינערס פֿון פֿאַלשע, שלעכטע געטער — די ווילדע ציג באַצוואונגען! —

אַזוי האָט מען גערופֿן.

און אויפֿגעפֿלאַקערט האָט אויף אַלע גרענעצן די שלאַכט . . .

לויפֿן די פֿאַרברידערטע פֿון דער הייך אַראָפּ:

— שטיל! געוועור צו די פֿים! אַלע זײַנען גלײַך! פֿאַראַן איין איינציק מענטשלעכע שטראַלן־שפּראַך!

— — — — — — — — — — — —

און דאָס — פֿאַרציילט דאָס מעשׂהלע — איז דער אָנהייב גע־ווען . . .

פֿון אייביקן פֿרידן דער אָנהייב.

פֿון אייביקן פֿרידן אין ערגעץ־לאַנד, צופֿוסנס דעם גרויסן, הויכן באַרג . . .

— — — — — — — — — — — —

און אַזוי, פֿאַרציילנדיק, צעשטראַלט זיך עס, דאָס מעשׂהלע, און צעשמייכלט זיך . . .

ווי דער מיזרחדיקער מאָרגן־גלאַנץ פֿון שפּיץ אַראָפּ געזען, פֿון שפּיץ פֿון הויכן, גרויסן באַרג אין ערגעץ־לאַנד געזען . . .

ליאַרעם — גערויש, noise, tumult

גאָט־לייקענערס — די וואָס גלייבן ניט אין גאָט.

מיזרחדיקער — eastern

גלאַנץ — glitter

עס ווייסט, ס׳וועט ווערן אַ ליד דערפֿון, אַ וויגליד; זינגען וועלן די מוטערס עס, איבער דער ליבסטער קינדערוויג...
און אינעם קינדס הערצל-קליין, הערצל-פֿײַן, קלינגען, קלינגען וועט דאָס ליד, און ס׳וועט דערפֿון אַ בענקשאַפֿט וו ע ר ן...
אַ ב ע נ ק ע נ י ש, צום ערגעץ-לאַנד, צום הויכן באַרג אין ערגעץ-לאַנד; צום פֿרידן-לאַנד, מיט דער שטראַלן-שפּראַך, דער איינציק מענטשלעכער —
אַ בענקשאַפֿט פֿײַן, אַ בענקשאַפֿט ריין...

די היטערין פֿון הייליקן פֿײַער

(ל ע ג ע נ ד ע)

דער מענטש פֿון דער הײַנטיקער וועלט האָט וועגן פֿײַער אַזוי געטראַכט: „פֿײַער גיט וואַרעמקייט, פֿאַרטרײַבט די קעלט, קעלט איז טויט, וואַרעמקייט איז לעבן — דער קוואַל פֿון לעבן איז פֿ ײַ ע ר“.
„פֿײַער פֿאַרטרײַבט די ווילדע חיה פֿון וואַלד, פֿײַער איז ג ו ט“.
„פֿײַער איז די מוטער פֿון ליכט. ליכט פֿאַריאָגט דעם שאָטן פֿון דער נאַכט... פֿײַער איז וואויל...“
„און ריין איז פֿײַער און רייניקט אַלץ, אַ ר י י נ י ק י י ט, אַ ה י י ל י ק י י ט איז פֿײַער“...
„זון, לבֿנה און שטערן — אַלץ וואָס לײַכט — וואוינט אין הימל; פֿון דאָרט האָט געמוזט אַ גאָט דעם מענטש דאָס פֿײַער ברענגען, פֿון ב אַ ר ע מ ה אַ ר צ י ק י י ט. ווי וואָלט אויסגעזען אַ מ ע נ ט ש אָן פֿײַער?“
אַזוי האָט אונדזער עלטער-עלטער-עלטער-זיידע וועגן פֿײַער געטראַכט; און אין זײַן טעמפּל ר י י ן און ה י י ל י ק דאָס פֿ ײַ ע ר געהאַלטן און ג ע ה י ט. און צום היטן דאָס פֿײַער איז

קוואַל — fountain, source
לײַכטן — to shine
באַרעמהאַרציקייט — mercifulness

געווילט געוואָרן די יונגפרוי: דאָס ריינסטע, דאָס שענ־סטע, דאָס הייליקסטע און ריין שטראַלנדיקע...

האָט די אויסגעווילטע יונגפרוי דאָס פייער אין טעמפל ווי אַן אויג אין קאָפּ געהיט. איר לעבן דעם העכסטן און הייליקסטן (אָדער סימבאָל פון העכסטן און הייליקסטן) אָפּגעגעבן . . . איר האַרץ און איר ריין יונגפרויאיש געפיל דעם פייער איבערגעגעבן; מיט שמעקעדיקע קרייטעכצער גענערט, מיט דעם ריינסטן מענטשן־אָטעם אויפגעבלאָזן, און ריין, און לעבעדיק געהאַלטן . . .

האָט זיך אָבער געטראָפן, און די פייער־היטערין האָט אַ רגע אין הייליקן פייער פאַרגעסן; האָט זיך פון אַלטאַר אָפּגעווענדט, פון טעמפל אַרויס — און דאָס פאַרלאָזטע פייער איז אויסגע־גאַנגען.

ווי צו איר!

לעבעדיקערהייט האָט מען זי אין גרוב אַריינגעוואָרפן און פאַרשאָטן...

איז אַ מאָל באַלאַגערט געוואָרן אַ גריכישע שטאָט.

אויף טויט און לעבן האָט אויפגעפלאַמט די שלאַכט צווישן באַלאַגערערס און באַלאַגערטע.

און צו קיין זיג איז נישט געקומען.

פעסטע מויערן רינגלען אַרום די שטאָט; ריזיקע טאַראַנען שלאָגן אין די מויערן.

העלדן שטורעמען די מויערן; נישט ווינציקערע באַשיצן זיי.

די זעלבע צאָל באַפאַלט; די זעלבע צאָל פאַרטיידיקט.

די צאָל פון די פיילן, וואָס פליִען פון די מויערן אַראָפּ, און די צאָל פון די פיילן, וואָס פליִען צו די באַשיצערס אַרויף — איז גלייך.

און — זעלטן איינע זאָל נישט טרעפן!

קרייטעכצער — herbs

נערן — שפייזן זיך, to feed, to nourish

בלאָזן — to blow

אויפפלאַמען — זיך צעברענען, to blaze up

ריזיקע — giant

טאַראַנען — מאַשינען צו ברעכן די מויערן פון אַ פעסטונג.

פיילן — arrows

און די צאָל פֿון די טויטע וואָס פֿאַלן אומעטום פֿאַר די פֿיס פֿון די באַלאַגערערס, און די צאָל פֿון די טויטע, וואָס קאָלערן זיך פֿון די מויערן אַראָפּ אין שטאָט אַרײַן — איז די ז ע ל ב ע.

ווארט אומזיסט די פֿײַער־היטערין, קניִענדיק בײַם אַלטאַר, אין הייליקן פֿײַער אַרײַן מיט שרעקעדיקע אויגן פֿאַרקוקט, פֿון דרויסן אויף אַ צייכן פֿון זיג.

איר אויער פֿאַרנעמט קיין איינציקן פֿרייד־געשריי. קיין טרומייטן־רוף; מען הערט נישט קיין טריט פֿון זיגערס צום טעמפּל . . .

ציטערט איר ריין־יונגפֿרויאיש האַרץ: איר פֿאָטער־שטאָט איז נאָך אַלץ אין געפֿאַר; און צוזאַמען מיט דער שטאָט דער טעמפּל דער הייליקער און דער אַלטאַר מיטן הייליקן פֿײַער... און אַ שרעקלעכער פֿאַרלאַנג באַפֿאַלט זי:

זי מוז פֿון טעמפּל אַרויס און זען; איין סעקונדע זען די שלאַכט...

און זי קען דעם פֿאַרלאַנג נישט גובֿר זײַן און איז אַרויס פֿון טעמפּל.

און באַלד האָט זיך איר צו די פֿיס, פֿון די מויערן, אַ טויטער קערפּער אַראָפּגעקאָלערט. אַ העלד האָט אין דער ריי פֿון די פֿאַרטיידיקערס פֿאַרפֿעלט. גרעסער איז געוואָרן די געפֿאַר . . .

רײַסט זי פֿלוצלונג דעם פֿײַלנבויגן פֿון דער טויטער האַנט אַרויס. שנעל, ווי דער בליץ, שפּרינגט זי אַרויף אויף דער מויער; ציט אָן מיט פֿאַרצווייפֿלטער קראַפֿט די סטרונע; צילט, לאָזט אָפּ און טרעפֿט — דעם גרעסטן העלד צווישן די באַלאַגערערס . . .

און די וואָג פֿון מזל האָט אַ ציטער געטאָן: איבערגעוואויגן האָט די שאָל פֿון איר פֿאָטער־שטאָט!

אָפּגעשטויסן און צעטריבן איז דער באַלאַגערער; באַפֿרײַט די שטאָט, געראַטעוועט דער הייליקער טעמפּל.

קאָלערן זיך — קײַקלען זיך, to roll

גובֿר (גוייווער) זײַן — באַהערשן, to overcome

סטרונע — string

צילן — to aim

וואָג — pair of scales

שאָל — scale

מיט פֿרייד-געשריי און ליב-געזאַנג, מיט צעווייטע פּענער,
רווישנדיקע פֿלייטן- און טרומייטן-מוזיק איַילן די זיגערס צום טעמפּל,
— ז י י ע ר גאָט, דעם גאָט פֿון זייער שטאָט צו דאַנקען און —
בלײַבן פֿאַרשטיינערט...
פֿינצטער איז אין טעמפּל!
אין מאָמענט פֿון זיג האָט זיך דאָס פֿײַער פֿאַרלאָשן...

פֿירט מען די פֿײַער-היטערין, וואָס האָט דעם זיג געגעבן, מיט געזאַנג און קלאַנג מיט לידער פֿון ליב און דאַנק, אונטער הייליקע פֿאָנען פֿון טעמפּל אַרויס...

פֿירט מען זי אין גאָלד און אין זילבער באַקליידט און אײַנגעהילט; איבערן וועג מיט בלומען געשטרייט, פֿון דער גראַטע-וועטער שטאָט אויפֿן פֿרײַען פֿעלד אַרויס צום גרוב...

שטעלט מען זיך אָפּ בײַם ראַנד פֿון גרוב און מען קרוינט איר זיגער-קאָפּ מיט אַ לאָרבער-קראַנץ...

לאָזן זיך די נאָענטסטע צום טעמפּל פֿון גאָט, און די עלטסטע פֿאָטערס פֿון דער שטאָט פֿאַר איר אויף די קני אַראָפּ, רינגלען זי קני̇ענדיק אַרום און קושן קני̇ענדיק די זוימען פֿון איר מאַנטל און קלייד.

שטויסן די טרומייטן דעם לעצטן פֿרייד- און דאַנק-געשריי אַרויס און פֿאַרשטומען...

שטויסט מען זי אין דער גרויסער, טיפֿער שטילקייט אין גרוב אַרײַן...

ווערט פֿאַרשאָטן די גרוב...

אַזוי האָבן צוויי טיפֿע, שוואַרצע אויגן פֿון אַ בלאַס געזיכט אַרויסדערציילט; און איך האָב עס אײַך איבערדערציילט.

פֿאַרשטיינערט — paralyzed
ראַנד — edge
לאָרבער-קראַנץ — laurel-crown
זוים, זוימען — seam, edge

די פֿרומע קאַץ

דרײַ זינגפֿייגעלעך זײַנען געווען אין איין שטוב, און אַלע דרײַ, איינס נאָכן צווייטן — האָט די קאַץ צורעכט געמאַכט . . .

עס איז קיין איינפֿאַכע קאַץ נישט געווען, נאָר אַן אמת, אמת פֿרומע נשמה.

עס איז אַ פֿרומע קאַץ, אַ טבֿילה־קאַץ געווען! צען מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשן, און געגעסן האָט זי שטיל, ערגעץ אין אַ זײַט, אין אַ ווינקעלע . . .

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געכאַפּט וואָס עס איז מילכיקס, און ערשט אַז די נאַכט איז צוגעפֿאַלן, האָט זי געגעסן פֿלייש, כּשר מויזן־פֿלייש . . .

און נישט געאײַלט זיך צו דער אכילה, ווי אַ גראָבע זאַך. נישט געכאַפּט און געשלונגען, ווי פֿרעסערס טוען; נאָר בניעימות, שפּילנ־דיק. זאָל דאָס מײַזל לעבן נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע . . . זאָל עס אַ ביסל אַרומטאַנצן, אָפּציטערן, ווידוי זאָגן, — אַ פֿרומע קאַץ כאַפּט נישט . . .

אַז מען האָט אין שטוב אַרײַן דעם ערשטן זינגפֿויגל געבראַכט, האָט זי אויף אים באַלד רחמנות באַקומען; עס האָט זי בײַם האַרץ אָנגעכאַפּט.

— אַזאַ שיינס — זיפֿצט זי — אַזאַ קליינס, אַזאַ מחיהדיק פֿייגעלע זאָל קיין עולם־הבא נישט האָבן!

— און עס קען קיין עולם־הבא נישט האָבן! — איז זיכער די קאַץ.

פֿרום — pious

צורעכט מאַכן — דאָ: טייטן.

טבֿילה (טווילע) — דאָס באָדן זיך לויט די רעליגיעזע געזעצן.

אכילה (אכילע) — עסן.

גראָב — without manners

פֿרעסער — glutton

בניעמות (בענימעס) — gracefully

ווידוי (ווידע) — last prayers

אָנכאַפּן בײַם האַרצן — ווײ טאָן דאָס האַרץ.

מחיהדיק (מעכאַיעדיק) — delightful, charmful

עולם הבא (אוילעם האַבע) — די קומעדיקע וועלט, heaven

ערשטנס, וואָשט זיך עס דײַטשעריש, מיטן גאַנצן לײַב אין שיסעלע וואַסער . . .

צווייטנס, אַז מען האָט עס אײַנגעזעצט אין שטײַג, איז עס שוין אַ חיה רעה!

הײַנט דאָס זינגען אַליין! דאָס אויסגעלאַסענע זינגען, דאָס צופּײַפּן און דאָס קוקן גלײַך אָן אַ שום דרך־ארץ אין הימל אַרײַן! דאָס רײַסן זיך אַרויס פֿון שטײַג צו דער זינדיקער וועלט, צו דער פֿרײַער לופֿט, צום אָפֿענעם פֿענצטער...

צי איז נאָך אַ מאָל אַ קאַץ אין אַ שטײַג געזעסן? צי האָט נאָך אַ מאָל אַ פֿרומע קאַץ אַזוי געפּיפּן?

— און אַ שאָד! — וויינט דאָס פֿרומע האַרץ אין דער פֿרומער קאַץ, — עס איז דאָך אַ לעבעדיקע זאַך, אַ טײַערע נשמה, אַ פֿונק פֿון דער הייך!

דער קאַץ קומען טרערן אין די אויגן:

— און דאָס גאַנצע אומגליק איז, וואָס דער זינדיקער גוף איז אַזוי שיין, דער עולם־הזה דעריבער — אַזוי גלוסטיק, דער יצר־הרע — אַזוי שטאַרק . . .

— ווי קען אַזאַ קליין זים פֿייגעלע זיך אַנטקעגן שטעלן דעם שרעקלעכן גרויסן יצר־הרע?

און וואָס מער עס לעבט, אַלץ מער זינדיקט עס, גרעסער ווערט זײַן די שטראָף . . .

האָ!

און אַ הייליק פֿײַער האָט זיך אָנגעצונדן אין דער קאַץ . . . און זי איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן טיש, וואו די שטײַג מיטן זינג־פֿייגעלע איז געשטאַנען און —

עס פֿליִען שוין פֿעדערן אין צימער . . .

דײַטשעריש — דאָ: ציוויליזירט.

שטײַג — cage

חיה רעה (כאַיע ראָע) — wild beast

אויסגעלאַסן — lewd

דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — respect

אַ שאָד — a pity

אַ פֿונק — spark

עולם־הזה (אוילעם האַזע) — איצטיקע וועלט. דאָ: desire for pleasures

גלוסטיק — דאָ: וויל שטאַרק.

יצר־הרע (יעצער האָרע) — דער שלעכטער ווילן.

***

מען האָט די קאַץ געשלאָגן . . . די שלעג נעמט זי אָן פֿאַר ליב . . . זי האָט פֿרום אָפּגעקרעכצט, אָפּגעמיאַוטשעט אַ יאָמער־לעכן על חטא . . .

מער וועט זי שוין נישט זינדיקן . . .

די קלוגע קאַץ פֿאַרשטייט, פֿאַרוואָס מען האָט זי געשלאָגן. מער וועט זי אויף קיין שלעג נישט פֿאַרדינען . . .

מען האָט זי געשלאָגן, — פֿאַרשטייט די קאַץ — דערפֿאַר ווײַל זי האָט פֿאַרפֿעדערט די שטוב, ווײַל אויפֿן ווײַסן געשטיקטן טישטעך זײַנען געבליבן פֿלעקן פֿון בלוט . . .

און — אַז מען האָט דעם צווייטן זינגפֿויגל געקויפֿט און אין שטוב געלאָזט, האָט זי אים שוין שטיל און פֿײַן דערוואָרגן און מיט די פֿעדערן צוזאַמען אײַנגעשלונגען . . .

***

מען האָט די קאַץ געשמיסן . . .

אַצינד האָט ערשט די קאַץ פֿאַרשטאַנען, אַז נישט וועגן פֿע־דערן גייט עס, נישט וועגן פֿלעקן פֿון בלוט אויפֿן טישטעך . . .

דער סוד איז, אַז מען טאָר נישט טייטן, אַז מען דאַרף ליב האָבן, מוחל זײַן, אַז נישט מיט ארבע מיתות בית־דין פֿאַרבעסערט מען די זינדיקע וועלט!

קרעכצן — to sigh

על חטא (אַל כעט) — „פֿאַר די זינד", די ערשטע ווערטער פֿון אַ תּפֿילה (טפֿילע — prayer), אין וועלכער מען בעט בײַ גאָט ער זאָל מוחל זײַן פֿאַר די זינד וואָס מען איז באַגאַנגען.

געשטיקט — embroidered

דערווערגן, דערוואָרגן — to strangle

שמײַסן, געשמיסן — to whip

מוחל (מויכל) — **זײַן** — פֿאַרגעבן, to forgive

ארבע מיתות בית דין (אַרבאַ מיסעס בעזדן) — די פֿיר פֿאָרמען פֿון טויט־שטראָף. דער זינען דאָ: מיט באַשטראָפֿן קען מען נישט פֿאַרבעסערן די וועלט.

מען דאַרף מחזיר למוטב זײַן, מוסר זאָגן, צום האַרץ רײדן!
אַ קאַנאַריק אַ בעל־תשובֿה קען קומען צו אַזאַ מדרגה, צו װעלכער די פֿרומסטע קאַץ װעט נישט דערגרײכן!
און די קאַץ דערפֿילט. װי עס װאַקסט אין איר דאָס האַרץ פֿאַר פֿרײד! אױס אַלטע, שלעכטע און האַרטע צײַטן! אױס בלוט פֿאַרגיסן!
רחמנות, רחמנות, און נאָך אַ מאָל רחמנות...

***

און מיט רחמנות איז זי צוגעגאַנגען צום דריטן קאַנאַריק!
— שרעק דיך נישט — מאַכט זי מיט דער װײכסטער שטים, װאָס איז אַמאָל אַרױס פֿון אַ קאַצישן האַלדז, — זינדיק ביסטו, נאָר איך װעל דיר קײן שלעכטס נישט טון, װײַל איך האָב רחמנות אױף דיר!
איך װעל דיר אַפֿילו די שטײַג נישט עפֿענען. איך װעל דיך אַפֿילו נישט אָנרירן!
דו שװײַגסט? — זײער גוט! אײדער פֿרעכע לידער צו זינגען, איז גלײַכער צו שװײַגן!
דו צאַפּלסט? — נאָך בעסער! צאַפּל, צאַפּל, מײַן קינד, נאָר נישט פֿאַר מיר, פֿאַרן בורא־עולם צאַפּל, פֿאַר זײַן ליבן נאָמען! הלװאַי זאָלסטו שױן אַזױ בלײַבן — שטיל, רײן און צאַפּלדיק...
איך װעל דיר העלפֿן צאַפּלען! פֿון מײַן פֿרומער נשמה װעל איך הױכן אױף דיר שטילקײט, זיסקײט און פֿרומקײט... מיט

מחזיר למוטב (מאַכזיר לעמוטאַװ) — צורײדן צו זײַן װידער אַ גוטער.
מוסר (מוסער) **זאָגן** — שטראָפֿן.
קאַנאַריק — canary
בעל־תשובֿה (באַל טשואװע) — דער װאָס טוט תשובֿה, penitent
מדרגה (מאַדרײגע) — שטופֿע, level
פֿרעך — fresh
גלײַכער — בעסער.
צאַפּלען — to wince
בורא־עולם (בורע אױלעם) — דער באַשאַפֿער פֿון דער װעלט, גאָט.
הלװאַי (האַלעװאַי) — זאָל עס נאָר זײַן אַזױ, I wish
הױך, הױכן — אָטעם, אָטעמען.

מײַן הויך זאָל אַרײַן אין דײַן לײַב, יראת שמים אין דײַנע בײנדעלעך, תשובֿה און חרטה אין דײַן הערצעלע!

און די קאַץ פֿילט ערשט, ווי גוט עס איז מוחל צו זײַן, ווי אַ פֿרייד עס איז יענעם אַרײַנצובלאָזן מיטן הויך פֿרומקייט און ערלעכקייט...

און עס וואַקסט דאָס פֿרימסטע האַרץ אין דער פֿרימסטער ווײַסער קאַץ —

נאָר דער קאַנאַריק קען אין דער קאַצן־לופֿט נישט אָטעמען — עס האָט אים דערשטיקט!

באָנטשע שווײַג

א.

דאָ, אויף דער וועלט, האָט באָנטשעס שווײַגס טויט גאָר קיין אײַנדרוק נישט געמאַכט! פֿרעגט עמעצן בחרם: ווער באָנטשע איז געווען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, אויף וואָס ער איז געשטאָרבן! צי האָט אין אים דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די כּוחות זײַנען אים אויסגעגאַנגען, צי דער מאַרכבֿיין האָט זיך אונטערגעבראָכן אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייסט? אפֿשר איז ער גאָר פֿאַר הונגער געשטאָרבן!

באָנטשע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן; ווי אַ שאָטן איז ער דורך — דורך אונדזער וועלט!

יראת שמים (יִראַס שאָמאַיִם) — מורא פֿאַר גאָט.
תשובֿה (טשוּװע) — repentance
חרטה (כאַראָטע) — regret
דערשטיקן — to choke
אײַנדרוק — impression
חרם (כײרעם) — excommunication
פֿרעגן בחרם (בעכײרעם) — פֿרעגן עמעצן אונטער צוואַנג (threat)
פֿון חרם ער זאָל עפּעס זאָגן. דאָ: קײנער ווייס ניט.
כּוחות (קויכעס) — strength
מאַרכבֿיין — backbone, spine
לאַסט — load, burden

אויף באַנטשעס ברית האָט מען קיין ווײַן נישט געטרונקען. עס האָבן קיין כּוסות געקלונגען! צו בר־מצווה האָט ער קיין קלינגענדיקע דרשה נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי אַ גרויי קלײן קערנדל זאַמד בײַם ברעג ים צווישן מיליאָנען זײַנס־גלײַכן; און אַז דער ווינט האָט אים אויפֿגעהויבן און אויף דער אַנדערער זײַט ים אַריבערגעיאָגט, האָט עס קיינער נישט באַמערקט!

אַ שאָטן! זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע איז נישט געבליבן בײַ קיינעם אין מוח, בײַ קיינעם אין האַרץ!

„קיין קינד, קיין רינד”; עלנט געלעבט — עלנט געשטאָרבן!

ווען נישט דאָס מענטשלעכע גערודער, וואָלט אפֿשר עמעצער אַ מאָל דערהערט, ווי באַנטשעס מאַרכבֿיין האָט אונטער דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט די וועלט מער צײַט געהאַט, וואָלט עמעצער אפֿשר אַ מאָל באַמערקט, אַז באַנטשע (אויך אַ מענטש) האָט לעבעדיקערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן און שרעקלעך אײַנ־געפֿאַלענע באַקן; אַז אפֿילו ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט נישט אויף די פּלייצעס, איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן, גלײַך ער וואָלט לעבעדיקערהייט זײַן קבֿר געזוכט!

שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטילער באַגראָבן.

נאָר נישט אַזוי איז געווען אויף יענער וועלט! ד אָ ר ט ן האָט באַנטשעס טויט אַ גרויסן אײַנדרוק געמאַכט!

דער גרויסער שופֿר פֿון משיחס צײַטן האָט געקלונגען אין אַלע זיבן הימלען: באַנטשע שווײַג איז ניפֿטר געוואָרן! די גרעסטע

דרשה (דראָשע) — speech
קערנדל — grain
מוח (מויאַך) — mind
קיין קינד, קיין רינד — no kith, no kin
עלנט — lonely
גערודער — טומל.
קנאַקן — to snap
אײַנגעפֿאַלענע — hollow, sunken
קבֿר (קייווער) — grave
שופֿר של משיח (שויפֿער שעל מאָשיאַך) — דער שופֿר פֿון משיחן; דער שופֿר וואָס מען וועט בלאָזן ווען משיח וועט קומען.
ניפֿטר (ניפֿטער) ווערן — שטאַרבן.

מלאָכים מיט די ברייטסטע פֿליגל זײַנען געפֿלויגן און איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן: „באַנטשע שוויַיג! אַ שפּאַס, באַנטשע שוויַיג!"

יונגע מלאָכימלעך מיט בריליאַנטענע אייגעלעך, גאָלדענע פֿליגעלעך און זילבערנע פּאַנטאָפֿעלעך זײַנען באַנטשען אַקעגן געלאָפֿן מיט שׂימחה! דאָס גערויש פֿון די פֿליגל, דאָס קלאַפּן פֿון די פּאַנטאָפֿעלעך און דאָס פֿריילעכע לאַכן פֿון די יונגע, פֿרישע, רויזיקע מײַלעכלעך האָט פֿאַרפֿולט אַלע הימלען, און גאָט אַליין האָט שוין אויך געוואוסט, אַז באַנטשע שוויַיג קומט!

אַבֿרהם אָבֿינו האָט זיך אין טויער פֿון הימל געשטעלט, די רעכטע האַנט אויסגעשטרעקט צום ברייטן „שלום-עליכם", און אַ זיסער שמייכל שײַנט העל אויף זײַן אַלט פּנים!

וואָס רעדלט אַזוי אין הימל?

דאָס האָבן צוויי מלאָכים אין גן־עדן אַרײַן פֿאַר באַנטשעס וועגן אַ גינגאָלדענע פֿאָטערשטול אויף רעדלעך געפֿירט!

וואָס האָט אַזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפֿירט אַ גאָלדענע קרוין מיט די טײַערסטע שטיינער געזעצט! אַלץ פֿאַר באַנטשען!

ב.

אַז מלאָכימלעך האָבן באַנטשען געכאַפּט אין דער לופֿט און אָפּגעשפּילט אים אַ זמר; אַז אַבֿרהם אָבֿינו האָט אים ווי אַן אַלטן חבֿר די האַנט געשאָקלט; אַז ער האָט געהערט, אַז זײַן שטול איז גרייט אין גן־עדן, אַז אויף זײַן קאָפּ וואַרט אַ קרוין; אַז אין בית־דין של מעלה וועט מען איבער אים קיין וואָרט נישט רעדן —

אַ שפּאַס — דאָ: ניט קיין קלייניקייט.

פּאַנטאָפֿעלעך — slippers

אָבֿינו (אָווינו) — אונדזער פֿאָטער.

גן־עדן (גאַניידן) — paradise

גינגאָלד — פֿײַנער גאָלד.

בליצן — דאָ: to gleam, to flash

געזעצט — set

זמר (זעמער) — מעלאָדיע, tune

בית־דין של מעלה (בעזדן שעל מײַלע) — דאָס הימלישע געריכט (court)

האָט באָנטשע, גלײַך װי אױף יענער װעלט, ג ע ש װ י ג ן פֿאַר שרעק! עס איז אים דאָס האַרץ אַנטגאַנגען! ער איז זיכער, אַז דאָס מוז זײַן אַ חלום, אָדער אַ פּראָסטער טעות!

— מײַן מזל — טראַכט ער — איז שױן אַזױ!

און ער האָט מורא די אױגן אױפֿצוהײבן דער חלום זאָל נישט פֿאַרשװינדן; ער זאָל זיך נישט אױפֿכאַפּן ערגעץ אין אַ הײל צװישן שלאַנגען און עקדישן! ער האָט מורא פֿון מױל אַ קלאַנג אַרױסצולאָזן, מיט אַ גליד אַ ריר צו טון...

ער ציטערט און הערט נישט די מלאָכימס קאָמפּלימענטן, זעט נישט זײער טאַנצן אַרום אים, ער ענטפֿערט נישט אַבֿרהם אָבֿינו אױפֿן האַרצלעכן „שלום־עליכם". און — געפֿירט צום בית־דין של מעלה— זאָגט ער אים קײן „גוט־מאָרגן" נישט...

אױסער זיך איז ער פֿאַר שרעק!

און זײַן שרעק איז נאָך גרעסער געװאָרן, אַז ער האָט, נישט װילנדיק, דערזען דעם דיל פֿון בית־דין של מעלה, סאַמע אַלבאַסטער מיט בריליאַנטן! „אױף אַזאַ דיל שטײען מײַנע פֿיס!" — ער װערט אין גאַנצן פֿאַרשטאַרט! „װער װײסט, װעלכן גבֿיר, װעלכן רבֿ, װעלכן צדיק מען מײנט... ער װעט קומען — װעט זײַן מײַן פֿינצטערער סוף!"

פֿאַר שרעק האָט ער אַפֿילו נישט געהערט, װי מען האָט בפֿירוש אױסגערופֿן „דער ענין פֿון באָנטשע שװײַג!"

עס רױשט אים אין די אױערן. אינעם גערױש הערט ער דאָך

עס איז אים דאָס האַרץ אַנטגאַנגען — ער האָט ניט געקענט רעדן פֿון שרעק.

פּראָסטער טעות (טאָעס) — simple mistake

הײל — cave

עקדיש — lizard

גליד — limb

דיל — floor

פֿאַרשטאַרט — פּאַראַליזירט.

גבֿיר (גװיר) — רײַכער מאַן.

צדיק (צאַדיק) — saint

בפֿירוש (בעפֿײרעש) — גאַנץ קלאָר.

ענין (איניען) — case

רױשן — to roar

אַלע מאָל שאַרפֿער און שאַרפֿער דעם מלאך־מליצעס זיס קול ווי אַ פֿידל:

— זײַן נאָמען — הערט ער — האָט אים געפּאַסט, ווי צו אַ שלאַנק לײַב אַ קליד פֿון אַן אַרטיסט אַ שנײַדערס האַנט.

— ער האָט זיך קיין מאָל — הייבט ווײַטער אָן דער מליץ יושר — אויף קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אויף גאָט, נישט אויף לײַט; אין זײַן אויג האָט קיין מאָל נישט אויפֿגעפֿלאַמט קיין פֿונק פֿון האַס. ער האָט עס קיין מאָל נישט אויפֿגעהויבן מיט אַ פּרעטענזיע צום הימל.

— ער האָט אַלץ געשוויגן, אַפֿילו ווען די מוטער איז געשטאָרבן און ער האָט צו דרײַצן יאָר אַ שטיפֿמאַמע באַקומען... אַ שטיפֿמאַמע אַ שלאַנג, אַ מרשעת...

— מיינט מען דאָך אַפֿשר מיך? — טראַכט באַנטשע.

— זי פֿלעגט אים קאַרגן דעם ביסן... אייערנעכטיק פֿאַרשימלט ברויט... האָר־פֿלאַקס פֿאַר פֿלייש... און זי האָט קאַווע מיט סמעטענע געטרונקען.

— צו דער זאַך! — שרײַט דער יושבֿ ראָש.

—זי האָט אים דערפֿאַר קיין נעגל נישט געקאַרגט און זײַן ברוין־און־בלוי לײַב פֿלעגט אַרויסקוקן דורך אַלע לעכער פֿון זײַנע

מלאך־מליץ (מאַלעך־מייליץ) — דער גוטער מלאך, דער פֿאַרטיידיקער, attorney

פֿידל — violin

שלאַנק לײַב — slender figure

מליץ־יושר (מייליץ יוישער) — דער פֿאַרטיידיקער, attorney

אויפֿפֿלאַמען — to flame, to flash

פֿונק — spark

האַס — hatred

מרשעת (מאַרשאַעס) — a viper

קאַרגן — דאָ: זשאַלעווען, to begrudge

אייערנעכטיק — from a day before yesterday; דאָ: אַלט, stale

פֿאַרשימלט — mouldy

האָר־פֿלאַקס — tendons

סמעטענע — cream

יושבֿ ראָש (יוישעוו ראָש) — דער פֿאָרזיצער.

נישט קאַרגן — דאָ: זײַן פֿרײַ, to be generous

פֿאַרשימלט־צעריסענע קליידער... ווינטער אין די גרעסטע פֿרעסט האָט ער איר באָרוועס אויפֿן הויף האָלץ געהאַקט, און די הענט זײַנען צו יונג און צו שוואַך געווען, די קלעצלעך צו דיק, די האַק צו שטומפּיק... נישט איין מאָל האָט ער זיך די פֿיס אָפּגעפֿרוירן, נאָר געשוויגן האָט ער, אַפֿילו זיך פֿאַרן פֿאָטער נישט גע־קלאָגט. און שטענדיק עלנט — פֿירט דער מליץ יושר ווײַטער — קיין חבֿר, קיין תּלמוד־תּורה, קיין חדר... קיין גאַנץ בגד. קיין פֿרײַע מינוט.

ער איז אין אַ גרויסער שטאָט אַרײַנגעקומען; ער איז אַרײַן ווי אַ טראָפּן אין ים און דאָך האָט ער די אייגענע נאַכט אין אַרעסט פֿאַרבראַכט.. ער האָט געשוויגן, נישט געפֿרעגט פֿאַרוואָס, פֿאַר וועןְ? ער איז אַרויס, און די שווערסטע אַרבעט געזוכט! נאָר ער האָט געשוויגן!

באַדנדיק זיך אין קאַלטן שוויים, צוזאַמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאַסט, בײַם גרעסטן קראַמפּ אין ליידיקן מאָגן — האָט ער געשוויגן!

ער האָט קיין מאָל נישט איבערגערעכנט, וויפֿל פֿוד לאַסט עס קומט אים אויף אַ גראָשן, וויפֿל מאָל ער איז געפֿאַלן בײַ יעדן גאַנג פֿאַר אַ דרײַער; ער האָט נישט גערעכנט, נישט זײַן, נישט יענעמס מזל, נאָר געשוויגן!

זײַן אייגן פֿאַרדינסט האָט ער אויך נישט הויך געמאָנט! ווי אַ בעטלער האָט ער זיך בײַ דער טיר געשטעלט, און אין די אויגן האָט זיך אַ הינטישע בקשה געמאָלט! „קום שפּעטער", און ער איז פֿאַרשוואונדן שטיל ווי אַ שאָטן, כּדי שפּעטער נאָך שטילער אויס־צובעטלען זײַן פֿאַרדינסט!

באָרוועס — barefoot
הויף — courtyard
קלעצלעך — logs
שטומפּיק — blunt, dull
תּלמוד־תּורה (טאַלמעד־טוירע) — דאָ: די שול פֿאַר אָרעמע קינדער.
בגד (בענעד) — קלייד, garment
אַרעסט — prison
דרײַער — small coin
פֿאַרדינסט — earning
בעטלער — beggar
בקשה (באַקאָשע) — pleading

ער האָט אַלץ געשוויגן...

— מיינט מען דאָך טאַקע מיך! — טרייסט זיך באָנטשע.

ג.

— איין מאָל, — פֿירט ווײַטער דער מליץ־יושר נאָך אַ טרונק וואַסער, — איז אין זײַן לעבן אַן ענדערונג געשען... עס איז דורכגעפֿלויגן אַ קאַטש אויף גומענע רעדער מיט צעפֿלאָשעטע פֿערד... דער שמײַסער איז שוין לאַנג פֿון ווײַטנס געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אויפֿן ברוק... פֿון די דערשראָקענע פֿערדס מײַלער שפּריצט דער שוים, פֿון אונטער די פּאָדקאָוועס יאָגן זיך פֿונקען, די אויגן בלישטשען, ווי ברענענדיקע שטורקאַצן אין אַ פֿינצטערער נאַכט — און אין קאַטש זיצט נישט טויט נישט לעבעדיק אַ מענטש!

און באָנטשע האָט די פֿערד פֿאַרהאַלטן.

און דער געראַטעוועטער איז געווען אַ ייִד אַ בעל־צדקה און האָט באָנטשען די טובֿה נישט פֿאַרגעסן!

ער האָט אים דעם געהרגעטנס בײַטש איבערגעגעבן! באָנטשע איז אַ שמײַסער געוואָרן!

און באָנטשע האָט אַלץ געשוויגן!

— מיך מיינט מען, מיך! — באַפֿעסטיקט זיך באָנטשע אין דער דעה, און האָט דאָך נישט די העזה אַן אויג צו וואַרפֿן אויפֿן „בית־דין של מעלה"...

פֿירט ווײַטער — דאָ: רעדט ווײַטער.

קאַטש — carriage

גומענע — rubber

צעפֿלאָשעטע — צעווילדעוועטע, runaway

שמײַסער — driver

צעשפּאָלטענער — fractured

ברוק — pavement

שוים — foam

פּאָדקאָוועס — hoofs

בלישטשען — to flash

שטורקאַצן — torches

בעל־צדקה (באַל־צדאָקע) — אַ פֿילאַנטראָפּ.

טובֿה (טויווע) — favor

בײַטש — whip

באַפֿעסטיקן זיך אין דער דעה (דייע) — to confirm in the opinion

העזה (האָזע) — מוט, courage

— ער האָט געשוויגן אַפּילו, ווען זײַן בעל־טובֿה האָט אין קורצן באַנקראָטירט און אים זײַן לוין נישט באַצאָלט...
— מיך מיינט מען, מיך! — פֿרייט זיך באָנטשע.

— ער האָט אַפּילו געשוויגן, — הייבט אָן ווייכער און טרויעריקער דער מלאך־מליץ, — ווען דער אייגענער בעל־טובֿה האָט זיך מיט אַלע אויסגעגלײַכט, נאָר אים קיין גראָשן שׂכירות נישט צוריקגעגעבן. און אַפּילו דעמאָלט, ווען ער איז באָנטשען (ווײַטער פֿאָרנדיק אויף אַ קאָטש מיט גומענע רעדער און פֿערד ווי לייבן) איבערגעפֿאָרן...
ער האָט אַלץ געשוויגן! ער האָט אַפּילו דער פּאָליצײַ נישט געזאָגט, ווער עס האָט אים צו רעכט געמאַכט...
ער האָט געשוויגן אַפּילו אין שפּיטאָל, וואו מען מעג שוין שרײַען!
ער האָט געשוויגן בײַם גוססן — ער האָט געשוויגן בײַם שטאַרבן...
קיין וואָרט קעגן גאָט, קיין וואָרט קעגן לײַט!

ד.

באָנטשע הייבט אָן ווײַטער צו ציטערן אויפֿן גאַנצן לײַב. ער ווייסט, אַז נאָכן מליץ־יושר גייט דער קטיגור! ווער ווייסט, וואָס דער וועט זאָגן! באָנטשע אַליין האָט זײַן לעבן נישט געדענקט. נאָך אויף יענער וועלט האָט ער יעדע מינוט די פֿריערדיקע פֿאַרגעסן... דער מלאך־מליץ האָט אים אַלץ דערמאָנט... ווער ווייסט, וואָס דער קטיגור וועט אים דערמאָנען!

בעל־טובֿה (באַל־טויווע) — benefactor
באַנקראָטירן — to go bankrupt
לוין — wages
אייגענער — זעלביקער.
שׂכירות (סכירעס) — wages
צו רעכט געמאַכט — דאָ: איבערגעפֿאָרן.
גוססן (גויסעסן) — האַלטן בײַם שטאַרבן.
קטיגור (קאַטייגער) — דער באַשולדיקער, דער מלאך (מאַלעך) וואָס באַשולדיקט, the prosecutor

— רבותי! — הייבט אָן אַ שאַרף־שטעכעדיק־בריִענדיק קול,
— נאָר ער האַקט אָפּ —

— רבותי, — הייבט ער נאָך אַ מאָל אָן, נאָר ווייכער און האַקט ווײַטער אָפּ —

ענדלעך הערט זיך פֿון דעם אייגענעם האַלדז אַרויס, כּמעט אַ ווייך קול:

רבותי! ע ר האָט געשוויגן, וועל א י ך אויך שווײַגן!

עס ווערט שטיל — און פֿון פֿאַרנט הערט זיך אַ נײַע ווייכע ציטעריקע שטים:

— באַנטשע, מײַן קינד באַנטשע! — רופֿט אים ווי אַ האַרפֿע... מײַן האַרציק קינד באַנטשע!

אין באַנטשען צעווײנט זיך דאָס האַרץ... ער וואָלט שוין אַצינד די אויגן געעפֿנט, נאָר זיי זײַנען פֿאַרפֿינצטערט פֿון טרערן... עס איז אים אַזוי זיס־וויינענדיק קיין מאָל נישט געווען... „מײַן קינד", „מײַן באַנטשע" — זינגט די מוטער איז געשטאָרבן, האָט ער אַזאַ קול און אַזוינע ווערטער נישט געהערט.

— מײַן קינד! — פֿירט ווײַטער דער אַב־בית־דין, — דו האָסט געליטן און געשוויגן! עס איז נישטאָ קיין גאַנץ גליד, קיין גאַנץ ביינדל אין דײַן לײַב אָן אַ וואונד, אָן אַ בלוטיק אָרט. עס איז נישטאָ קיין איין באַהאַלטן אָרט אין דײַן נשמה, וואו עס זאָל נישט בלוטן... און דו האָסט אַלץ געשוויגן...

דאָרט האָט מען זיך נישט פֿאַרשטאַנען דערויף! דו אַליין האָסט גאָר אפֿשר נישט געוואוסט, אַז דו קענסט שרײַען און, אַז פֿון דײַן געשריי קענען יריחום מויערן ציטערן און אײַנפֿאַלן! דו אַליין האָסט פֿון דײַן פֿאַרשלאָפֿענעם כּוח נישט געוואוסט...

אויף יענער וועלט האָט מען דײַן שווײַגן נישט באַלוינט, נאָר דאָרט איז דער ע ו ל ם ה ש ק ר, דאָ אויפֿן ע ו ל ם ה א מ ת וועסטו דײַן לוין באַקומען!

רבותי (ראַבויסײַ) — gentlemen

אַב־בית־דין (אַוו בעזדן) — דער פֿאַרזיצער פֿון געריכט.

יריחום (יעריכעם) **מויערן** — the walls of Jericho

עולם (אוילאָם) **השקר** (האשעקער) — די פֿאַלשע וועלט.

עולם (אוילאָם) **האמת** (האעמעס) — די אמתע וועלט.

דיך וועט דאָס בית־דין של מעלה נישט מישפטן, דיר וועט עס נישט פסקענען.

דיר וועט עס קיין חלק נישט אוים־ און נישט אָפּטיילן: נעם דיר, וואָס דו ווילסט! אַלץ איז דײַן!

באָנטשע הייבט דאָס ערשטע מאָל די אויגן אויף! ער ווערט ווי פֿאַרבלענדט פֿון דער ליכט פֿון אַלע זײַטן! אַלץ בלאַנקט, אַלץ בלישטשעט, פֿון אַלץ יאָגן שטראַלן: פֿון די ווענט, פֿון די כּלים, פֿון די מלאָכים.

ער לאָזט די מידע אויגן אַראָפּ!

— טאַקע? — פֿרעגט ער מסופּק און פֿאַרשעמט.

— זיכער! — ענטפֿערט פֿעסט דער אַב־בית־דין! זיכער, זאָג איך דיר, אַז אַלץ איז דײַן. אַלץ אין הימל געהערט צו דיר! קלײַב און נעם, וואָס דו ווילסט. דו נעמסט נאָר בײַ דיר אַליין!

— טאַקע? — פֿרעגט באָנטשע נאָך אַ מאָל, נאָר שוין מיט אַ זיכערן קול.

טאַקע! טאַקע! טאַקע! — ענטפֿערט מען אים פֿון אַלע זײַטן.

— נו, אויב אַזוי, — שמייכלט באָנטשע,— וויל איך טאַקע אַלע טאָג אין דער פֿרי אַ הייסע בולקע מיט פֿרישער פּוטער!

דיינים און מלאָכים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פֿאַרשעמט; דער קטיגור האָט זיך צעלאַכט...

מישפּטן (מישפּעטן) — to judge

פסקענען (פּאַסקענען) — to pass sentence

חלק (כײילעק) — טייל.

פֿאַרבלענדט — dazzled, blinded

בלאַנקען — to shine

כּלים (קײלים) — utensils, דאָ: מעבל

מסופּק (מעסופּעק) — אין צווייפֿל, ניט זיכער.

בולקע — roll

דין (דאַיען), **דיינים** (דאַיאָנים) — די ריכטערס, judges

דרײַ נייטאָרינס

די אויגן רויט, די ליפּן בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ,
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שווייס!
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס — —
עס זיצן דרײַ מיידלעך און נייען!

— — — — — — — — — — — —

די נאָדל — בלאַנק, די לײַוונט — שניי
און איינע טראַכט: איך ניי און ניי,
איך ניי בײַטאָג, איך ניי בײַנאַכט,
קיין חופּה־קלייד זיך נ י ש ט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס, איך ניי?

נישט איך שלאָף און נישט איך עס...
איך וואָלט געגעבן אויף מאיר בעל־נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיט:
אַן אַלמן כאָטש, אַן א ל ט ן ייִד.
מיט קינדערלעך אַ שאָק!

— — — — — — — — — — — —

די צווייטע טראַכט, איך ניי און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אויס גאָר גראָע צעפּ!
דער קאָפּ — דער ברענט, די שלייף — זי האַקט,
און די מאַשין — קלאַפּט צו צום טאַקט:
— טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

— — — — — — — — — — — —

די דריטע שפּײַט מיט בלוט און זינגט:
איך ניי מיך קראַנק, איך ניי מיך בלינד.
עס צוויקט די ברוסט בײַ יעדן שטאָך...
און ער — האָט חתונה די וואָך!
איך ווינטש אים נישט קיין שלעכטס!

עט, פֿאַרגעסן וואָס אַמאָל!..
תּכריכים וועט מיר געבן קהל,
אויף אַ קליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפֿן, שלאָפֿן!

מאַניש

א.

ס'איז געווען אַמאָל אַן עילוי,
נישט געקענט די וועלט אַפילו,
נישט געווען אין קלאַס;
פרום דער טאַטע, פרום די מאַמע,
די משפחה — לומדים סאַמע,
גאָר פון עקסטן פאַס!

סאַמע גאונים, למדנים,
מיט אַן „אַלף־בית רבנים",
ס'קלינגט מיט איר די וועלט;
און מבינים גרויסע זאָגן:
זיי וועט אַלע איבעריאָגן,
מאַניש אונדזער העלד!

מאַניש איז אַ וואוילער יונג,
ר'האָט אַ קעפּל פייער פלינק,
אָנגעפילט מיט תורה!
טרעפט אויך באַלד אַריין אין קאַרב,
מעג דער רמבם (ראַמבאַם) זיין ווי אַ האַרב,
און דערצו נאָך אַ בעל־קורא!

עילוי (איִלוי) — אַן אויסערגעוויינטלעך פעיִקער יונגער מענטש, prodigy
לומדים (לאָמדים) — געלערנטע אין דער תורה.
גאָר פון עקסטן פאַס — of exceptionally high level
גאון (גאָען), **גאונים** (גויאָנים) — genius
אַלף־בית רבנים (אַלעף־בייז ראַבאָנים) — אַזוי פיל רבנים אַז מען קען זיי אויסשטעלן נאָכן אַלף־בית.
מבין (מייווין), **מבינים** (מייווינים) — expert (s)
אַ קעפּל פייער פלינק — די פעיִקייט זייער גיך צו פאַרשטיין אַ שווערע זאַך.
טרעפן אין קאַרב אַריין — to hit the mark
האַרב — שווער, נישט פאַרשטענדלעך.
בעל־קורא (באַל־קוירע) — דער וואָס לייענט פאַר די תורה אין שול.

און אַ שיינער יונג — אַ פּראַכט!
שוואַרצע לאָקן ווי די נאַכט,
קאַרמען-ליפּן — רויזן צוויי!
שוואַרצע ברעמען ווי די בויגן,
ווי דער הימל בלאָע אויגן,
און אַ פֿײַער ברענט אין זיי!

יעדער ביינדל אין אים לעבט,
און ער גייט נישט, נאָר ער שוועבט;
אָנצוקוקן איז אַ פֿרייד!

⁂

געלעבט האָבן דעמאָלט
נאָך די אַלטע באַלעבאַטים
מיט מעשענע ברילן
און זילבערנע בתּים.

גאָלדענע עטרות
און אײַזערנע מוחות;
אַנדערע יאָרן,
גאָר אַנדערע כּוחות.

אַ פּראַכט — beauty
קאַרמען — carmine
ברעמען — eye-brows
בויגן — bows
שוועבן — to float
מעשענע ברילן — brass-rimmed eye-glasses
בתּים (באַטים) — די שיידלעך (cases) פֿון די תּפֿילין
עטרות (אַטאָרעס) — דאָ: באַפּוצונגען אויבן אויפֿן טלית.
אײַזערנע מוחות (מויכעס) — great brains
כּוח (קויאַך), כּוחות (קויכעס) — strength

פֿול ס׳בית־המדרש
מיט קאַרפּענע קעפּ!
מען לערנט נאָך אין פּאָליש,
מען זיצט אויף די טרעפּ.

און דעמאָלט האָט מאָניש
אַלס עילוי געשמט;
די גרעסטע רבנים,
פֿון ווײַט, פֿון דער פֿרעמד!

זיי קומען אומיסטן
פֿאַרהערן דעם עילוי!
און טאַנצן פֿאַר שׂימחה:
„אתחלתא־דגאולה".

— „וואויל איז דעם טאַטן, וואָס האָט אַזאַ זון,
וואויל איז דער מאַמען, וואָס וועט אים דערציִען
וואויל איז דעם דור, וואָס אים פֿאַרמאָגט!
אין משיחס צײַטן ווערט אַזוינס געבוירן!
אָ, ירושלים, עפֿן אויף דײַנע טויערן!"
דאָס האָבן אַלע רבנים געזאָגט!

ב.

אויפֿן באַרג אַררט,
אויפֿן הויכן באַרג,
וואָס עס טראָגט דעם אייביקן
שניי אויפֿן קאַרק, —

קאַרפּענע קעפּ — קעפּ פֿון קאַרפּן, ד"ה, גרויסע קעפּ.
פּאָליש — דאָס פֿאָדערהויז פֿון אַ שול, אָדער פֿון אַ בית־מדרש.
געשמט (געשעמט) — געוווען באַרימט.
אומיסטן — intentionally, purposely
אַתחלתא דגאולה (אַסכאַלטע דעגולע) — דער אָנהייב פֿון אויס־לייזונג, משיחס צײַטן.
דור (דאָר) — generation
אַררט (אַראַראַט).
קאַרק — neck

אויפֿן באַרג אַררט —
לויט עס איז באַשריבן —
איז מיט דער תּיבֿה
נח שטיין געבליבן.

און דאָרט אין דער תּיבֿה,
אין שנייען און פֿרעסט,
דאָרט האָט זיך סמאל
געפֿלאָכטן אַ נעסט.

און אין אַ שיינעם מאָרגן
קלינגלט עס שטאַרק,
עס ציטערט די תּיבֿה,
עס צאַפּלט דער באַרג,

עס שפּרינגט שיר סמאל
אַרויס פֿונעם בעט,
„אַרײַן!" עס באַווײַזט זיך
דערשראָקן אַ שד.

מיטגעבראַכט האָט ער
אַן עקסטרע „ראַפּאָרט",
קוים וואָס ער שלוקערצט
אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט:

תּיבֿה (טייווע) — ark
נח (נויאַך) Noah
סמאל (סאַמאָאייל) — דער האַר פֿון די בייזע גײַסטערס, פֿון גיהנום (געהענעם).
צאַפּלען — to tremble
שד (שעד) — טײַוול, devil
שלוקערצן — to hiccup

— „אַך, גרויסער מלך!
עס ציטערט דײַן טראָן...״
— „וואָס איז געשען?
געשווינד, הער באַראָן!״

— „אין קיניגרײַך פּוילן,
האַרט בײַ דער גרענעץ,
ליגט זיך אַ שטעטעלע
גרוים ווי אַ גענעץ.

און קוים וואָס מען זעט עס,
מען הערט עס אויך זעלטן;
הײַזלעך ווי ניםלעך,
פֿון שמות געצעלטן...

אין גאַנצן אַ צענדלינג,
צו ציילן אויף פֿינגער!
עס בײַסן די ציגן
די דעכער פֿאַר הונגער!

און שטיל ווי אַ קבֿרות;
מענטשן ווי מתים.
קיין גאווה, קיין תאווה,
מע לעבט פֿון תעניתים;

שמות (שיימעס) — אָפּגעריסענע בלעטלעך פֿון די הייליקע ספֿרים.
קבֿרות (קוואָרוים) — graves
מתים (מייסים) — טויטע.
גאווה (גײַווע) — שטאָלץ.
תאווה (טײַווע) — passion
תעניתים (טאַנייסים) — fast-days

קיין חסידים, קיין דײַטשן —
האָט תּורה אַ קיום,
וואַקסן רבנים,
מע פּאַשעט עילוים...

צינד וואַקסט נאָך אַ גאון,
וואָס וועט נאָך פֿאַרשעמען
גאַנץ פּוילן און ליטע,
און זאַמעט און בעמען!

און לאָזסטו אים וואַקסן,
און לאָזסטו אים פֿרײַ,
ביסטו — חלילה! —
הוד מלכות, פֿאַרבײַ!

האָסטו פֿאַרלוירן
גאַנץ פּוילן און ליטע...
איז — חס־ושלום! —
אַן עק פֿון נישט־גוטע;

וועט ער אונדז יאָגן
מיט שרעקלעכן האַס,
און ברענגען משיחן —
חלילה וחס!"

דײַטשן — דאָ: משׂכּילים, ייִדן וואָס גייען אָנגעטאָן אין קורצע רעקלעך.

קיום (קי־יעם) — existence

פּאַשען — to feed, to raise, האָדעווען

זאַמעט — אַ טייל פֿון ליטע.

בעמען — Bohemia

חלילה (כאָלילע) — God forbid

הוד מלכות (הויד מאַלכעס) — קיניגלעכע מאַיעסטעט.

פֿאַרבײַ זײַן — אומקומען.

חס ושלום (כאַס וועשאָלעם); **חלילה וחס** (כאָלילע וועכאַס) — גאָט באַהיט, Perish the thought

נישט־גוטע — evil spirits

דער ימח־שמו,
ווי ער האָט עס דערהערט —
איז אים די שׂימחה
געוואָרן געשטערט.

ליגט ער און טראַכט,
טאָג אַזוי נאַכט,
און רײַבט זיך, און רונצלט דעם שטערן.
— גוואַלד! לילית קרוין!
אַן עצה גיב! שוין!
אַזוינס קען די וועלט איבערקערן!

— די גום איז האַרט!
נאַר, מײַן מאַן, וואַרט,
זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין.
ניצחון איז זיס!
גרייט אָן די שפּיז,
דער בראָטן וועט קומען אַליין.

ג.

טראַ־ראַ־ראַ, טראַך!
וואָס איז געשען?
צי האָט נישט דאָרט עמעץ
משיחן געזען?

ימח שמו (יעמאַך שמוי) — זאָל אָפּגעמעקט ווערן זײַן נאָמען.
רונצלען — to wrinkle
לילית — די קיניגין פֿון די שדים (שײדים).
ניצחון (ניצאָכן) — זיג.
דער בראָטן — the roast

וועז בלאָזט מען שופֿר?
דאָך אלול, נישט תּמוז!
צי איז ער משוגע
געוואָרן, דער שמשׂ?

וואָס בלאָזט עס און פֿײַפֿט,
וואָס דונערט און קנאַלט?
צי פּלאַצן די דעמבעס
און סאָסנעס אין וואַלד?

עס פֿײַפֿט און קנאַלט,
עס זעצט און עס קנאַקט...
עס יאָגט אַן עקסטרע
פּאָסט פֿון טראַקט!

אָך, ווער האָט אַזאַ
קלינגען געהערט?
עס פֿליִען ווי רוחות
נאַשפּיץ די פֿערד!

עס קלינגען די גלעקלעך
וואָס אַ מאָל פֿרײַער!

אלול (עלעל) — דער צוועלפֿטער מאָנאַט פֿון דעם ייִדישן יאָר, פֿאַלט אויס אין אויגוסט-סעפּטעמבער; אין דעם חודש, ווען עס דערנעענטערט זיך ראָש-השנה, בלאָזט מען שופֿר.

תּמוז (טאַמוז) — דער צענטער מאָנאַט פֿון דעם ייִדישן יאָר, פֿאַלט אויס אין יוני-יולי.

קנאַלן — to crack

פּלאַצן — to burst

דעמבעס — oak trees

סאָסנעס — pines

טראַקט — highway

רוחות (רוכעס) — devils; דאָ: ווינטן.

נאַשפּיץ — ווען מען שפּאַנט אײַן פֿערד איינס נאָך דעם צווייטן און ניט איינס לעבן צווייטן.

עס שפּריצן די פּאָדקעוועס
פֿונקען און פֿײַער,

עס שלענגלט זיך, קנאַקט
אָן רחמים די בײַטש,
מען שטייט מיט אָפֿענע
מײַלער: וואָס טײַטש?

אויסגעלאָזט האָט זיך
די מעשׂה גאָר פּראָסט:
אַ דײַטש איז געקומען
פֿון דאַנציג מיט פּאָסט!

מיטגעברענגט האָט ער
נאָר אוצרות מיט געלט!
גיין וועט אַ מיסחר!
זײַן וועט אַ וועלט!

און גאָט האָט דאָס שטעטל
מיט מחיה באַגליקט,
ער האָט זיי פֿון הימל
אַן אוצר געשיקט.

פּאָדקעוועס — horse-shoes
רחמים (ראַכמים) — pity
בײַטש — whip
וואָס טײַטש? — what is the meaning?
פּראָסט — simple
אוצר (אויצער), **אוצרות** (אויצרעס) — treasures
מיסחר (מיסכער) — האַנדל, trade
זײַן וועט אַ וועלט — עס וועט זײַן גוט, פֿריילעך.
מחיה (מיכיע) — אַ געשעפֿט, פֿון וועלכן מען לעבט.

עס האַנדלט דאָס דײַטשל
מיט כּלערליי תּבֿואות,
און צאָלט אַלץ במזומן!
און מאַכט נישט קיין שהיות!

אַלץ ווערט מיט גאָלדענע
רענדלעך געוואויגן,
דעם סוחר ווערט פֿריילעך
און ליכטיק אין די אויגן!

הייבן אָן האַנדלען
די שוחטים... דיינים...
עס לויפֿן, עס קויפֿן
מלמדים, בטלנים...

און אַלץ איז אַ סחורה,
געקויפֿט און געשטעלט!
שיטן אָן יידעלעך
פֿעסלעך מיט געלט!

כּלערליי (קאָלערליי) — פֿאַרשיידענע.

במזומן (בעמזומען) — in cash

תּבֿואות (טוואועס) — grains

ניט מאַכן קיין שהיות (שי־יעס) — not to hesitate

רענדל — ducat

סוחר (סויכער) — הענדלער, merchant

שוחטים (שאָכטים) — religious slaughterers

דיין (דאַיען), **דיינים** (דאַיאָנים) — ריכטערס; דער וואָס ענטפֿערט אויף פֿראַגעס וועגן רעליגיעזע געזעצן, דער וואָס מישפּט נאָך די יידישע דינים נאָך.

מלמדים (מעלאַמדים) — לערערס אין חדר.

בטלנים (באַטלאָנים) — מענטשן וואָס טויגן ניט צום פּראַקטישן לעבן.

סחורה (סכוירע) — merchandise

פֿעסלעך — barrels

אַך, ווער געדענקט
אַזאַ גאָלדענע צײַט?
מען טראָגט אין דער וואָכן
נאָר אַטלעס און זײַד!

נאָר דער דײַטש האָט מיטגעבראַכט
אַ בת־יחידהלע, אַ פּראַכט:
גאָלדענע לאָקן ביז די פּיס!
אויגן בלישטשען ווי די שטערן,
און אַ קול — אַ פֿרייד צו הערן!
און אַ שטימע — צוקער־זיס!

און זי גייט נישט, נאָר זי שפּרינגט,
און זי רעדט נישט, נאָר זי זינגט,
פֿריילעך, לוסטיק טאָג און נאַכט!
און לאָזט אַרוים איר קול מאַריע,
העלפֿט דאָס גאַנצע הויז איר צו,
קנאַקט פֿאַר לאַכן, ווען זי לאַכט!

און אַז מאַניש גייט כּסדר
יעדן מאָרגן פֿרי אין חדר,
בלײַבט ער שטיין בײַם טויער...
דעמאָלט זינגט אַ פּראַכט מאַריע,
און איר טרעלן־מעלאָדיע
דרינגט אים טיף אין אויער!

נאָר אַ שוויים ליגט אויפֿן שטערן,
און די אויגן — פֿײַכט פֿון טרערן,
און דאָס פּנים בלאַס, ווי קרײַד.

אַטלעס — satin
זײַד — silk
בת־יחידה (באַס־יעכידע) — איינציקע טאָכטער.
בלישטשען — to shine
כּסדר (קעסיידער) — in regular order

דער רבי זייַנער זיצט פֿאַרצוקט,
ס'שטייט די רביצין און קוקט:
„אוי, ווער ווייסט, וואָס דאָס באַטייַט!"

***

דער פֿאָטער — פֿאַרנומען,
אין אַלעם פֿאַרגעסן;
אין דער היים — זעלטן
אַ שבת געזעסן.

עס זעט דאָך די מוטער
ווי מאָניש פֿאַרשווינדט;
זי שרעקט זיך און פֿרעגט אים:
וואָס איז דיר, מייַן קינד?

וואָס לאָזט זיך דייַן קול
אַזוי ווייַנענדיק הערן?
וואָס האָסטו אין די אויגן
נאָר טרערן און טרערן?

הייַנט זינגסטו גאָר אַנדערש,
הייַנט זינגסטו נישט גוט,
עס קלעמט מיר דאָס האַרץ צו,
עס קילט מיר דאָס בלוט;

עס שנייַדט ווי מיט מעסער,
אין האַרץ דייַן געזאַנג!
וואָס איז פֿאַר אַ שטייגער,
וואָס איז פֿאַר אַ גאַנג?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פֿאַרצוקט — דאָ: ווייס ניט וואָס עס טוט זיך, פֿאַרלאָרן.
קלעמט מיר דאָס האַרץ — ס'איז מיר שווער אויפֿן האַרצן; I feel heavy at heart

פֿלעגסט אַמאָל העלפֿן
דעם חזן אין שול...
גאָר אַנדערע קולות,
אַן אַנדער געפֿיל;

אַצינד עמעץ אַנדערש
זינגט פֿון דיר אַרויס!
וואָס איז דיר, מײַן לעבן,
דער מאַמען זאָג אויס!

— צי ווייס איך דען, מאַמע,
וואָס ס'זינגט דאָרט אין מיר?
איך ווייס נאָר, אין האַרץ איז
גאָר אַנדערש ווי פֿריִער.

איך ווייס נישט, וואָס ס'איז מיר,
עס נאָגט דאָך אין האַרץ;
און פּלוצלונג פֿאַר די אויגן
ווערט פֿינצטער און שוואַרץ...

עס הייבט אָן צו ברענען
ווי פֿײַער אין מוח;
עס רײַסן זיך קולות
פֿון האַלדז אוים מיט כּוח!

און אָטעם פֿאַרפֿעלט מיר,
ס'איז ענג אין דער ברוסט,
איך וויל זיי פֿאַרהאַלטן,
די טענער, אומזיסט!

זיי פֿליִען ווי פֿייגל
אַרויס פֿון אַ נעסט...
און — אַזוי זינגט זיך...
אָט, ווי דו זעסט!..

נאָגן — to gnaw
מוח (מויאַך) — קאָפּ.
כּוח (קויאַך) — force

ד.

אינעם שטעטל איז געווען
פֿון קדמונים אַ מפּולת!
דאָרטן פֿלעגן לצים וואוינען,
מוזיצירן, מאַכן קולות.

קרייען, מיאַוציען, קוויטשען, בילן,
אָדער סווישטשען ווי דער ווינט,
אויפֿן דאַך גייט אויף דער וואַך
אַרום אַן אַלטער שוואַרצער הונט!

ס׳פֿלעגט אַרויס צו וואַרפֿן שטיינער,
גאַנצע פֿודן אויף דער וואָג,
און עס פֿלעגן זיך באַווייַזן
די נישט-גוטע טאָג אויף טאָג!

ווייַבער, מענער, ייִדן, קריסטן
ווייַכן לאַנג די גאַנצע גאַס;
און מיט הויכן גראָז באַוואַקסן
שטייען הייַזלעך פּוסטע-פּאַס!

דאָרט בייַנאַכט באַווייַזט זיך מאַניש,
צו דער חורבֿה גייט ער צו,
ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ ווי ביי אַ גזלן:
דאָרטן וואַרט אויף אים מאַרי׳ע!

קדמונים (קאַדמוינים) — פֿון אַלטע צייַטן.
מפּולת (מאַפּוילעס) — אַן אייַנגעפֿאַלן הויז, ruin
ליץ (לעץ), **לצים** (לייצים) — mocker, derider(s)
ווייַכן — to keep away
פּוסטע-פּאַס — דאָ: ליידיק, ניט באַוואוינט.
חורבֿה (כורווע) — ruin

אים באַגלייטן צוויי מלאָכים:
אין דער לינקער זײַט אַ שלעכטער,
און, מיט טרערן אין די אויגן,
גייט דער גוטער אין דער רעכטער!

און דער גוטער מלאך רוימט אים
אין דעם רעכטן אויער אַרײַן:
„האָב רחמנות! דײַן נשמה
זאָל פֿאַר גאָט נישט זינדיק זײַן!"

חוזק מאַכט דער שלעכטער מלאך
רוימט אין לינקן אויער אַרײַן:
„האָסט נאָך צײַט אויף עולם-הבא!
און ער וועט דיר מוחל זײַן!"

אַזוי טענהן די מלאָכים.
און דער יישובֿ דויערט נישט לאַנג...
אָט זי ווײַזט זיך שוין אין פֿענצטער,
און עס הערט זיך איר געזאַנג.

פֿלאַמען ברענען איר אין די אויגן,
אַלע תאוות — אין איר ליד!
און ער פֿליט שוין פֿײַל פֿון בויגן,
און דאָס בלוט עס קאָכט און זידט!

חוזק (כויזעק) מאַכן — to ridicule

עולם הבא (אוילעם האַבע) — יענע וועלט, די פֿאַרגעניגנס פֿון יע־נער וועלט.

מוחל (מויכל) **זײַן** — to forgive

טענהן (טײַנען) — to argue

יישובֿ (יִישואוו) — deliberation

טויזנט גרילן, טויזנט שפּינען,
פֿלעדערמײַז און אײַלן הערן,
זייער זינגען, לאַכן, קושן,
זייער קושן, האַלדזן, שווערן...

און ער שווערט איר הייסע ליבע
בײַ זײַן לעבן, בײַם געזונט;
דאָך זי שמייכלט: אַזאַ שבֿועה
טראָגט אַוועק דער לײַכטסטער ווינט!

און ער שווערט איר בײַ די ציצית,
בײַ די פּאות, בײַ די תּפֿילין,
און בײַם ש ו פֿ ר ש ל מ ש י ח...
— „זאָג, וואָס נאָך? אום גאָטעס ווילן!"

און ער שווערט איר הייסע ליבע
אַלץ פֿאַרברענטער און פֿאַרשײַטער,
און זי שמייכלט, און זי בעט זיך:
שווער נאָר ווײַטער, ווײַטער, ווײַטער...

גריל — cricket

שפּין — spider

פֿלעדערמויז — bat

אײַל — owl

שבֿועה (שוואוע) — oath

ציצית (ציצעס) — אין דעם ייִדנס אָנטון האָבן געדאַרפֿט זײַן פֿיר ציצות, פֿיר פֿראַנדזן, צונויפֿגעדרייט אויף אַ ספּעציעלן אופֿן פֿון וואָלענע אָדער זײַדענע פֿעדעם.

פּאות (פּייעס) — פֿרומע ייִדן שערן ניט די האָר פֿון די שלייפֿן (temples), הענגען פֿון די שלייפֿן אַראָפּ לאָקן, פּאות.

שופֿר של משיח (שויפֿער שעל מאָשיאַך) — דער לעגענדאַרער האָרן אין וועלכן מען וועט בלאָזן, ווען משיח וועט קומען.

פֿאַרשײַט — reckless

און ער שווערט איר בײַ זײַן טאַטן,
בײַ דער גוטער, פֿרומער מאַמען;
בײַ דער באָבען, בײַ דעם זיידן,
און בײַ אַלע נאָך צוזאַמען...

אויף איר ליפּל שפּילט אַ שמייכל
און די אויגן אירע גלאַנצן,
און זי בעט זיך: ווײַטער, ווײַטער!
זי וויל זיכער זײַן אין גאַנצן!

ווײַל אַ בחור קאָן פֿאַרפֿירן,
קען פֿאַרגעסן, — האָט זי מורא...
און ער שווערט איר בײַם פּרוכת,
בײַ דעם כּתר, בײַ דער תּורה!

און זי בעט זיך: העכער! העכער!
זי וויל זיכער זײַן אין גאַנצן!
און זי כּישופֿט מיט איר אָטעם
און די אויגן בלישטשען, גלאַנצן...

און ער גרײַפֿט אַלץ העכער, העכער,
האָט גאָטס נאָמען אויסגערופֿן!..
....

פֿונעם הימל קנאַלט אַ דונער;
פֿון גיהנום פֿונעם טיפֿן

גלאַנצן — to sparkle
פּרוכת (פּאָרויכעס) — דער פֿאָרהאַנג איבערן אָרון קודש (אָרן־קוי־דעש); דער הייליקער אָרון (אַלמער, שאַפֿע), וואו מען האַלט די ספֿר־תּורה אין אַ שול, אין אַ בית־מדרש.
כּתר (קעסער) — קרוין; אַ קרוין וואָס מען טוט אָן אויף אַ ספֿר־תּורה.
כּישופֿן (קישעפֿן) — to practice witchcraft, sorcery
גרײַפֿן — אָנכאַפּן, to grasp
גיהנום (געהענעם) — hell

א געלעכטער, א גערודער.
אונ ער פליט שוין א באוואכטער
אויף א בעזעם אין דער הייך.

אויפן בארג ארדט דארטן
איז א לעבן, א געפילדער
ס'איז א באל דארט אין דער תיבה,
און א שרעקלעכער, א ווילדער!

און די קיניגין איז לילית!
אין די אויגן האט זי בליצן;
און סמאל טראגט איר לאנגע
שלעפ מיט בראבאנדער שפיצן.

אין דער טיר דארט שטייט געשלאסן
אונדזער מאניש אויף א קייט...
און מען לייגט שוין אן א פייער
און די שפיז איז צוגעגרייט!

געפילדער — uproar
שלעפ מיט בראבאנדער שפיצן — a train with lace from Brabant
שפיז — spear

די גאָלדענע קייט

אַ חסידישע פֿאַמיליע־דראַמע, אין 3 אַקטן
(סוף פֿון 1טן אַקט)

פּערזאָנען:

ש ל מ ה.
פּ נ ח ס — זײַן זון.
מ ש ה — פּנחסעס זון, שלמהס אייניקל.
מ ר י ם — משהס ווײַב.
י ו נ ת ן, ל א ה — משהס און מרימס קינדער, שלמהס אוראייניקלעך.
י שׂ ר א ל — גבאי ראשון.
אַ בֿ ר ה ם — אַ ישיש.
ע ו ל ם.
ח ס י ד י ם.

(דעם רבינס צימער; אַלט־פֿרענקיש־פּריציש מעבלירט. טירן רעכטס און לינקס; רעכטס — צוויי, שמאָלע, פֿאַרן הייִמישן געברויך; איין טיר אין בית־המדרש אַרײַן, די צווייטע צו עזרת־נשים. לינקס — אַ געוויינטלעכע טיר אין ווײַטערע צימערן אַרײַן. אין הינטערגרונט — אַ טיר און אַ גרויס ווענעציאַניש פֿענצטער צו אַ הויף־גערטל.

מוצאי שבת, שפּעט אין אָוונט. נאָך גאָרנישט אָנגעצונדן אין שטוב. איבער דעם דיל שפּילט אַ שוואַכע ליכטנעץ פֿון לבֿנה־שײַן און שניי־אָפּגלאַנצן. אין דרויסן ווערט אַלץ טריבער און טריבער און ברעכט אויס סוף אַקט אין אַ שניי־שטורעם.

פֿון רעכטס און לינקס, ווען עס עפֿנט זיך אַ טיר, הערט זיך אַן אומעטיק גערויש, אויסגעשרייען אד"גל).

גבאי (גאַבע) — פֿאָרשטייער פֿון אַ שול; **גבאי ראשון** (רישן) — דער ערשטער, דער הויפּט־גבאי.

ישיש (יאָשיש), **ישישים** (יאיישישים) — אַ בכּבֿודיקער (בעקאָוועדיקער honorable) אַלטער מאַן.

עזרת נשים (עזראַס נאָשים) — די פֿרויען־אָפּטיילונג אין שול.

מוצאי (מאָצע) **שבת** — פֿאַרנאַכט, ווען שבת ענדיקט זיך, **שבת־צו־נאַכט.**

מרים.

(העל־בלאָ געקליידט, נאַכטוואַנדלערישע טריט, קומט פֿון הויזטיר, צום פֿענצטער גייענדיק, מיט אַ באַנג־שוואַכער שטים)

פֿאַרוואָס מאַכט מען קיין הבֿדלה נישט?

(דער עולם שוויַיגט, ישישים לאָזן אַראָפּ די קעפּ. עלטערע חסידים און מקורבֿים רוקן זיך אָפּ מיט שרעקיקן דרך־ארץ. חסידים ווילן אַרויסגיין פֿאַר דער „אשה", איינער לייגט שוין די האַנט אויף דער קליאַמקע, בלײַבט דאָך שטיין).

משה.

וואָס מאַכן די קינדערלעך, מרימל?..

מרים.

(זעצט זיך צום פֿענצטער צו)

אײַנגעשלאָפֿן...
שפּילנדיק, אויף דעם דיל
אײַנגעשלאָפֿן...
די הענטלעך צוזאַמענגעפֿלאָכטן...
כ'האָב אונטער די קעפּלעך
זיי קישעלעך געלייגט,
שמייכלען זיי אין דרעמל
און רייטלען זיך...
שרעקלעך שמייכלען קינדער...

(פּויזע, פֿאַרקוקט אין פֿענצטער אַרײַן)

עס טריבט זיך דער שניי...
ווינטיק... ביימלעך וויגן זיך,
צווײַגעלעך פֿאַרשנייטע ציטערן
ווי פֿון שרעק געטרייסלט...

הבֿדלה (האַוודאָלע) — די תּפֿילה (טפֿילע), דאָס געבעט, איבער וויַין, אָדער אַן אַנדער געטראַנק, וואָס באַצייכנט אַז דער שבת אָדער יום־טובֿ איז שוין אַוועק און די וואָכעדיקע טעג הייבן זיך אָן.

עולם (אוילאָם) — אַ סך מענטשן צוזאַמען.

מקורבֿים (מעקוראָווים) — נאָענטע; דאָ: נאָענטע מענטשן צו דעם חסידישן רבין.

דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — רעספּעקט.

אשה (אישע) — פֿרוי.

טריב — אומעטיק, טרויעריק.

אונ טריב און טריבער ווערט דער הימל...
פֿון מערבֿ־זײַט אַ וואָלקן ציט...
אומגעלומפּערט ציט ער זיך, שלעפּט זיך...
און גייט . . . גייט אויף אונדזער הויז . . .
(אין צימער אַרײַן, עטוואָס העכער ווי פֿריִער)
פֿאַרוואָס מאַכט מען קיין הבֿדלה נישט?
(די בית־המדרש־טיר עפֿנט זיך; אַ שטאַרקער גערויש)

מ ש ה.
(אויפֿגעשטאַנען)
אַ פּחד באַפֿאַלט...
ווי דער עולם רוישט . . .

מ ר י ם.
דער עולם...
די אויסגעדאַרטע פּנימער,
די אויגן, די אויסגעהונגערטע —

ש ט י מ ע ן א י ן צ י מ ע ר.
דער רבי!
דער רבי זאָל לעבן!
דער רבי!

ש ל מ ה.
(אַ זייער הויכער, גרויער, בלאַסער ייִד; אויסער דער שוואַרצער יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ, — פּרעס־ווײַס געקליידט; אַן אומגעוויינטלעך הויכער שטערן, אומגעוויינטלעך גרויס געעפֿנטע אויגן; מיט אַ קינדיש־נאַאיוון שמייכל איבערן אײַנגעשרומפּענעם, פֿון צער פֿאַרגליווערטן פּנים, וועלכן ישׂראל האָט די טיר געעפֿנט, קומט אַרײַן, בשעת ישׂראל, פּנחס און הינטער זיי דער עולם האַלט זיך אָפּ בײַ דער טיר; גייענדיק אין מיטן צימער אַרײַן, ווען אַלע שטעלן זיך אויף, קוקט זיך אום, — זיך אומווענדנדיק צו דער בית־המדרש־טיר)
אומזיסט אַלע רייד,
אַלע געבעטן אומזיסט.
(פּעסט)
איך מאַך קיין הבֿדלה נישט!

אומגעלומפּערט — clumsy
פּחד (פּאַכעד) — שרעק.
צער (צאַאר) — ווייטאָג, suffering, pain
פֿאַרגליווערט — to be benumed, stiffened
בשעת (בעשאַס) — אין דער צײַט, ווען.

ישׂראל.

(עטוואָס נאָך דער טיר)

רבי, דער עולם פֿאַרלאַנגט...

אַנדערע.

(פֿון בית־המדרש און אין צימער).

— דער עולם בעט!

— דער עולם פֿאַלט אויפֿן פּנים פֿאַר שרעק...

— האָט רחמנות!

— האָט רחמנות, רבי, אויפֿן עולם...

שלמה.

(וועלכן מרים רוקט אונטער אַ פֿאָטער־שטול, אָן אָנלען מיט איין האַנט אָנשפּאַרנדיק)

עולם...
דער עולם...
צוויי — דריי — פֿיר —
פֿינף מנינים קליינע...
קליינע, קליינע ייִדעלעך...
אויסגעמאָגערטע,
אײַנגעשרומפּענע
ייִדעלעך...
אײַנגעהויקערטע קומען,
קלאַפּן בײַם צדיק אָן...

(טאָן־ענדערונג: צער)

געפּרווירענע נשמהלעך...
הערצלעך...
צום נר־תּמיד קומען זיי,
שטעלן אוים די הענטלעך;
אַ פֿונק! אַ פֿונק!

מנין (מיניען), **מנינים** (מיניאָנים) — דאָ: צען.

אײַנשרומפּן — to shrink

צדיק (צאַדיק) — הייליקער מאַן.

נר־תּמיד (נייר־טאָמיד) — דאָס אייביקע ליכט.

פֿונק — spark

אַ נדבֿהלע,
אַ מופֿתל...
אַ נס, אַ וואונק פֿון יענער זײַט,
און יעדער וויל פֿאַר זיך,
פֿאַר זיך,
פֿאַר אייגן ווײַב און קינד,
פֿאַר אייגן הויזגעזינט...

(פּויזע)

און דאָ — צווישן טויט און לעבן
וואַקלט זיך אַ וועלט!
אַ וועלט זינקט אין מרה־שחורה אַרײַן,
אַ וועלט!

(אַ פּויזע)

מ ר י ם.

(אין דער שטילקייט; צום פֿענצטער פֿאַרקוקט)

עס ציט זיך, ציט דער וואָלקן שוואַרץ...
גלײַך אַ שוואַרצער פֿויגל שפּרייט
זײַנע שוואַרצע פֿליגל אויס...

ש ל מ ה.

אין שוואַרצן אָנגעטון,
אין שוואַרצן אײַנגעהילט,
די נשמה פֿון דער וועלט —
די שכינה ברומט.
און וויינט, טרויערט,
און ס'צאַפּלט,
אין אייגענעם בלוט פֿאַרטרונקען,
ס'האַרץ פֿון דער וועלט!

נדבֿה (נעדאָווע) — donation
מופֿת (מויפֿעס) — miracle, אַ צייכן פֿון הימל.
נס (נעס) — miracle
מרה־שחורה (מאָרע־שכוירע) — melancholy
שכינה (שכינע) — divine glory
ברומען — to grumble, to roar
צאַפּלען — ציטערן.

(זיך אויסגלײַכנדיק מיט אויסגעשטרעקטער האַנט)

אויסגעלייזט פֿון פּײַן און שרעק
מוז ווערן — —
די וועלט!

(טאָן־ענדערונג)

איך מאַך קיין הבֿדלה נישט!

מרים.

צאַרניק ברוינט דער וואָלקן זיך...
אַ צאַרניק־ברוינער הימל קוקט אַראָפּ
און זיי שמייכלען דאָרט, —
קינדער זעען נישט!

שלמה.

(ביטערער)

ברוגזט זיך דער הימל!
פֿאַר וואָס מאַכט ער, שלמהלע,
קיין הבֿדלה נישט!
אַנגעפֿלויגן זײַנען זיך
נשמהלעך,
צוריקגערופֿענע פּקדונותלעך...
צי האָבן זיך די טייבעלעך
אין דער נידער נישט באַפֿלעקט?
צי פֿעלט נישט ווען אַ פֿליגעלע?
נישט אויסגעפּוצט אַ פֿעדערל? —
באַקוקן מוז מען זיי!
און צו מישפּטן גרייט
שטייט דאָס בית־דין של מעלה...

אויסגעלייזט — באַפֿרײַט.
ברוגזט (ברויגעזט) — איז בייז, בייזערט זיך.
פּקדונות (פּיקדוינעס) — איינצאָל: **פּקדון** (פּיקדוין) — אַ זאַך וואָס מען גיט עמעצן אָפּצוהיטן. פּקדונותלעך מיינט דאָ: נשמות; לויט דער יידישער טראַדיציע איז די נשמה געגעבן געוואָרן ווי אַ פּקדון.
מישפּטן (מישפּעטן) — to pass judgment
בית־דין של מעלה (בעזדן שעל מײַלע) — דאָס אייבערשטע, הימלישע געריכט.

אין עטרות גאָלדענע,
קרוינען ריין־בריליאַנטענע,
און זיי ווילן זעצן זיך
מישפּטן און פּסקענען...

(בּאַרעמהאַרציק)
און די נשמהלעך — —
פֿלאַטערן...
ס'ציטערן די פּקדונותלעך...
מאימת יום הדין!
מאימת יום הדין!

(טאָן־ענדערונג)
ציטערט נישט,
פֿלאַטערט נישט!
שלמה מאַכט קיין הבֿדלה נישט!
מען ווערט נישט — מישפּטן!

(דערשראָקענע פּויזע)
(עס דערהערט זיך ווינט).

מרים.
ווינטן בלאָזן,
יאָגן זיך, טרײַבן...
אַרום הויז, אַרום הויז...
ווי זיי פֿײַפֿן, ווי זיי וואָיען...

שלמה.
כּעסט זיך, הייסט עס, ס'גיהנום,
שיקט זײַנע שליחים אַרויס!
שוואַרצע פֿייגל פֿלאַטערן אַרום אין ווינט,
דער שוואַרצער הונט אויף דער קייט
וואַרפֿט זיך דאָרט!
שבת קודש איז אַריבער

עטרות (אַטאַרעס) — קרוינען.
פּסקנען (פּאַסקענען) — to give a decision
מאימת יום־הדין (מעאיימאַס יוום־האַדין) — מיט די שרעקן פֿון יום־הדין (day of judgment)
שליחים — messengers
שבת קודש (קוידעש) — דער הייליקער שבת.

דער סמבטיון שלאָגט,
און שלמה האָט זיך אײַנגעשפּאַרט,
הבֿדלה מאַכן — ווײַל ער נישט.
קעסלען — אונטערגעהייצט;
קאָכן זיי,
זידן זיי...
רויכיקע פֿלאַמען הייבן זיך, וויקלען זיך,
פֿעטע, ברענענדיקע כמאַרעס...
„קומט צוריק, רשעים!
אויף שרעק און פּײַן,
אויף יסורים רעים,
אויף ענויִים קשים...
פֿאַרוואָס קומט איר נישט צוריק?"
און די אָרעמע נשמהלעך,
די פֿאַרפֿלעקטע, די פֿאַרזינדיקטע, —
אַז שבת־קודש לעשט זיך אויס,
ווייסן זיי
און ציטערן...
און כאַפּן זיך
מיט די שוואַרצע פֿליגעלעך,
מיט אויסגעפּוצטע פֿעדערלעך
צו די נעפּעלעך,
און קלאַמערן, קלאַמערן זיך
מיט די צאַפּלדיקע הערצעלעך
צו די וואָלקנדלעך,
און ציטערן...
ציטערן!

סמבטיון (סאַמבאַטיען) — אַ לעגענדאַרער טײַך, וועלכער וואַרפֿט מיט שטיינער יעדן טאָג און רוט שבת.
רשע (ראָשע), **רשעים** (רעשאָים) — שלעכטע, זינדיקע.
יסורים רעים (ייִסורים ראָים) — שרעקלעכע ווייטאָגן.
ענויִים קשים (איִנויִים קאָשים) — שווערע לײַדן.
נעפּלעך — navel

(טאָן־ענדערונג)

ציטערט נישט!
צאַפּלט נישט...
פֿליט אײַך, פֿראַנק און פֿרײַ אַרום —
וואו איר ווילט,
וואו אַ ווינטל טראָגט —
איך מאַך קיין הבֿדלה נישט!

אַרומיקע.
(אין שרעק)

— און וואָס וועט זײַן?
— רבי, וואָס וועט זײַן?

שלמה.

שבת זאָל זײַן, — שבת!
מיט צוואַנגען האַלט איך שבת אײַן!
נישט געפּסקנט, נישט געשטראָפֿט!

(פּויזע)

עס הענגט אין דער הייך דאָרט אַ וואָג,
פֿאַרן כּיסא הכּבֿוד...
וויגט זיך, וויגט זי זיך די וואָג...
ס'צינגעלע צאַפּלט, צאַפּלט...
אַ מצווהלע טוט אַ ייִד
און — אַן עבֿרהלע...
שטעלן קען זי זיך נישט...
נישט כּולו חייבֿ,
נישט כּולו זכּאַי —
צאַפּלט זי...
און אל רחום וחנון קוקט;
העלפֿן קען ער נישט...

(פּויזע)

און זיצט ער, משיח,

צוואַנגען — by force

כּיסא הכּבֿוד (קיסיי האַקאָוועד) — גאָטס שטול.

כּולו חייבֿ (קולוי כאַיעוו) — אין גאַנצן שולדיק.

כּולו זכּאַי (קולוי זאַקאַי) — אין גאַנצן ריין.

אל רחום וחנון (אייל ראַכום וועכאַנון) — „גאָט פֿון רחמנות און גוטהאַרציקייט”.

אין די טויערן פֿון רוים
און וואַרט.
גיין קען ער נישט...
די וואונדן היילן זיך נישט...
ער בינדט זיי אויף,
ער בינדט זיי צו —
און גיין, לייזן אויס די וועלט
קען ער נישט!
און קיין כּוח צו וואַרטן איז נישטאָ...
אין מרה־שחורה זינקט אַרײַן די וועלט!
(אויפֿשטייענדיק, מיט קראַפֿט)
אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט!
(פֿון וואוינונג קומען אַרײַן לאה און יונתן, זיך האַלטנדיק בײַ די הענט; קיינער באַמערקט זיי נישט. פֿאַרוואונדערט און עטוואָס צעשראָקן בלײַבן זיי שטיין אין טיר).

שטילע שטימען אין צימער.
ווי אַזוי, ווי אַזוי?

שלמה.
(נאָך פֿעסטער)
שבת זאָל זײַן!
שבת!
נישט געאַקערט,
נישט געזייט,
נישט געבויט און נישט פֿאַרריכט...
נישט געהאַנדלט, נישט געוואַנדלט.

הײמישער חסיד.
חרובֿ זאָל ווערן די וועלט!

שלמה.
חרובֿ זאָל ווערן די וועלט
און מיר —
מיר שבתדיקע,
מיר יום־טובֿדיקע,
מיר נשמה־יתרהדיקע ייִדן,

נשמה יתרה (נעשאָמע יאַיסיירע) — די צווייטע נשמה וואָס ייִדן האָבן שבת און יום־טובֿ, די יום־טובֿדיקע, די העכערע נשמה.

וועלן איבער אירע חורבות גיין...

מרים.

וואו אהין?

רבי, וואו אהין?

שלמה.

צו אים, צו אים!

זינגענדיק און טאַנצנדיק וועלן מיר גיין

צו אים!

(פויזע, עקסטאַז)

זינגט מיט מיר!

טאַנצט מיט מיר!

(עס ווערט זייער שטיל. שלמה הייבט אָן טאַנצן אַרום זיך. אין דער שטיל־קייט הערט זיך דאָס קלינגען פֿון הענגל־לאָמפּ — ישישים ווילן מאַכן אַרום רבין אַ ראָד, ווינקען צו די זקנים — יענע ווײַגערן זיך. ישישים טאַנצן נישט־געשלאָסן. יונתן און לאה — מיטגעריסן, רוקן אָפּ דעם טיש און די שטולן פֿון הינטער די פֿענצטער, נעמען אָן די מוטער בײַ די הענט און טאַנצן קעגנאיבער די ישישים צוויי האַלבע רעדער־טיילן. משה קוקט אויף אַלעס אַפּוועזנדיק — חסידים שלײַכן זיך שטיל פֿון צימער אַרויס אין בית־המדרש אַרײַן. — מרים לאָזט אָפּ די קינדערס הענט, כאַפּט אויף איין עק פֿון שלמהס גאַרטל, טאַנצט אַרום אים פֿאַרחלומט, עטוואָס גליק־לעך פֿאַרשעמט, צנועהדיק און פֿריילעך, ווי אַ כּלה־טאַנץ. די קינדער נעמען זיך קעגנזײַטיק אָן בײַ די הענט, טאַנצן באַזונדער. דער הענגל־לײַכטער קלינגט וואָס אַ מאָל שטאַרקער).

לאה.

זע, זע — די מאַמע שטראַלט,

גלײַך די שכינה רוט אויף איר.

יונתן.

אויפֿן עלטער־זיידן קוק,

ווי אַ מלאך —

אין דער קדושה אײַנגעהילט — —

חורבֿות (כורוועס) — ruins

ווײַגערן זיך — to hesitate

שלײַכן זיך אַרויס — גיין אַרויס שטיל, קיינער זאָל נישט זען.

צנועהדיק (צנועדיק) — modest, באַשיידן.

קדושה (קדושע) — הייליקייט.

אײַנגעהילט — אײַנגעוויקלט.

שלמה.
(מערקט עס נישט, שטעלט זיך זעלבשטענדיק אָפּ)
און אַזוי!
אַזוי גייען מיר,
זינגענדיק און טאַנצנדיק...
מיר, גרויסע, גרויסע ייִדן,
שבת־יום־טובֿדיקע ייִדן,
די נשמות פֿלאַקערן!
פֿאַר אונדז — וואָלקן שפּאַלטן זיך!
הימלען — פּראַלן די טויערן אויף!
אין ענן־הכּבֿוד שווימען מיר אַרײַן.
צום כּיסא הכּבֿוד צו,
צום כּיסא הכּבֿוד!
אויפֿן אבֿן שיש טהור
שטייען מיר!
און מיר בעטן נישט,
און מיר בעטלען נישט,
גרויסע שטאָלצע ייִדן זײַנען מיר —
זרע אבֿרהם... יצחק ויעקבֿ!
לענגער וואַרטן נישט געקאָנט!
שיר השירים זינגען מיר,
זינגענדיק, טאַנצנדיק גייען מיר!

מרים.
(לאָזט אָפּ דעם גאַרטל, לייגט זיך די הענט אונטערן קאָפּ, בייגט אים עטוואָס אַרונטער; די שטראַלנדיקע אויגן, קלאַרנעט־קלאָר, מיטן טראָפּ)
ישקני מנשיקות פּיהו...
כּי טובֿים — — דודיך — — מיין!

ענן־הכּבֿוד (אַנאַן האַקאָווער) — וואָלקן פֿון גאָטס טראָן.
אבֿן שיש טוהר (עווען שאַיִש טאָהויר) — ריינער מירמלשטיין (marble)
זרע (זערא) — קינדער, lineage
שיר־השירים (שיר האַשירים) — „דאָס ליד פֿון די לידער" — דאָס בוך פֿון תּנך וואָס באַשטייט פֿון אַ זאַמלונג זייער שיינע לידער.
ישקני מנשיקות פּיהו — (יִישאָקייני מינשיקוים פּיהו) — ער וועט מיך קושן מיט קושן פֿון זײַן מויל.
כּי טובֿים — דודיך — מיין (קי טויווים דוידעכאַ מי־יאַיִן) — ווײַל דײַן ליבע איז בעסער ווי ווײַן.

(פויזע, שטילער אומבאַוועגלעכער עקסטאַז).

ישׂראל.

(עפֿנט ראַש פֿון יענער זײַט די בית־המדרש־טיר. אַ פּאַס ליכט פֿליסט אַרײַן, אָפּשנײַדנדיק).

גוט וואָך, ייִדן!

שלמה.

(פֿאַלט צוריק אויף דער שטול)

נישט דערלאָזט!

אַבֿרהם.

ווער האָט מורד במלכות געווען?

ישׂראל.

פּנחס האָט הבֿדלה געמאַכט,

(אַקצענטירנדיק)

ר' פּנחס!

שלמה.

(זיך אויפֿהייבנדיק)

מײַן זון, מײַן שוואַרצער זון...

(אין בית־המדרש־טיר באַווײַזט זיך פּנחס, הינטער אים עולם).

ישׂראל.

(אין בית־המדרש־טיר באַווײַזט זיך פּנחס, הינטער אים עולם).

דער עולם האָט געבעטן!

דער עולם האָט פֿאַרלאַנגט,

געהייסן האָט דער עולם —

(פויזע, שלמה גייט זייער לאַנגזאַם אָפּ צו זיך, פּנחס קומט, אין דער זעלבער מאָס אין שטוב אַרײַן).

ישישים און עלטערע חסידים.

(מורמלען)

רב פּנחס, רב פּנחס...

(מרים פֿירט אָפּ שלמהן אין צימער אַרײַן. ישישים מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ גייען פֿינצטער שווײַגנדיק נאָך. לאה און יונתן גייען, זיך בײַ די הענט האַלטנדיק, הינטער זיי די ישישים. יונתן קוקט זיך אינעם גיין אום, דערזעט פּנחסן, רײַסט פּלוצלונג אויס די האַנט פֿון לאהן, גייט צוריק אין צימער אַרײַן. עלטערע חסידים שטעלן זיך אָן בײדע זײַטן טיר און

מורד במלכות (מוירעד בעמאַלכוס) — דער וואָס רעוואָלטירט קעגן הערשערס.

קערן זיך אום מיט די פּנימער אין צימער אַרײַן. פּנחס גייט צום פּאָטער־שטול, הינטער אים ישׂראל און די אַנדערע גבאים. דער עולם הייבט זיך אָן צו באַוועגן, מיט האָפֿענונג און שרעק, אין צימער אַרײַן).

ישׂראל.

(צו פּנחסן, וואָס קווענקלט זיך דעם פּאָטערשטול צו פֿאַרנעמען)

זעצט אײַך, רבי...

(אַלע ציטערן אויף. פּנחס זעצט זיך זייער לאַנגזאַם).

(פֿאָרהאַנג)

האַלט ס׳מויל

דער הימל איז באַדעקט מיט אַ בלײַערן־בלאָען וואָלקן. דער ווינט בלאָזט און שאָקלט מיט די בלויזע ביימער. איבער דער ערד איז שוין דורכגעגאַנגען די שאַרפֿע קאָסע און איבערגעלאָזט נאָר עטלעכע דערנער. די ערד איז הויל און וויסט... דער קאַלטער ווינטער גייט!

ערשט דעמאָלט האָט זיך מיישבֿ געווען אַ רויז, און האָט אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן איינע אַליין אויפֿן פֿרײַען פֿעלד!

און שאַרלאַך־רויט איז זי געווען, געציטערט און געצאַפּלט שוין פֿאַר קעלט. זי האָט מיט אַלע כּוחות אויסגעצויגן אירע לאַנגע, שוואַכע בלעטלעך צו כאַפּן נאָך אַ וואַרעמען, נאָך אַ ליכטיקן שטראַל.

אומזיסט! צו שפּעט!

בלײַ — lead

בלויזע — ניט צוגעדעקטע, ליידיקע.

קאָסע — scythe

דאָרן, דערנער — thorn(s)

הויל — bare, naked

מיישבֿ (מעיאַשעוו) זײַן זיך — זיך באַטראַכטן.

אַרויסשפּראָצן — to shoot up, sprout out

שאַרלאַך־רויט — גאָר שטאַרק רויט.

צאַפּלען — to shiver

כּוחות (קויכעס) — strength

ערגעץ אַנדערש איז צינד זומער! ערגעץ אַנדערש דער־וואַכט ערשט דאָס נײַע לעבן; נײַע האָפֿענונגען, נײַע פֿרייד, נײַע לוסט; ערגעץ אַנדערש בליִען נײַע, פֿרישע רויזן — אָבער דאָ, דאָ מוז אַלץ שטאַרבן...

דער ווינטער, דער מלאך־המות גייט! זײַן אָטעם איז פֿראָסט, זײַן הויך איז שניי...

אַך, גאָט! — וויינט די רויז, — האָב רחמנות אויף מיר! איך בין אַזוי יונג, איך וויל אַזוי לעבן! פֿאַרוואָס באַהאַלט זיך פֿאַר מיר די זון? פֿאַרוואָס זאָל מיך פֿאַר דער צײַט אונטערשנײַדן דער פֿראָסט, פֿאַרשיטן דער שניי? וואָס בין איך שולדיק, אַז איך בין צו שפּעט געקומען? פֿאַרוואָס זאָל איך שטאַרבן גאָר אומגעלעבט? פֿאַרוואָס זאָל איך אַוועקגיין פֿון דײַן וועלט אָן אַ שטראַל פֿון דער זון, אָן אַ וואַרעמער, גוטער רגע?

— האַלט ס'מויל! — האָט אַ פֿײַף געגעבן דער בייזער ווינט, און האָט פֿאַרשאָטן די וויינענדיקע בלום מיט שטויב און פֿוילע בלעטער...

לעבעדיקערהייט האָט ער זי באַגראָבן!

פֿון יחזקאל

(קאַפּיטל ל"ג)

ס'שלײַכט צו אַ שטאָט בײַנאַכט
די שווערד!
נאָר אויפֿן טורעם דער וועכטער וואַכט —
ער הערט!

מלאך־המות (מאַלעך־האַמאָועס) — דער מלאך פֿון טויט.

הויך — אָטעם.

שלײַכן זיך — רוקן זיך שטיל.

טורעם — tower

וועכטער — watchman

וואַכט — איז וואַך, שלאָפֿט ניט.

און בלאָזט טראָמפּייט
און שמעטערט מיט מאַכט,
עס ציטערט די נאַכט
דאָס פֿאָלק דערוואַכט — —..
דער שׂונא גייט, דער שׂונא גייט!
און עס פֿלאַקערט אויף די שלאַכט

אין הויף, אין גאַס
אויף מויער און וואַנט,
פֿאַר ווײַב און קינד,
פֿאַר פֿאָלק און לאַנד!

פֿאַר רעכט, און פֿרײַ גייט אַלץ אין קאַן!

ווער זיגן וועט, — דאָס ווייסט איין גאָט;
דער וועכטער האָט
דאָס זײַנס געטון!
ער האָט זײַן ערע נישט באַפֿלעקט,
ער האָט געוועקט!
ער האָט געדינט זײַן פֿאָלק זײַן לאַנד!

נאָר ווי דעם וועכטער, שפּאָט און שאַנד,
וואָס האָט בײַנאַכט
אַן אויג פֿאַרמאַכט
און דערוואַכט
ערשט אין דער בראַנד!

שמעטערן — to dash
מאַכט — strength, force
שׂונא (סוינע) — פֿײַנד.
אויפֿפֿלאַקערן — זיך צעברענען, to blaze up
שלאַכט — battle
ערע — honor
באַפֿלעקן — to soil, to disgrace
בראַנד — fire

פֿון פּרצעס געדאַנקען־וועלט

האָפֿענונג און שרעק

... מײַן האַרץ איז מיט אײַך.

מײַן אויג ווערט נישט זאַט פֿון אײַער פֿלאַמענדיקער פּאָן; מײַן אויער ווערט נישט מיד הערנדיק אײַער מעכטיק געזאַנג.

מײַן האַרץ איז מיט אײַך; זאָט דאַרף זײַן דער מענטש, און ליכטיק דאַרף אים זײַן... און פֿרײַ מוז ער זײַן, און האָבן איבער זיך צו שאַפֿן, איבער זיך און זײַן אַרבעט.

און אַז איר בײַסט די פֿויסט, וואָס וויל אײַך אײַער פֿרײַ וואָרט, אײַער ברענענדיקן פּראָטעסט צוריק אַרײַנזעצן אין דער קעל, מען זאָל אים נישט הערן — פֿרייט מיך; בעט איך גאָט, ער זאָל אײַך שאַרפֿן די ציין. און ווען איר מאַרשירט אויפֿן אַלטן סדום און ווילט עס אײַנרײַסן, גייט מײַן נשמה מיט מיט אײַך; און די זיכערקייט, אַז איר מוזט זיגן, מאַכט מיך פֿול און וואַרעמט און באַרוישט מיך, ווי אַלטער ווײַן...

און דאָך...

און דאָך האָב איך פּחד פֿאַר אײַך.

איך שרעק מיך פֿאַר באַצוואונגענע, וואָס זיגן. עס קענען פֿון זיי באַצווינגער ווערן, און יעדער באַצווינגער זינדיקט קעגן מענטש־לעכן גײַסט...

צי רעדט מען נישט צווישן אײַך, אַז די מענטשהייט דאַרף מאַרשירן ווי איין אַרמיי אין פֿראָנט און איר וועט איר פֿאָרשפּילן דעם מאַרש אויפֿן וועג?

און דאָך איז די מענטשהייט קיין אַרמיי נישט.

שטאַרקערע גייען פֿאָרויס, האַרציקערע פֿילן טיפֿער, שטאַלצע

וואַקסן העכער — צי וועט איר נישט אונטערהאַקן די צעדער, זיי זאָלן נישט איבערוואַקסן דאָס גראָז?

צי וועט איר נישט פֿאַרשפּרייטן אײַערע פֿליגל איבער דער מיטלמעסיקייט? צי וועט איר נישט פֿאַרפּאַנצערן די גלײַכגילטיקייט און באַשיצן נאָר די גרויע, גלײַך געשווירענע סטאַדע?

איך פֿאַרכט מיך פֿאַר אײַך.

ווי זיגערס קענט איר די ביוראָקראַטיע ווערן: אויסצוטיילן יעדן זײַן ביסן, ווי פֿאַר אָרעמע-לײַט אין הקדש; אָפּצומעסטן יעדן זײַן אַרבעט, ווי לעקציעס אויף דער קאַטאָרגע. און איר וועט פֿאַרטיליקן דעם באַשעפֿער פֿון נײַע וועלטן — דעם פֿרײַען מענטשלעכן ווילן, און פֿאַרשיטן דעם ריינסטן קוואַל פֿון מענטשלעכן גליק — די מענטשלעכע איניציאַטיוו — די קראַפֿט וואָס שטעלט איינעם קעגן טויזנטער, קעגן פֿעלקער און געשלעכטער... און איר וועט מעכאַניזירן דאָס לעבן און הייסן עס פֿאַרברענען אין קאַשאַרן.

און איר וועט זײַן פֿאַרנומען מיט רעגלאַמענטירן: מיט שרײַבן, פֿאַרצייכענען און שאַצן . . . מיט פֿאַרשרײַבן: ווי הויך און ווי אָפֿט עס מעג שלאָגן אַ מענטשלעכער פּולס, ווי ווײַט עס מעג זען אַ מענטשלעך אויג, וויפֿל עס קען פֿאַרנעמען זײַן אויער, און וואָס פֿאַר אַ חלומות עס מעג האָבן דאָס פֿאַרבענקטע האַרץ?

מיט האַרציקער פֿרייד קוק איך, ווי איר רײַסט אײַן די מויערן פֿון אַלטן סדום; מײַן האַרץ אָבער ציטערט דערבײַ, איר זאָלט אויף זײַנע חורבֿות קיין נײַעם, קיין ערגערן נישט בויען — אַ קעלטערן, אַ פֿינצטערערן!

עס וועלן קיין שטיבער אָן פֿענצטער נישט זײַן; נאָר אין נעפּל וועלן אײַנגעהילט זײַן נשמות...

עס וועט קיין לערער מאָגן נישט זײַן, נאָר זעלן וועלן הונגערן... קיין וויגעשריי וועט קיין אויער נישט פֿאַרנעמען, נאָר דער אָדלער, דער מענטשלעכער גײַסט, וועט מיט אָפּגעשניטענע פֿליגל שטיין בײַ דער קאָרעטע גלײַך מיט דער קו און מיטן אָקס...

און די גערעכטיקייט, וואָס האָט אײַך באַגלייט אויפֿן דאָרניקן און בלוטיקן וועג צום זיג וועט אײַך פֿאַרלאָזן, און איר וועט עס נישט מערקן; דערצו זײַנען זיגערס און הערשערס בלינד, און איר וועט זיגערס און הערשערס זײַן, און איר וועט זינקען אין אומגערעכטיקייט, און איר וועט נישט פֿילן דעם זומפּ אונטער אײַערע

פּים . . . פּעסט פּילט זיך יעדער הערשער, כּל־זמן ער איז נישט געפֿאַלן . . .

און געפּענגענישן וועט איר בויען פֿאַר די, וואָס וועלן אויס־שטרעקן די האַנט צו ווייַזן אייַך דעם אָפּגרונט, צו וועלכן איר זינקט . . . און אויסרייַסן פֿון די מייַלער וועט איר די צונגען, וואָס וועלן אייַך וואָרענען פֿאַר די וואָס וועלן נאָך אייַך קומען, כּדי אייַך און אייַער אומגערעכטיקייט צו פֿאַרניכטן . . .

גרויזאַם וועט איר פֿאַרטיידיקן די גלייַך־באַרעכטי־קונג פֿון דער סטאַדע צום גראָז אונטער אירע פּיס און צום זאַלץ איבער איר קאָפּ, און אייַערע פֿייַנט וועלן זייַן: פֿרייַע מענטשן, איבערמענטשן, געניאַלע דערפֿינדערס, נביאים, דערלייזערס, דיכטערס און קינסטלערס . . .

די צייַט איז פֿאַרענדערונג, זי בייַט, אַנטוויקלט; זי איז דאָס אייביקע אויפֿשפּראָצן, אויפֿבליִען, — דער אייביקער מאָרגן . . .

און אַז פֿון אייַער מאָרגן, צו וועלכן איר שטרעבט, וועט ווערן הייַנט, וועט איר זייַן די פֿאַרטיידיקערס פֿון נעכטיקן טאָג, פֿון אָפּגעשטאָרבענעם, פֿון טויטן . . . וועט איר טרעטן די שפּראָצן פֿון מאָרגנדיקן טאָג און פֿאַרטיליקן זייַנע בליטן און גיסן שטראָמען קאַלט וואַסער אויף די גייַסטנקעפּ פֿון נביאות, חלומות און נייַע האָפֿענונגען . . .

שטאַרבן וויל נישט דער הייַנטיקער טאָג, בלוטיק גייט אונטער יעדע זון . . .

איך וויל, איך האָף צו אייַער זיג, נאָר איך שרעק מיך און ציטער פֿאַר אייַער זיג.

איר זייַט מייַן האָפֿענונג, איר זייַט מייַן שרעק.

מיר ייִדן

(פֿון דעם אַרטיקל „בילדונג")

בטבֿע זייַנען מיר גלייַך ווי אַלע מענטשן, און דאָך איז אונדזער פֿאָלק נישט גלייַך צו אַנדערע פֿעלקער, ווייַל אונדזער לעבן איז אַנדערש, אונדזער געשיכטע איז אַנדערש, אונדזער רבי איז — דער גלות . . .

דעם גלות האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען אַ סך, אַ סך מעלות. נאָר

אַ סך חסרונות אויך. אין דעם טוויזנטיעריקן לעבנסשטרײַט, בפּרט פֿאַר צײַטן, ווען אַלע פֿעלקער האָבן כּוח געזאַמלט און באַנוצט אויף מאָרד, ברענען און צווינגען, האָבן מיר כּוחות געזאַמלט און באַנוצט אויף סבֿלנות, אויף אויסהאַלטן, אויסדולדן, איבערלײַדן די שלעכטע צײַט. יעדע קראַפֿט וואַקסט אַזוי לאַנג, ביז זי טרעפֿט אויף אַ גרעסערער און פֿלאַצט, ווי אַ זייפֿנבלאָז, אונדזער קראַפֿט וועט שוין אויף קיין גרעסערער נישט טרעפֿן. דעריבער זײַנען אַ סך פֿעלקער אונטערגעגאַנגען און מיר לעבן און ווילן לעבן אייביק.

צײַט מיר זײַנען אין גלות, האָבן מיר אויף אונדזער געוויסן, אויף אונדזער „יהדות" קיין איינציקן טראָפּן פֿרעמד בלוט; דער פֿעלקער־פֿאַנאַטיזם האָט אונדזער פּאָן מיט בלאָטע באַשפּריצט, מיר האָבן אים מיט אייגענעם בלוט געוואַשן.

און ווײַל מיר זײַנען אין גלות, ווײַל מיר עסן שטענדיק בײַ אַ פֿרעמדן טיש, ווײַל מיר זײַנען אייביקע אומגליקלעכע אורחים אויף דער וועלט, דעריבער האָפֿן מיר צו דער מענטשהייט, דעריבער איז מענטשלעכקייט אונדזער הייליקסטער אידעאַל, דעריבער איז אונדזער עגאָאיזם (אייגן־ליבע) די ריינסטע מענטשן־ליבע! ווײַל מיר פֿילן, אַז כּל־זמן די מענטשן־ליבע וועט נישט גובֿר זײַן, כּל־זמן עס וועט זײַן קינאה־שׂינאה און מלחמות, וועט אונדז נישט גוט זײַן. דעריבער בעטן מיר שטענדיק אויף שלום, דעריבער זײַנען אונדזערע הערצער, ווי אַ שוואָם פֿאַר אַלע נײַסטע אידייען. דעריבער האָבן מיר הארץ, געפֿיל און מיטלייד מיט אַלע אומגליקלעכע, מיט אַלע פֿאַרטריבענע, מיט אַלע געיאָגטע... דעריבער זײַנען מיר „רחמנים בני רחמנים"...

און ווײַל קיינער וויל פֿאַר אונדז נישט זאָרגן, ווײַל מיר האָבן שטענדיק געמוזט זיך אין זינען האָבן אַליין, ווײַל מיר האָבן שטענדיק צווישן שׂונאים געלעבט, ווײַל אונדזער מאָרגן איז קיין מאָל נישט זיכער געווען, ווײַל אונדזערע מחיות זײַנען שטענדיק באַגרענעצט, האָבן מיר זיך מיט דער צײַט צוגעוואוינט צום זאָרגן, צום דענקען, צום אײַנשפּאָרן; צו האַלטן שטענדיק קאָפּ, צו באַהאַלטן אויף אַ שלעכטן טאָג, צו וואַקסן אויף פֿעלדזן, אָן רעגן, אָן טוי...

און ווײַל מיר האָבן נאָר מיט אונדזער גײַסט געשטריטן, ווײַל די הענט האָבן מיר געמוזט האַלטן בײַ זיך, זײַנען מיר גײַסטיקער און איידעלער געוואָרן...

די רעשט האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען אונדזער תּורה, אונדזערע נבֿיאים און אונדזערע בעלי־התּלמוד.

דאָס איז דער קווינטעסענץ פֿון אונדזער „אתּה בחרתּנו"! נאָך דעם ערשטן גלות (מצרים) האָבן מיר דער וועלט אַ תּורה געגעבן. אינעם צווייטן און דריטן גלות זײַנען מיר אַ לעבעדיקער פּראָטעסט קעגן קינאה, שׂינאה, קעגן פֿיזישער קראַפֿט, קעגן „כּל דאלים גבֿר!*)

מיר ווילן נישט זיך אַליין גוטוויליק פֿאַרשליסן אין געטאָ. בײַ דער גרעסטער עמיגראַציע, מיט די גרעסטע מיטל, וועלן דאָך אייניקע מיליאָן ייִדן מוזן בלײַבן וואוינען צווישן פֿעלקער און מוזן האָבן מיט זיי מגע־ומשׂא, ומשׂא־ומתּן. די אייניקע מיליאָן ייִדן מוזן זײַן בירגער אין די לענדער, וואו זיי פֿאַרבלײַבן, זיי מוזן אַן אָנטייל נעמען אין דעם לעבן פֿון פֿאָלק, מיט וועלכן זיי וואוינען צוזאַמען.

מיר ווילן דאָס פֿאָלק אין גאַנצן זאָל קענען העברעיִש, כּדי עס זאָל נישט דאָס תּנ״ך פֿאַרגעסן... דאָס תּנ״ך איז דער אוצר פֿון אונדזער אמונה, פֿון אונדזער נאַציאָנאַליטעט, פֿון אונדזער עטיק (מוסר)! מען דאַרף זען, עס זאָל זײַן בײַ יעדן ייִד, נישט נאָר אין שראַנק, נאָר אויך אין האַנט, אין האַרץ, און אין מוח... מיר ווילן אייביק לעבן. און אייביק איז נישט צו באַרעכענען, עס טוישן זיך די צײַטן, עס טוישן זיך די טעג און נעכט... מאָרגן קאָנען מיר ווײַטער קומען צו גרויסע נסיונות. דעמאָלט קאָן אונדז נאָר דאָס תּנ״ך מוט געבן און כּוח.

און עס איז ווייניק, אַז אונדזער עטיק שטייט העכער שוין טויזנטער יאָרן. מען דאַרף, אַז יעדערער פֿון אונדז זאָל פֿילן און ווּיסן, פֿאַר וואָס און מיט וואָס זי שטייט העכער! עס איז ווייניק פֿאַר אונדז, אַז מיר בלײַבן ייִדן. ווײַל מיר זײַנען געבוירן אַזוי, ווײַל מיר זײַנען געוואוינט דערצו.

אַ יחיד איז נישט קיין פֿרײַער איינציקער פּונקט אויף דער וועלט; ער איז אַן אויג אין דער נעץ, וואָס פֿאַרשפּרייט זיך אויף אַ געוויסן פּלאַץ אויף דער ערד; די נעץ איז זײַן דור. אַ מענטש איז אין איין וועגס אַ רינגעלע פֿון דער אומגעהײַערקייט, וואָס ציט זיך פֿון אַבֿרהם אָבֿינו עד סוף כּל הדורות.

ווער קאָן אויף זיך זאָגן, אַז ער געהערט צו אַ פֿאָלק? דער וואָס האָט פֿאַרבינדונג מיט אַלע אויגן פֿון דער נעץ, פֿון דער פֿאַרשפּרייטער אויף דער גאַנצער וועלט, און קען גוט די קייט, וואָס ציט זיך פֿון אַבֿרהם אָבֿינו ביז דעם הײַנטיקן טאָג.

---

*) ווער עס איז שטאַרקער געוועלטיקט.

ווער עס וויל דאָס פֿאָלק קענען, און ווער עס וויל דאָס פֿאָלק לערנען — דער מוז קענען רעדן און שרײַבן ייִדיש.

נישט דערפֿאַר האָבן מיר טויזנטער יאָרן געליטן, מיר זאָלן אונדזער ציוויליזאַציע פֿאַרגעסן; מיר ווילן און דאַרפֿן זי ווײַטער פֿירן, כּדי זיך מיט דער מענטשהייט אויף גלײַכע רעכט צו פֿאַר-אייניקן. מיר ווילן אויך האָבן אַ חלק אין שותּפֿות, מיר ווילן אויך זײַן אין דער פֿירמע.

מיר האָבן אונדזערע אידייען, אונדזערע באַגריפֿן, אונדזער וויץ, אונדזער וועלט-אַנשויאונג — העלפֿט אונדז זיי צו אַנטוויקלען.

מײַן פֿאָלק

מײַן פֿאָלק האָט מען אויסדערוויילט צו שאַנד און שפּאָט, צו וואונד און וויי, צו שלעג און פּײַן; מיר זײַנען די שוואַכסטע און די מינדסטע... אָבער דערמיט טרײַבט מען אים צו דער ווײַטסטער מעטע פֿון דער מענטשלעכער גערעכטיקייט, צום ווײַטסטן פּאָסטן אויפֿן וועג פֿון דער מענטשלעכער פֿרײַהייט, צום לעצטן זיג איבער דער פֿיזישער מאַכט, איבערן פֿיזישן צוואַנג.

מיט קינס שטעמפּל האָט מען מײַן פֿאָלקס שטערן געצייכנט און דערמיט צום אייביק וואַנדערן פֿאַרשאָלטן און — געבענטשט.

אים האָט מען מיט גוואַלד אַרײַנגעשטעקט די רויטסטע פֿאָן אין די הענט און גערופֿן:

— גיי! אַלץ ווײַטער און ווײַטער גיי, מיט אַלע באַפֿרײַערס, מיט אַלע צוקונפֿט-קעמפֿערס, מיט אַלע סדום-איבערקערערס... נאָר בלײַבן שטיין מיט זיי קאָנסטו נישט... די ערד וועט ברענען אונטער דיר!

אויף שריט און טריט צאָלט די בלוטיקסטע קאָסטן פֿון יעדן באַפֿרײַאונג-פּראָצעס. נאָר אין די באַפֿרײַאונג-דעקרעטן ווער ווייניק, זעלטן, אָדער גאָרנישט דערמאָנט...

דו גיי און בלוטיק ווײַטער!

דו ביסט דער שוואַכסטער און דער מינדסטער און וועסט אויסגעלייזט ווערן ערשט צו אַלערלעצט...

— אַזוי לאַנג ווי עס וועט בלײַבן אַ שטיין פֿון אַלטע מויערן, וועט ער ליגן אויף דײַן אַקסל און דריקן!

— אזוי לאַנג ווי עס וועט בלוט פֿאַרגאָסן ווערן, אַ ווילן — אונטערדריקט, אַ פֿליגל אונטערגעשניטן — וועלן עס זײַן דײַנע פֿליגל, דײַן ווילן, דײַן בלוט...

דו וועסט באַפֿרײַט ווערן ערשט צו אַלערלעצט, ווען דער מענטש וועט באַפֿרײַט זײַן פֿון דער ערד! ווען פֿון מענטשן-ווערעם וועלן אָדלער ווערן.

***

בײַ אַנדערע נאַציעס זײַנען לעבנס-פֿראַגעס: גערעטעניש, פֿאַרשפּרייטן די גרענעצן, שטאַרקע אַרמייען, קאָלאָניעס; בײַ אונדז, אויב מיר ווילן געטרײַ בלײַבן זיך אַליין, איז די לעבנס-פֿראַגע: געוויסן-פֿרײַהייט, מענטשלעכע קולטור און עטיק. דאָס זײַנען די איינציקע באַדינגונגען פֿון פֿרײַען אויסלעבן זיך און זיגן... דאָס גלות איז דאָס שלאַכטפֿעלד, איך קאָן עס דעריבער נישט פֿאַרלייקענען. דאָס איז מײַן אידעאַל, קאַמף און זיג.

***

מיט מײַן פֿאָלק גיי איך, פֿון גלאַנץ פֿון זײַן פֿאָן פֿלאַמט מײַן נשמה און איך רוף: יידן פֿון אַלע לענדער און פֿעלקער, פֿאַראייניקט אײַך... לאַנג און געפֿערלעך איז דער וועג... האַלט אײַך צוזאַמען!

***

האָט זיך יעדער פֿאָלק זײַן לאַנד און איך בין צעזייט און צעשפּרייט און ווער געטריבן.

מײַן כּלי-קודש: רוקזאַק און וואַנדערשטאָק!

שלעכט אין דער קעגנוואַרט, די צוקונפֿט אָבער געהער צו מיר! אין איר נעפּל זײַנען מײַנע אויגן באַהעפֿט, פֿון דאָרט וועט זיך אויסשיילן די פֿרישע זון פֿון אַ נײַעם גערעכטן מאָרגן! פֿון העכסטן טורעם וועט פּלוצלונג אויסשלאָגן די שעה פֿון אויסלייזונג, דער לעצטער טאָג!

וואָס איז ייִדישקייט?

ייִדישקייט איז די ייִדישע וועלט־אַנשויאונג. און ווילט איר: די וועלט־אידיי, וואָס זוכט איר פֿאַרקערפּערונג אין דער מאַטעריע, אין דער געשטאַלט, און וועלכער זי שלאָגט זיך אָפּ אין דער ייִדישער נשמה.

די וועלט, מיט ייִדישע אויגן געזען, איז אַן אָרגאַניש־צוזאַמען־געבונדענע, אָרגאַניזירטע און דעריבער מאָראַליש־פֿאַראַנטוואָרט־לעכע וועלט.

די וועלט מיט געצנדינערישע אויגן געזען איז אַן עפּילעפּטיקער. צעוואָרפֿענע, באַהאַלטענע און אָפֿענע קרעפֿטן, וואָס פֿאַלן קיין געזעץ נישט אונטער און וועלכע מען קאָן קיין מאָראַלישע פֿאָדע־רונגען נישט שטעלן.

קאָן זיך די העכערע אידיי דער נידעריקער נישט אונטערגעבן. איז דאָס געשריי: לאָזט מיך פֿריי ריידן מײַן וואָרט, פֿריי אַרבעטן און קולטור־ווערטן באַשאַפֿן לויט מײַן וועלט־אַנשויאונג.

און ניט אויף אַ באַשטימטע אָרט ווערט דער שטרײַט געפֿירט. מיר האָבן שוין לאַנג די נאַציאָנאַלע קינדערוויג פֿאַרלאָזט, גערן אָדער נישט גערן, אַ וועלטפֿאָלק געוואָרן. נישט באַגרענעצט איז דער קאַמף, אַ וועלטקאַמף איז ער.

אויפֿגעהויבן מוז ווערן די פֿאָן פֿון ייִדישן רענעסאַנס, פֿון משיח און וועלט־מישפּט און וועלט־באַפֿרײַאונג — פֿון דער קינפֿטי־קער פֿרײַער מענטשהייט.

דאָס איז די מיסיע פֿון אייביקן פֿאָלק, פֿון וועלטפֿאָלק. דאָס מוז געבן דאָס ייִדישע לעבן, דאָס ייִדישע הייז, די ייִדישע שול, דאָס ייִדישע טעאַטער, דאָס ייִדישע בוך און אַלץ וואָס ייִדיש איז.

***

ייִדיש איז די וואַנדער־שפּראַך און די בילדונגס־שפּראַך פֿון מיליאָנען ייִדן. ווען דאָס פֿאָלק זאָל אויפֿגעבן די שפּראַך פֿון פּראָסט מאַמע־לשון, וועט דאָס זײַן מיט אַנדערע ווערטער דער באַנקראָט אונדזערער. די ייִדישע אויפֿלעבונג איז דאָס שטרעבן אַרויסצוגראָבן פֿון אונדזער נשמה אַלע די אוצרות מיט וואָס מיר קאָנען און וועלן נאָך באַרײַכערן די מענטשהייט.

*
**

יידישקייט איז נישט לאַנד און נישט שפּראַך. אָן יידישקייט און נישט צוליב יידישקייט — איז עס געצנדינערײַ, עבֿודה־זרה.

*
**

מיר גלייבן אין זיך, אין אונדזער צוקונפֿט, אין אונדזער זיג. מיר קאָנען דעריבער נישט זײַן נישט „מיר". מיר ווילן זײַן נישט מער נישט ווייניקער ווי יידן. ווי אונטערדריקטע יידן, ווי אַן אונ־טערדריקטע מינדערהייט מוזן מיר זײַן סאָלידאַר מיט אַלע אונטער־דריקטע מינדערהייטן און פֿעלקערשאַפֿטן.

*
**

אויף משיחן וואַרט אַ ייִד, ער זאָל קומען אויסלייזן די וועלט פֿון שרעק און פּײַן, פֿון קאַטאַקליזמען צווישן אָרעם און רײַך . . . אַלע זאָל זײַן פֿאַר אַלע.

*
**

די מאָדערנע פֿעלקער זײַנען שוין אויסגעלייזט געוואָרן, נאָר אונדזער משיח איז נאָך נישט געקומען. נאָר ער דאַרף ערשט קומען און נישט נאָר פֿאַר זײַן פֿאָלק אליין... געמישפּט און אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט; פֿון דער מענטשלעכער טראַגעדיע מוז באַ־פֿרײַט ווערן די וועלט.

*
**

„איין שבת — יידן זאָלן האַלטן, וואָלט משיח געקומען!" איין שבת ווי עס דאַרף צו זײַן, אַן אמתע נשמה יתרה! אַ נשמה יתרת וואָס זאָל פילן, וואָס זאָל וויסן, ווי יענע, די טאָג־טעגלעכע, די וואָ־כעדיקע איז קראַנק! וואו נעמט מען זי?

צו די וואָס גייען אַוועק

דרך־ארץ פֿאַרן אַלטן, פֿאַרן עלטסטן פֿאָלק, וואָס אײַנגעמען און באַצווינגען אַ לאַנד און שיצן עס קעגן די העלדישע וועלט־אַר־מייען ביזן לעצטן טראָפּן בלוט האָט עס געקאָנט גלײַך מיט אַלע! און פֿיל ב ע ס ע ר און ש ע נ ע ר פֿון אַלע! און דערנאָך אַ

לאנגע, לאנגע שנור פון דורות קעמפערס, קעמפערס ביזן לעצטן טראָפן בלוט פאַר איבערצײַגונגען.

דרך־ארץ פאַר אַ פאָלק, וואָס זײַן געשיכטע איז די איינציקע גרעאַישע וועלט־טראַגעדיע: אָן עפּאָכע פון מסירת־נפש, קידוש־השם און די אוממענטשלעכסטע פּײַן און לײַדן פאַר דער אידיי.

***

עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס איר, לײַכטזיניקע עולם־הזהניקעס, זײַט אַוועק; איר זײַט אַנטלאָפן פון די וואָס פרעדיקן לעבן און מוזן לײַדן צו די וואָס פרעדיקן לײַדן און לעבן אַ גוטן טאָג.

קומט איר נאָך ווי די שוואַרצע ראָבן און קראַקעט: אונטער־גאַנג.

שרעקט עס אונדז נישט. מיר האָבן עס פון אײַער גלײַכן אין מצרים געהערט אין פרס, אשר, בבל, יון און רוים — געוואוינט דערצו. פרעדיקט וואָס איר ווילט — דער ווינט טראָגט. אָבער מיט דרך־ארץ.

ווילט איר נישט לײַדן צוזאַמען מיטן פאָלק, נעמט דעם וועג! אָבער אַכטן זאָלט איר עס, מוזט איר עס! בייגט די קעפּ פאַרן אייביקן קעמפער, פאַרן אייביקן פאָלק!

איין פאָלק ייִדן, זײַן שפּראַך איז — ייִדיש

(פון דער רעדע געהאַלטן אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אין יאָר 1908)

דרײַ אינעווייניקסטע באַפרײַאונג־מאָמענטן האָבן אונדזער באַוועגונג געשאַפן.

עס הייבט זיך אָן צו באַפרײַען דער ייִדישער „המון", דער אָרעמער ייִדישער עם־האָרץ. ער פאַרלירט זײַן צוטרוי אי צום גרויסן למדן, אי צום גרויסן גביר. דעם גרויסן גבירס „צדקה" מאַכט אים נישט זאַט, דעם גרויסן למדנס תורה גיט אים נישט קיין גליק.

דער המון הייבט אָן אַליין צו בענקען, צו פֿילן, ווייל לעבן זײַן אייגן אָרעם לעבן פֿאַר זיך. און עס וואַקסט אויף דער חסידיזם, די תורה פֿאַר אַלע.

און דאָס איז דער ערשטער מאָמענט.

דאָס חסידישע מעשׂהלע דאָס איז דער „בראשית". שבחי בעל-שם און אַנדערע וואונדער-געשיכטעס זײַנען פֿאָלקס-דיכטונגען. דער ערשטער פֿאָלקס-דיכטער איז ר' נחמן פֿון בראַצלאַוו מיט זײַנע זיבן בעטלערס.

עס האָט אויך דערוואַכט און פֿאַרלאַנגט פֿאַר זיך די יִדישע פֿרוי, דאָס יִדישע ווײַבל, דאָס יִדישע מיידל. עס באַווײַזן זיך „ווײַבערישע ביכלעך". פֿון עבֿרי-טײַטש ווערט אַ „מאַמע-לשון" . . .

און צוויי שפּראַכן האָט נאָך דאָס יִדישע פֿאָלק. אַ שפּראַך פֿאַר לומדים אין בית-המדרש: תורה-לשון, גמרא-לשון; און דאָס צווייטע פֿאַרן „המון" און פֿאַר דער יִדישער טאָכטער...

נאָר פֿון דעם וואָלט נאָך קיין „יִדיש", קיין י ִ ד י ש ע שפּראַך נישט געוואָרן. עס באַווײַזט זיך דער יִדישער אַרבעטער, דער יִדישער פּראָלעטאַריאַט און שאַפֿט זיך זײַן אינסטרומענט פֿאַרן קאַמף פֿאַר זײַן לעבן, זײַן אַרבעטער-קולטור אויף יִדיש. דער אַר-בעטער באַנוגנט זיך נישט מיט תחינות און תּפֿילות פֿון דער ווײַ-בערישער שול, און נישט מיט וואונדער-געשיכטעס פֿון הינטערן אויוון אין קלויז. ער וויל און מוז זיך אויסלעבן אויף יִדיש, און עס באַווײַזט זיך דאָס יִדישע בוך אין דער יִדישער שפּראַך...

דאָס „פֿאָלק", ניט דער שטאַט, איז דאָס מאָדערנע וואָרט! און אייגנאַרטיקע קולטור, נישט גרענעצן מיט יעגער, באַוואַכן דאָס אייגנאַרטיקע פֿעלקער-לעבן...

און שוואַכע, אונטערדריקטע פֿעלקער דערוואַכן און קעמפֿן פֿאַר זייער שפּראַך, פֿאַר זייער אייגנאַרט קעגן דעם שטאַט, און מיר, די שוואַכסטע, האָבן זיך אויך אין די רייען געשטעלט.

דער שטאַט זאָל מער נישט פֿעלשן די פֿעלקער-קולטור, נישט פֿאַרניכטן אייגנאַרט און אינדיווידואַליטעט. אָט דאָס ווערט גע-רופֿן און געבלאָזן אין דער מחנה, און מיר שטייען אין אירע רייען אונטער אונדזער אייגענער פֿאָן, אין נאָמען פֿון אונדזערע אייגענע קולטור-אינטערעסן.

מיר ווילן קיינעם נישט דינען. פֿעלקער-לאַקייען קאָנען קיין קולטור-גיטער נישט באַשאַפֿן, מ י ר ט ו ע ן ע ס!

מיר ווילן זיך שוין נישט צעברעקלען און מקריבֿ זײַן יעדן

מולך־שטאט זײַן בראָקן; איין פֿאָלק ייִדן. זײַן שפּראַך איז — ייִדיש.

און אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפֿן, אונדזער נשמה וועקן, און קולטורעל זיך פֿאַר־אייניקן צווישן אַלע לענדער און אין אַלע צײַטן.

קונסט און טראַדיציע

קונסט איז די נשמה פֿון פֿאָלק, די נאַציאָנאַלע פּערזענלעכ־קייט. און די פּערזענלעכקייט, די נשמה פֿון פֿאָלק, ווערט באַשטימט דורך טראַדיציע.

איז פֿאַראַן אַ פֿאָלק, אַ וואַנדער־פֿאָלק אָן געשטיצטע גרענעצן, אָן אַן אייגענער עקאָנאָמישער סטרוקטור, און דאָס פֿאָלק לעבט, לײַדט און גייט נישט אונטער — מוז אַזאַ פֿאָלק אַנדערש זען, אַנדערש פֿילן, אַן אַנדער וועלט־אַנשויאונג האָבן, אַן אַנדער פֿאָר־שטעלונג וועגן דער צוקונפֿט פֿון וועלט, לעבן און מענטש.

איך רעד נישט פֿון פֿאַרשליסן זיך אין אַ גײַסטיקן געטאָ. מען זאָל אַרויס פֿון געטאָ, נאָר מיט אייגענעם גײַסט, מיט אַן אייגן גײַסטיק פֿאַרמעגן און טוישן: געבן און נעמען, נישט בעטלען.

געטאָ איז אימפּאָטענץ: קולטור־קרייציקונג — די איינציקע מעגלעכקייט פֿאַר דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

אַלע וועגן פֿירן צום מענטש, נאָר יעדער פֿאָלק האָט זײַן וועג.

נעמען און זיך נישט פֿאַרלירן — דאָס איז די הויפּטזאַך, און דאָס איז דאָס שווערסטע בײַ שוואַכע און נישט זעלבשטענדיקע פֿעלקער.

מען דאַרף אַרויס פֿון געטאָ און זען די וועלט, נאָר — מיט ייִדישע אויגן...

מיט אַ פֿרעמדער נשמה קאָן מען נישט לעבן. פֿון אַ פֿרעמדן ווילן קאָן מען ווערן באַאײַנפֿלוסט, זאָגאַר סוגעסטירט, לעבן מיט אַ פֿרעמדן ווילן קאָן מען נישט.

און האָט מען קיין פֿאַרגאַנגענהייט און קיין צוקונפֿט נישט, איז מען אויף דער וועלט אַ פֿינדל־קינד אָן טאַטע־מאַמע, אָן טראַ־דיציע און אָן פֿליכטן פֿאַר שפּעטערן, פֿאַר דער צוקונפֿט, פֿאַרן אייביקן.

אוממעגלעך איז דאָס אויפֿלעבן פֿון דער ייִדישער אייגנאַרט, די באַפֿרײַאונג און פֿרײַע אַנטוויקלונג אָן דער ביבל, ווי עס איז אוממעגלעך אַ לעבעדיק בלײַענדיקער בוים אָן וואָרצלען אין דער ערד.

אָבער וואָרצלען אָן שטאַם, צווײַגן, בלעטער און בליטן זײַנען קיין בוים נישט, נאָר אַן איבעריק איבערבלײַבעניש פֿון אַ געווע־זענעם בוים...

צוריק צו דער ביבל הייסט נישט בלײַבן שטיין בײַ דער ביבל.

ייִדישקייט איז נישט קיין שטייענדיק וואַסער, קיין זומפּ. „מים חיים" רופֿט מען זי, די תּורה.

ייִדישקייט טאָר נישט גענומען ווערן ס ט אַ ט י ש, נאָר ד י נ אַ מ י ש — אין דער אַנטוויקלונג, דאָס הייסט: אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט און אין אַלע צײַטן; קיין איינציקן עכט ייִדישן מאָמענט נישט אויסגעמעקט.

ייִדיש איז אונדזער איינציקער וועג צום — מענטש, צום געט־לעכן מענטש, צום מענטשלעכן גאָט; צום איבערמענטש, אויב איר ווילט.

מיר שטייען ווי אַ מויער פֿאַר ייִדיש! מוסר נפֿש זײַנען מיר זיך פֿאַר ייִדיש; אַזוי קעגן דער אַלטער, ווי קעגן אַלע נײַע שפּראַך־פֿאַרמען.

אין ערגעץ נישט פֿאַרשטיינערט, אין ערגעץ נישט פֿאַרגלי־ווערט ווערן, אין ערגעץ נישט בלײַבן שטיין...

אונדזער „מזל" איז שוין אַזוי... לעבן און שאַפֿן בײַ די ערג־סטע באַדינגונגען און נישט אַראָפּ פֿון וועג.

און געפֿינען דעם תּוך; דעם „עצם ענין" פֿון ייִדישקייט אין אַלע ערטער, אין אַלע צײַטן, אין אַלע טיילן פֿון צעזייטן און צע־שפּרייטן וועלטפֿאָלק; געפֿינען די נשמה פֿון דעם אַלעם און זען זי באַשטראַלט מיטן נבֿיאישן חלום פֿון דער מענטשלעכער צוקונפֿט — דאָס איז די אויפֿגאַבע פֿון ייִדישן קינסטלער.

שאַפֿן איז עלית נשמה; און נאָר די ייִדישע נשמה קאָן זײַן רוח הקודש, זײַן שכינה, זײַן איינציקע באַגײַסטערונג, זײַן שע־פֿערישע קראַפֿט.

זי מוז זײַן זײַנע אויגן אין קאָפּ, מיט וועלכע ער זעט די וועלט און איר פֿאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפֿט...

פֿאַר דער ייִדישער נשמה מוז ער קאָנען לעבן און שטאַרבן...

און נישט אַ וועק פֿון דער וועלט, נאָר אַ ביסל, אַ קליין ביסל התבודדות; אַ קליינע מינוט פֿון

חשבון הנפש, וואָס זאָל זיך אַליין געפינען, זיך אַליין אויסשיילן פון פרעמדן און אַנגעוואָרפענעם, דאָס הייסט: צוריק צו דער ביבל...

צוריק צום זיכערסטן פונקט און פון דאָרט — צום מענטש אויפן ייִדישן וועג.

צום נביא

און קיין מאָל האָט דאָס בלוטנדיקע ייִדישע האַרץ נישט אַזוי געבענקט צום נביא, ווי היינט. צום נביא וואָס זאָל זיך שטעלן אויפן שפּיץ פון העכסטן באַרג, די וועלט זען און די ייִדישע וועלט-נשמה אין איר אַנטפּלעקן; וואָס זאָל צו די בויערס רופן אין נאָמען פון ייִדיש פאַרשטאַנען און געפילטער וועלט און זאָל יעדן אויסטיילן זיין אַרבעט פון אַלגעמיינעם, פון דער ייִדישער וועלט-נשמה אַרויס, יעדן פאַר זיין ווינקעלע, פאַר זיינע הענט, לויט זיינע כוחות און יעדן אָנווייזן זיין בוי-מאַטעריאַל...

וואָס ווילן מיר?

עס איז שוין צייט, אַז אונדזער ווירקלעכע אינטעליגענץ זאָל פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פליכט, וואָס פאַר אַ התחייבות זי האָט פאַרן פאָלק... אַז אַרבעטן ביי זיך אין דער היים, פאַר אייגענע ברידער, הייסט נישט אַרויסלאָזן די אַלגעמיין מענטשלעכע פאָן פון דער האַנט... היינט מוז אַרבעטן יעדערער ביי זיך, אַקערן און זייען זיין אָפּגעגרענעצט שטיקל לאַנד, כאָטש, אָדער בעסער — ווייל מיר האָפן, אַז די צוקונפט וועט זיין דער אַלגעמיין מענטש-לעכער שפּייכלער, אין וועלכן עס וועלן אַריינקומען אַלע ווייצן, די גאַנצע תבואה; אַ שפּייכלער וואָס וועט שפּייזן אַלע גלייך, שפּייזן יעדן אומגעפרעגט ווער זיין זיידע איז געווען, און נישט געקוקט, פון וואָס פאַר אַ פאַרב זיין הויט איז...

מיר גלייבן אַז געוויטער, שטורעם און רעגן מוזן פאַרבייגיין, עס מוז קומען די צייט, און די ערד וועט אונדז געבן איר קראַפט,

דער הימל — ווארעם און ליכט... און מיר ווילן נישט, אז אין שני־טער־צײַט זאָל אונדזער פֿאָלק שטיין פֿון ווײַטנס, אין יום־טובֿ באַווײנען פֿאַרלוירענע יאָרן און פֿאַרשעמט בעטלען פֿרעמד ברויט פֿון פֿרעמדן בלוטיקן שוויס...

מיר ווילן אויך אַרײַנפֿירן אַ ביסל קאָרן און ווייץ אין שפּײַכלער אַרײַן, מיר ווילן אויך בעלי־בתּים זײַן, אָרעמע בעלי־בתּים, נאָר נישט קיין בעטלער...

מיר ווילן, דער ייִד זאָל זיך פֿילן ווי אַ מענטש, ער זאָל אָנטייל נעמען אין אַלעס, וואָס מענטשלעך איז, מענטשלעך לעבן און שטאַרבן. און — ב אַ ל י י ד י ק ט, זאָל ער זיך פֿילן באַליידיקט ווי אַ מענטש.

אָט דאָס איז אונדזער צוועק, פֿאַר וועלכן מיר בעטן הילף בײַ דער ווירקלעכער אינטעליגענץ.

כלל און פּרט

נאַציאָנאַלע פֿאָרמען זײַנען אומעטום פֿאַרקערפּערט אין פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אינסטיטוטן; אין לענדער און אין רעגירונג־פֿאָרמען. דאָס פֿראַנצייזישע פֿאָלק, דאָס דײַטשישע פֿאָלק הערט מען, זעט מען, עס לאָזט זיך ממש אָנטאַפּן — גלייבט מען דערין. פֿילן זיך אַלע פּאַרטייען ווי אַ טייל פֿון פֿאָלק, האָט יעדע איינצלנע פּאַרטיי אַ גרענעץ פֿאַר איר פֿאַרלאַנג: די נאַציע!

אונדזער שכינה איז אין גלות; אונדזער פֿאָלק — צעזייט און צעשפּרייט. די גאַנצקייט איז געשפּאָלטן, איבערגעריסן און צעברעקלט. „ייִדישקייט” איז דערווײַל נאָר געדאַנק, נאָר אידיי — און מענטשן זײַנען נאָך אַלץ געצנדינער, ווילן אַפֿילו זייערע געטער הערן, זען און אָנטאַפּן... און גלייבן נאָר אין געדאַנקען, וואָס זײַנען שוין פֿאַרקערפּערט און פֿאַרלייקענען דעם שעפֿערישן געדאַנק ווען ער קעמפֿט פֿאַר זײַן פֿאַרקערפּערונג.

ווערט דער ייִדישער נאַציאָנאַלער געדאַנק פֿאַרלייקנט.

גיט זיך דער אַסימילאַטאָר אונטער דעם פֿאָלק, וואָס זײַן נאַציאָנאַלע אידיי האָט געפֿונען איר פֿאַרקערפּערונג... און דער

פּאָליטישער ציוניסט זוכט אַ היים פֿאַר די „וואָס ווילן נישט אָדער קאָנען זיך נישט אַסימילירן!"

ווי קאָן מען שטרײַטן פֿאַר כּלל ישׂראל?

און דאָס זעלבע טוט דער פּראָלעטאַריער.

און אין דעם באַשטייט אונדזער אַנאַרכיע. דער פּרט שטעלט זיך אויפֿן אָרט פֿון נישט-געזעענעם, נישט אָנגעטאַפּטן כּלל... דאָס גליד אין אָרגאַניזם וויל אים באַהערשן און ציל ווערן!

און וויל מען דעם כּלל ישׂראל פֿאַרקערפּערן אין ייִדישע קאָנגרעסן, וואָס זאָלן אַרויספֿירן דעם סינטעז פֿון אַלע ייִדישע לײַדן, האָפֿענונגען, אידייען און אינטערעסן, שטעלט זיך דער חכם פֿון קלויז און פֿרעגט:

— נאָך וואָס? צו וואָס?

אײַ, אינטערעסן זײַנען פֿאַראַן גרויסע, די קעפּ אָבער זײַנען פֿאַר זיי צו קליין, די הערצער צו ענג...

זאָלן אָבער אונדזערע פּאַרטייען וואַקסן, ווערן ייִדישע וועלט-פּאַרטייען, וועט זיך אויך זייער סינטעז געפֿינען און פֿאַרקערפּערן, וועלן מיר האָבן אַלגעמיינע ייִדישע קאָנגרעסן. און דעמאָלט וועט זיך אונדזער פּרט אונטערוואַרפֿן דעם כּלל.

***

דער מענטש באַשטייט פֿון גלידער, דאָס פֿאָלק — פֿון פּאַר-טייען. דאָס איז די פֿאַרטיילונג און ספּעציאַליזירונג פֿון דער אַרבעט. ווי דעם מענטש, וואָס איין גליד פֿון זײַנע גלידער וויל זיך אים נישט אונטערוואַרפֿן, וויל זײַן אייגענעם ווילן האָבן, ציל ווערן, און אַלע אַנדערע באַהערשן; און ווי דעם פֿאָלק, ווען עס טוט עס איינע פֿון זײַנע פּאַרטייען, דערשטיקנדיק די אַנדערע . . .

וועגן געשיכטע

ליב האָבן הייסט קענען! ליב האָבן דעם כּלל ישׂראל הייסט: זײַן צוגעבונדן, נישט צו צוואַנציק-דרײַסיק ייִדן, נאָר צו דער גאַנ-צער לענג פֿון אַלע דורות און צום גאַנצן הײַנטיקן דור, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט.

נישט נאָר אַ מענטש, נאָר אויך אַ פֿאָלק דאַרף האָבן אַ זכּרון! און אַ פֿאָלקס זכּרון איז די היסטאָריע! אָן היסטאָריע — ווי אַ מענטש

אָן זכּרון — קען קיין פֿאָלק נישט קליגער, נישט בעסער ווערן. פֿון וואַנען זאָל דאָס פֿאָלק נעמען פּראַקטיק אין דער שלעכטער צײַט, עצות און בטחון, אַז יעדער דור מיט זײַנע צרות און נחת, חסרונות און מעלות, ווערן „אָפּגעשניטן און אָוועקגעלייגט”, אַז וואָס אַרײַן אין גרוב איז אַרויס פֿון קאָפּ.

גאָט און מענטש

די אידיי אַז עס איז פֿאַראַן עפּעס העכערס, פֿאַר וועלכן אַ מענטש דאַרף זיך אַ מאָל אָפּשטעלן, אויף די קני פֿאַלן און זאָגן: איך האָב געזינדיקט און וועל נישט מער; איך נעם דעם וועג, שטײַגנדיק צו דיר . . . די אידיי איז נישט קאָנסערוואַטיוו, נישט קעגן פּראָגרעס...

***

נעמט אַ תּנכל, נעמט אַ סידורל. קוקט אַרײַן, בלעטערט דאָס תּנכל דורך, און זעט: צי איז דאָ ערגעץ אַ געבאָט, איר זאָלט הונגערן? צי האָט גאָט ערגעץ אָנגעזאָגט, אַ מענטש זאָל פֿרירן פֿאַר קעלט? און קומט צום נבֿיא צו און הערט זײַנע רייד! צי שטימען זיי נישט מיט אײַערע גוואַלדיקסטע האָפֿענונגען, ברייטסטע און ווײַטסטע חלומות? און דאָס סידורל עפֿנט, צי בעט עס נישט אײַער געבעט?

***

פֿון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט איז גאָט אייביק און אומפֿאַרענדערלעך; דער מענטש אָבער אַנטוויקלט זיך, זײַן פֿאָרשטעלונג פֿון גאָט פֿאַרענדערט זיך, אַנטוויקלט זיך און וואַקסט.

און וואַקסט מײַן פֿאָרשטעלונג פֿון גאָט א י ן מיר און גלײַך מיט מיר, ענדער איך אויך מײַן שפּראַך, מיט וועלכער איך רעד מיט מײַן גאָט און די סימבאָלן, אין וועלכע מײַן גלויבן גיסט זיך אויס.

***

שטעלט עמעצער אָפּ זײַן גאָט און גייט ו ו ײַ ט ע ר, ווערט זײַן אָפּגעשטעלטער גאָט קעגן אים אַלץ קלענער און קלענער, און ווערט מיט דער צײַט אַזוי קליין, אַז דער מענטש, וואָס וויל אים

נישט פֿאַרלירן, נייט אים אַ בײַטעלע, לייגט אים אַרײַן און טראָגט אים אויפֿן האַלדז, ווי אַ קמיע, אַ שמירהלע...

לעבן הייסט — האָבן געטלעכע פֿאַרשטעלונגען און, אין אַ געוויסער מאָס, געטלעכן ווילן די פֿאַרשטעלונגען אויסצופֿירן, דאָס אַרומיקע לויט פֿאַרשטעלונג, אידיי און ווילן צו ענדערן, אַרויפֿפֿירנדיק וואָס אַ מאָל נײַע פֿאָרמען, אַ שותּף זײַן צו מעשׂה בראשית.

⁂

איך לעב, האָב איך דעריבער אין מיר אַ געטלעכן פֿונק. דאָס האָבן אַלע, וואָס לעבן, און פֿילן פֿיל איך, אַז אַלץ לעבט.

דעם געטלעכן פֿונק האָט אויך דער לעסטערער. איך רעכן — נאָך אין אַ גרעסערער מאָס. עס לעסטערט די פֿאַרצווייפֿלטע ליבשאַפֿט, וואָס בענקט צום קוואַל פֿון לעבן און קען צו אים נישט קומען.

⁂

נישט אין געוועזענעם, וואָס איז פֿאַרבײַ, נישט אין באַשטייענדיקן, וואָס גייט אָפּ, איז גאָט!

אינעם שפּעטער, אין דער אייביקער צוקונפֿט, אין דער אייביקייט איז גאָט! אייביק מוז זײַן דאָס שטרעבן צו אים!

⁂

לא בשמים! — נישט אין הימל איז גאָט!

⁂

האָט מען נישט קיין גאָט, זוכט מען געצן, און די גיבן קיין תּורה נישט.

⁂

(גאָט). עס איז אַ וואָרט. אַ גרויס וואָרט. אַ סימבאָל, אַ באַצייכענונג פֿאַרן העכסטן, פֿאַרן הייליקסטן... האָבן זיי עס אין מויל אַרײַנגענומען מיט שפּײַעכץ באַנעצט... האָט זיך יעדערער אַ געטל צו זײַן פּרנסה צוגעפּאַסט, צו זײַן תּאוהלע צוגעשניטן, האָבן זיך געפֿרוכפּערט און געמערט די עבֿודה־זרהלעך...

⁂

איך האָב קיין שטרײַמל־מוסר נישט געפּרעדיקט, קיין רעליגיעזע פֿאָרמען נישט אָנגעוואָרפֿן.

מיך שרעקט נישט דער פֿרײַער געדאַנק, ווען אַפֿילו ער זאָל אויסשטרעקן די האַנט צום טעלערל פֿון הימל.

דער מענטש, וואָס בלאָנדזשעט אַרום מיט אַ בלוטיקן פֿראַגע־צייכן, איז מײַן פֿרײַנד.

מיך שרעקט נאָר און שטויסט אָפּ דאָס טעמפּע הילצערנע „ניין"! דאָס ביליקע, גראָשנדיקע שונד־אַפּיקורסות. דער פֿאַר־גילטער דלות פֿון בלײַערנעם פֿויגל, וואָס האָט זיך אָנגעפּיקט מיט מאָדערנע ביליקע שמות און שרײַט: אָט פֿלי איך, אָט הייב מיך! — און ליגט אין בלאָטע.

א י ב ע ר דער רעליגיע זײַנען פֿאַראַן וועלטן. אָבער א ו נ־ט ע ר איר — פֿי־ און פֿערד־שטאַלן, פֿרײַ דענקען איז דראַמאַטיש, צווייפֿלען — טראַגיש; אָבער די הילצערנע, עם־האַרצישע זיכער־קייט געהערט צום פֿאַרם...

אַ ניגון

(גענומען פֿון אַ „גילגול פֿון אַ ניגון")

נגינה איז אַ גרויסע זאַך!

עס ווענדט זיך נאָר, ווער עס זינגט און וואָס ער זינגט...

מיט די אייגענע ציגל קען מען שטעלן אַ שול און אַ קלויסטער, להבֿדיל, אַ פּאַלאַץ און אַ תּפֿיסה, און גאָר אַ הקדש.

מיט די אייגענע אותיות שרײַבט מען סודות התּורה און, להבֿדיל, דאָס גרעסטע אַפּיקורסות!

אַ בריוול — ווי מען לייענט עס; אַ ניגון — ווי מען זינגט אים!

אַ ניגון ברענט — אויסגעוויקט איז ער מיט ליבשאַפֿט; נאָר ליבשאַפֿטן זײַנען פֿאַראַן אַ סך: עס איז פֿאַראַן אַ ליבשאַפֿט צו כּל ישׂראל... איינער אָבער האָט נאָר ז י ך אַליין ליב.

אַ ניגון קלאָגט זיך, אַ ניגון וויינט. נאָר איינער וויינט אויפֿן פֿאַרלוירענעם גן־עדן; אַ צווייטער — אויף גלות השכינה, אויף חורבן בית־המקדש, אויף אונדזער דלות און שיפֿלות!..

נעמט כאָטש דאָס לידל:

ר' דודל האָט געוואוינט אין וואַסילקאָוו — אין וואַסילקאָוו,
און הײַנט וואוינט ער אין טאַלנע;
ר' דודל, ר' דודל האָט געוואוינט אין וואַסילקאָוו,

היינט וואוינט ער אין טאַלנע!..

עס זינגען עס טאַלנער, עס זינגען עס וואַסילקאָווער! נאָר אַז די טאַלנער זינגען, איז עס אַן אמת „פּריילעכס", שפּריצט עס און ברענט מיט שימחה, מיט תּענוג; זינגען עס אָבער וואַסילקאָווער, איז עס אויסגעוויקט מיט צער און מרה־שחורה! און ווענדן ווענדט זיך עס אָן דער נשמה, וואָס מען גיט אַרײַן אין ניגון!..

— — — — — — — — — — —

דער ניגון, מוזט איר וויסן, איז אַ סך־הכּל פֿון קולות, אָדער, ווי יענע זאָגן — טענער.

די קולות אָדער די טענער נעמט מען פֿון דער טבֿע; זיי איז קיינער נישט מחדש, און אין דער טבֿע פֿעלט נישט קיין קולות. אַלץ האָט אַ קול, זײַן אייגענעם קלאַנג, אויבֿ נישט גאָר אַ גאַנצן ניגון!

מענטשן און פֿייגל זינגען. חיות און בהמות זאָגן שירה... אַ שטיין אָן אַ שטיין קלאַפּט, מעטאַל קלינגט; וואַסער, אַז עס לויפֿט, שוויַיגט עס נישט; היינט אַ וואַלד! בײַם קלענסטן ווינטל, זינגט ער דאָך אַ „וואָלעך", אַן אמתן, שטילן, זיסן וואָלעך! און די באַן, למשל, — די חיה־רעה, מיט די רויט־פֿלאַמענדיקע אויגן. אַז זי לויפֿט, באַטויבט זי נישט מיט איר געזאַנג? אַפֿילו די שטומע פֿיש, האָב איך אין אַן אַלט ספֿר געזען, גיבן אויך אַרויס פֿון זיך אַ קול נגינה. טייל פֿיש, שטייט אין ספֿר, שווימען פֿון צײַט צו צײַט צו צום ברעג, קלאַפּן מיט די עקן אין זאַמד, אויף אַ שטיין און זײַנען זיך דערמיט מחיה!

ווייניק קולות? מען דאַרף נאָר האָבן אַן אויער, עס זאָל די קולות אויפֿכאַפּן ווי אַ נעץ, אײַנזאַפּן ווי אַ שוואָם!

נאָר פֿון טענער אַליין איז נאָך קיין ניגון נישט!

אַ הויפֿן ציגל איז נאָך נישט קיין הויז!

דאָס איז ערשט דער גוף פֿון ניגון; ער דאַרף נאָך אַ נשמה!

און די נשמה פֿון אַ ניגון איז שוין אַ געפֿיל פֿון אַ מענטשן: זײַן ליבשאַפֿט, זײַן צאָרן, לײַטזעליקייט, נקמה, האַרץ־בענקעניש, חרטה, צער, — אַלץ, אַלץ וואָס אַ מענטש פֿילט, קאָן ער אַרײַנגעבן אין אַ ניגון און דער ניגון — לעבט!

— — — — — — — — — — —

וואָרעם דאָס וואָס איז מיך מחיה, מוז אַליין האָבן אַ חיות, לעבט אַליין!

און היינט, אַז אַ ניגון איז מיך מחיה, אַז איך באַקום פֿון אַ ניגון אַן אמת חיות, אַ נײַע נשמה, זאָג איך, אַז אַ ניגון לעבט...

און והאָ ראיה: נעמט אַ ניגון און צעשנײַדט אים, זינגט אים קאַפּויער, כאַפּט פֿריִער אַרויס די מיט און דערנאָך זינגט די התחלה מיטן סוף, נו, האָט איר אַ ניגון? בסך־הכּל האָט איר אַלע קולות, עס פֿעלט אײַך קיין אײנציקער טאָן, נאָר די נשמה איז אַרויס! איר האָט אַ לעבעדיקע ווײַסע טויב געקוילעט און אונטערן מעסער איז אַרויס די נשמה!

עס איז געוואָרן אַ מת, אַ בר־מינן פֿון אַ ניגון!

— — — — — — — — — — — —

און אַ ניגון לעבט, און אַ ניגון שטאַרבט; און מען פֿאַרגעסט אַ ניגון.

יונג און פֿריש איז ער אַמאָל געווען, דער ניגון! מיט פֿריש לעבן האָט ער געשפּריצט... מיט דער צײַט איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ער האָט אָפּגעלעבט זײַן צײַט און די כּוחות זײַנען אים אויסגעגאַנגען ... עבֿר ובטל איז ער געוואָרן ... דערנאָך איז זײַן לעצטער הויך אַרײַן אין דער לופֿט און ערגעץ פֿאַרשטיקט געוואָרן — ואיננו!..

נאָר אַ ניגון קאָן אויפֿשטיין תּחית המתים...

פּלוצלונג דערמאָנט מען זיך אָן אַלטן ניגון. ער שווימט פּלוצלונג אַרויס און רײַסט זיך פֿון מויל אַראָפּ... נישט פֿילנדיק, לייגט מען אין אים אַרײַן אַ נײַ געפֿיל, אַ נײַע נשמה, און כּמעט אַ נײַער ניגון לעבט...

דאָס איז שוין אַ גילגול פֿון אַ ניגון...

פּרץ־פּונקען

די אַסטראָנאָמיע באַרעכנט פֿריִער יעדע ליקוי־חמה, ליקוי־לבֿנה; די פּסיכאָלאָגיע האַלט נישט אַזוי ווײַט. דער וועלטס נשמה ווערט ראַפּטום פֿינצטער — דער גוף קריגט אַ מין קאָנוואולסיע — און נישט נאָר זי קען עס פֿאָרויסזען, נאָר אַפֿילו ווען עס איז שוין געשען, איז זיך שווער צו גלייבן... איז עס נישט צום פֿאַרשטיין...

♦

אַז דער יצר־הרע נעמט זיך צו הילף דעם כּוח הדמיון, איז „מי יעמוד"!

♦

פֿאַר וואָס האָט גאָט באַשאַפֿן יעדע בריאה זאָל עסן עפּעס אַנדערש? — ווען אַלע זאָלן גלײַך עסן, וואָלטן אַלע גלײַך געווען.

♦

אַפֿילו שטיוול מאַכט מען אויך נישט אויף איין קאָפּיטע.

♦

אין 21סטן יאָרהונדערט — וועט איין ספּעציאַליסט אויפֿהייבן די אייבערשטע ברעם, דער צווייטער אַראָפּדריקן די אונטערשטע, און אַ דריטער וועט באַטראַכטן דאָס קראַנקע אויג.

♦

די פּרי, מוז זיך אויסשטיין אויפֿן בוים.

♦

דאָ, וואו דער עולם־הזה ווערט אַן עיקר, האָט מען טאַקע קיין עולם־הזה נישט...

♦

אַ מענטש קאָן זײַן אַ ליכטציִער, האָבן אַ פּוד ליכט אין שטוב, און אַרומגיין אין דער פֿינצטער, און טאַפּן אין די ווינקעלעך.

♦

די בשׂמים גיבן זייער ריח פֿאַרן גוף, די מעשׂהלעך — פֿאַר דער נשמה, פֿאַר דער פֿאַריתומטער, וואָכעדיקער נשמה.

♦

מאַכט מען דאָך פֿון איין שטיק האָלץ אַ לאָפּעטע און אַן עץ חיים.

♦

אַ קימא לן האָבן מיר: אַז מען פֿאַלט בײַ זיך, פֿאַלט מען מיט אַן אמת.

♦

קלאָר איז שניי — און שניי איז קאַלט, שניי איז טויט!

♦

מליצות האָב איך פֿײַנט. ווער עס זאָגט אמת, דער דאַרף קיין מליצות נישט, דער רעדט פּראָסט מאַמע־לשון.

♦

יעדערער האָט זיך זײַן רבין, זײַן אמונה, כּמעט — זײַן עבֿודה־זרהלע.

♦

פֿאַראַן אומריין וואַסער, וואָס פֿליסט אין זאַמד, און פֿליסנדיק ווערט עס וואָס אַ מאָל ריינער, ווײַל עס לאָזט איבער דאָס אומ־ריינקייט אין זאַמד; צום סוף קען מען אפֿשר דאָס גאָר טרינקען! עס איז אָבער אויך פֿאַראַן קוואַל־וואַסער, וואָס פֿליסט פֿון אַ פֿעלדז, גאָר פֿון אַ ריין, גאָר פֿון אַ הויך אָרט, נאָר עס פֿליסט איבער אַ מושבֿ, און וואָס ווײַטער עס גייט, שמוציקער ווערט עס; סם ווערט עס.

♦

דאָס דיכטן מוז זײַן אָריגינעל, אַ פּערזענלעכע שאַפֿונג. פּאָעזיע איז פּערזענלעכקייט.

♦

יעדע קאַץ האָט איר מאַרץ, און יעדער האַרץ, אַפֿילו פֿון אַ קוימענקערער, זײַן מאַי.

♦

וואָס גרעסער דער בוים, גרעסער זײַן שאָטן.

♦

אַן אמתע, נאַקעטע וואַלד־פֿילאָסאָפֿיע: אַלץ ווענדט זיך אין דער פֿויסט; די וועלט איז אַ קניש: ווער עס איז שטאַרקער, בײַסט פֿריִער אַרײַן; ווער עס האָט אַ ברייטערן מויל און בעסערע ציין, רײַסט אָפּ אַ גרעסער און בעסער שטיק...

♦

צוויי גלות־בלימעלעך שפּראָצן אין ייִדישן האַרץ: „אַבי ווײַ־טער!" און „אַבי איבערקומען!"

♦

קיין סך ניגונים האָט קיין שאַרמאַנקע נישט.

♦

עס איז דאָך פֿאָרט פֿאַראַן אַזאַ וואָרט, אַלץ איבערצומאַכן, איבערצוקערן...

♦

עס וואָלט קיין מאָל קיין שׂרפֿה נישט געווען, מענטשן זאָלן באַלד דערזען דעם רויך.

♦

גוט פֿאַר פֿרעמדע זײַנען געוויינטלעך די וואָס זײַנען שלעכט פֿאַר אייגענע.

♦

אַלץ וואָס דריקט,
שטיקט,
אַלץ וואָס פֿינצטער מאַכט און פֿאַרריקט...
אַלץ, וואָס רויב
פֿאַרהייליקט און פֿאַרגעטערט, —
מוז ווערן צעשמעטערט!
אויף שטויב!

◆

און אין האָרצן-ראַנד
שאַפֿט אַ פֿאַרבאָרגענע האַנט...
עס וועקט זיך אַ נײַער קלאַנג.
עס שפּינט זיך אַ נײַער פֿאַרלאַנג...

◆

נישט געלאַכט און נישט געברומט!
ער גייט, דער נײַער מענטש, ער קומט!
דונער אין מויל; אין די אויגן בליצן...
ער וועט קומען און באַשיצן
פֿאַר פֿרעמדע הענט און אײַערע הענט...

◆

מײַז, פֿון פֿינצטערע לעכער אַרויס!
ווילט איר מישפּטן די נאַכטיגאַל
פֿאַר איר מאָרגן-ליד,
פֿאַר איר פֿרילינג-ליד,
פֿאַר איר העכסטן ליבעס-ליד?
שוואַרצע, פֿינצטערע וואָלקן-שטיקער,
ציטערט איר פֿאַר מאָרגן-שטראַל?

◆

אויף אַלע וועגן קען מען ברענגען משיחן. אַבי נישט געלעגן אין הײַנטיקן זומפּ, אַבי נישט געשטאַנען אויפֿן אָרט.

◆

גרויסע מענטשן גייען זייער וועג, נישט נאָך דער סטאַדע.

◆

דאָס ניצלעכע מוז זײַן שיין, דאָס שיינע מוז זײַן דערהויבן, וויניקסטנס וואָר זײַן.

◆

אַז מיר האָבן יוגנט, ווייס איך, אַז מיר זײַנען נאָך נישט געשטאָרבן, נאָך אַפּילו אַלט נישט געוואָרן.

♦

גלײַכע, אידעאַלע ליניעס עקסיסטירן אין בוך, אין דער מאַטעמאַטיק; דאָס לעבן קען נאָר געבראָכענע.

♦

דאָס לעבן שטעלט מען נישט אָפּ. עס גייט ווײַטער, און וואָס עס האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווערט פֿון לעבן פֿאַרלאָזט, הערט עס אויף צו לעבן.

♦

אייביק זײַנען די אידייען, זיי בײַטן נאָר, אין דער אַנטוויקלונג, די פֿאָרעם.

♦

זײַנען ליבשאַפֿט, באַרעמהאַרציקייט און גערעכטיקייט די געטלעכע אַטריבוטן אינעם מענטשן.

♦

זאַץ און קעגנזאַץ — ביידע, באַזונדער גענומען, זײַנען נישט לעבנספֿעיִק...

לעבן איז קאַמף; לעבנספֿעיִק איז דער סינטעז.

און זאָל ער געזונט און שטאַרק זײַן, מוזן געזונט און שטאַרק זײַן אי זאַץ, אי קעגנזאַץ!

♦

חלומות זײַנען פֿאַרגעפֿילן פֿון גרויסע אידייען... און גרויסע אידייען זוכן מיט מאַכט זייער פֿאַרקערפּערונג אין פֿאַקטן...

♦

מאַסן בלומען וואַקסן אַרויס פֿון מיסט; מאַסן צדקות קומען פֿון גנבֿהשן געלט.

♦

אין יעדן מענטש שטעקט אַ ביסל גוטס; ווער עס גיט עס אין גאַנצן אַוועק גאָט, דעם בלײַבט שוין גאָרנישט פֿאַר מענטשן.

♦

נישט איינער ווערט גרויס, ווײַל ער שטעלט זיך אויף אַ בעסערן קאָפּ, ווי זײַן אייגענער איז.

♦

צו פֿויל זיך אַליין צו פֿאַרבעסערן, וויל מען בעסער אַלץ אַרום פֿאַרדאַרבן, עס זאָל פּאַסן צו אונדז.

♦

שיין איז דאָס געהאָפֿטע, ווערטלאָז דאָס באַקומענע.

♦

די ייִדישע ליטעראַטור דאַרף באַטראַכט ווערן נאָר ווי אַ מאָמענט פֿון דער אייביק־ייִדישער קולטור.

♦

ווייל די ייִדישע ליטעראַטור זײַן ייִדיש — מוז זי עס זײַן ניט נאָר אין שפּראַך, אין דער פֿאָרעם פֿון וואָרט, זי מוז ווערן ייִדיש אין תּוך, אין דער נשמה.

♦

עוואָלוציאָנערע מאָמענטן פֿון פּראָגרעס זײַנען מעגלעך נאָר בײַם צוזאַמענטרעפֿן זיך פֿון פֿאַרשיידענע קולטורן, פֿון פֿאַרשיידענע אָבער גלײַכבאַרעכטיקטע. דעמאָלט קומט צו אַ קעגנזײַטיקן אײַנפֿלוס, צו אַ קעגנזײַטיקער באַפֿרוכפּערונג און ביידע פּראָגרעסירן.

♦

משיח איז נאָך נישט געקומען, נישט אויסגעלייזט איז די וועלט. מיט זינד איז זי פֿאַרפֿלייצט, פֿאַרפֿלאָסן מיט טרערן און מיט בלוט! נישט גאָטס וואָרט רעגירט, נישט זײַן גערעכטיקייט...

♦

דער חומש וויים נישט פֿון קיין ג ל ו י ב ן; ער רעדט פֿון פֿ אָ ר ש ן, ו ו י ס ן און ק ע נ ע ן. ער רעדט פֿון ל ע ב ן.

♦

לעבן הייסט באַוועגן זיך, אַנטוויקלען, פּראָגרעסירן; דאָס אַרומיקע ענדערן לויט ווילן און גײַסט...

♦

גאַנץ אָפֿט פֿאַרלירט מען דעם וועג און מען מוז אים צ ו ר י ק - ג י י ן ז ו כ ן.

גאַנץ אָפֿט מוז מען צוריקגיין און אויפֿהייבן דאָס פֿאַרגעסענע, דאָס פֿאַרלאָרענע — אַנישט קען מען ווײַטער נישט גיין...

שטיין בלײַבן טאָר מען קיין מאָל נישט!

♦

פֿאַרשטיינערטע רודימענטן — איבערבלײַבענישן פֿון געוועזענעם און איבערגעקומענעם, מוזן, אויב זיי שטערן, אַפּגעראַמט ווערן פֿון וועג.

♦

אָפּגעלעגענע רואינען, חורבֿות פֿון אַלטע שלעסער ווערן אויפֿגעהאַלטן אַלס היסטאָרישע צייכן — אָדער אויס לויטער פּיִעטיזם — וואוינען אין זיי קאָן נאָר ד ע ר מענטש, וואָס אַנטלויפֿט פֿון ייִשובֿ, וואָס זאָגט זיך אָפּ פֿון לעבן.